STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06974

10 EYN AKTERS

Sh. Dayksel

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

10 איין־אַקטערס

ש. דייקסעל

פערטער באַנד.

אויסגאַבע: „פרייהייט"
שער־בלאַט געצייכנט פון י. גאָטבערג
ניו־יאָרק, 1925.

Copyright 1925
by
SAMUEL DAIXEL

(אויפפירונג אָן דער ערלויבעניש
פונ׳ם שרייבער — פאַרבאָטן)

Published by
THE "FREHEIT"
New York 1925

10 איין־אַקטערס

ש. דייקסעל

אינהאַלט:

	זייט
אַף אַ נייעם וועג	7 —47
נאָך צוועלף ביינאַכט	48 —71
נאַקעטע נשמות	72 —105
אין אַ שלאָפלאָזער נאַכט	106—127
ווען די געטער ליבן	128—162
צוויי פאָטערס	163—176
דאָס פייער פון אונזערע הײמען	177—204
ווי מיר זיינען	205—221
אין זיך	223—232
שאַך־מאַט	233—241
שוואַרץ און ווייס	243—255

אף אַ נייעם וועג

(צוויי בילדער)

פ ע ר ז אָ נ ע ן :

עזרא
בערטא
ארנאָלד
בעלא
מארטין
עווא
גראפער
ראָזא

ע ר ש ט ע ב י ל ד.

אַ שיין מעבלירטער צימער. צוויי טירן: איינע רעכטס, פון גאַס, די צווייטע, לינקס, פירט אין שלאָף־צימער. צוויי פענסטער אין דער מיטל־סטער וואַנט. רעכטס אַ קליין טישל, צוויי שטולן בײַ די זייטן. צווישן ביידע פענסטער אַ סאָפע, אַרם־שטולן אין די ווינקלען. רעכטס אַ לאָמפּ פונ'ם דיל און אַ שראַנק מיט ביכער. אַפּ'ן דיל אַ קולום, אַף די ווענט עטלאַכע גראַווירן.

פאַרנאַכט. די זון האַלט אין פאַרגיין. עזרא ליגט אַף דער סאָפע, פאַר־טיפט אין אַ בוך. רויכערט. אַ פּאַוזע. בערטאַ קומט אַריין פון גאַס מיט אַ קליינעם פּעקל אין האַנט. בלייבט שטיין נעבן דער טיר. עזרא דרייט אויס דעם קאָפּ, גיט אַף איר אַ קוק, פאַרטיפט זיך ווידער אין בוך. בערטאַ קוקט אַף אים אַ ווײַלע, זיפצט אָפּ, שאָקלט אומצופרידן מיט'ן קאָפּ. אַ קליינע פּאַוזע.

בערטא (מיט אַ געמאַכטן שפּאַס): עזרא, א מענטש איז געקומען.

עזראַ (דרייט אויס דעם קאָפּ): וואו?

בערטאַ (גייט צום טיש, לייגט אַוועק דאָס פּעקעלע): צום באַדויערן איז אָבער דער מענטש אין דער זעלבער צייט אויך דיין פרוי און — נול וונימאַניאַ!

עזראַ (אומצופרידן): אַ גאַנץ פלאַכע חכמה.

בערטאַ (טוט אויס דעם הוט): אָבער א גאַנץ טראַ־גישע.

עזראַ: דריי עמיצן אַנדערש א קאָפּ, ניט מיר! (פאַר־טיפט זיך אין לעזן.)

בערטא (קוקט אף אים א ווײַלע, גייט צו, רעדט מיט א געמאַכטער צערטלאכקייט)): אָ, ווי מיר זיינען עס היינט פאַר־טיפט אין לעזן! (זעצט זיך אף דער סאָפע, נעמט אים לייכט ארום): ניטאָ קיין צייט אף מיר אפילו א קוק צו טאָן. כ'וואָלט א בעלן געווען צו זען, וואָס פאַר א בוך שלינגסטו עס אזוי זשעדנע? (קוקט אריין אין בוך.) אָ, האָסט שוין געקראָגן מערלען מאַרק'ס בוך „די נשמה פון א פרוי"? איצט פאַרשטיי איך שוין. (מישט איבער א בלעטל אין בוך, קוקט אריין).

עזרא (אומצופרידן): וויפיל אשטייגער וואָלסטו גע־וואָלט, זאָלסט זיך אָפּטשעפּן?

בערטא (מיט א געמאַכטער פרײַלאכקייט): אָ, ווי בייז! (גלעט זיינע האָר). שוין עטלאַכע מאָנאַטן, אז מיר האָבן זיך אָנגעהויבן ארומצוקריגן. וועסט דאָך ניט וועלן, עזרא, אז מיר זאָלן זיך אויך היינט קריגן?

עזרא (נעמט אומגעדולדיק אראָפּ איר האַנט פון זיין קאָפּ): נו, וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט? זעסט דאָך, איך לעז א בוך און אן אינטערעסאַנטן דערצו. קענסטו ניט אויסוואַרטן אף שפּעטער?

בערטא (לאַכט נערוועז): א פרוי וויל דיך א לאַסטשע טאָן, א גלעט טאָן און דו הייסט איר וואַרטן אף שפּעטער. וואָלסטו אזוי געהאַנדלט ווען דאָס זאָל זיין אן אַנדערע, א פרעמדע?

עזרא (זעצט זיך אויף): ס'איז ניט אויסצוהאַלטן! וואָס ווילסטו? כ'זאָל פון הויז אנטלויפן?

בערטא (זיפצט): קענסט עס טאָן, אָבער מיט איין תנאי: ניט צוריקקומען מער.

עזרא (גיט אף איר א שנעלן קוק): וואָס מיינסטו?

בערטא: אָט, גאָרניט. כ'האָב א שפּאַס געטאָן.

עזרא: שפּאַסט שוין אביסל צו אָפט די לעצטע צייט.

בערטא (לאַכט): אָ, מיט וואָס פאַר א דראַאונג עס קלינגט דיין שטימע.

עזרא (וויל זיך צוריקנעמען צום לעזן).

בערטא (לייגט אַרויף איר האַנט אַפ'ן בוך): עס טוט מיר לייד, עזרא, וועסט אָבער איצט שוין מער ניט לעזן. כ'וויל וועגן עפּעס איבעררעדן מיט דיר.

עזרא (שפּרינגט אויף אַ בייזער): ס'איז איינפאַך ניט צום אויסהאַלטן מער! (גייט איבער'ן צימער).

בערטא (לאַכט געצוואונגען): אַ שאָד וואָס דו בייזערסט זיך, עזרא. איך פאַרזיכער דיך, אַז מיין טעמע וועט איצט זיין זייער אַן אינטערעסאַנטע.

עזרא: און דו קענסט עס ניט אָפּלייגן אַף שפּעטער?

בערטא (שאָקלט מיט'ן קאָפּ אַף ניין): אַפילו אַף קיין איין מינוט ניט!

עזרא (וואַרפט אַף איר אַ זייטיקן בליק, גייט איבער דעם צימער, בלייבט שטיין בא'ם ביכער־שראַנק): נו, וואָס ווילסטו זאָגן? נאָר מאַך עס קורץ?

בערטא (זיפצט): ווען כ'קען דיך ניט אַזוי גוט און וויים ניט, אַז דו ביסט א וואווילער בחור, ניט קיין נאַר און אויך ניט קיין שלעכטער, וואָלט איך נאָך דיין היינטיקער האנד־לונג און נאָך די באַציאונגען צו מיר פאַר דער לעצטער צייט געקענט דענקען, אַז דו ביסט א... גאַנץ קליינלאַך און ביליג מענטשל.

עזרא (פאַרנייגט זיך): איך דאַנק דיר!

בערטא: וואַרט צו וועסט שפּעטער דאנקען מיט אַמאָל. ענטפער מיר, עזרא, אַף צוויי פראַגן: ערשטנס, צי ליידט נִיט דיין איינגעבוירענע איידלקייט פון דיין גרינגשעצנדיקן, אָפּט גראָבן טאָן אין באַצוג צי'ר מיר און, צווייטנס, וואָס, ־ענקסטו, איז די אורזאַך פון דעם?

עזרא: אבער וואָס ווילסטו?

בערטא: דו ענטפערסט ניט.

עזרא (קוקט אף איר א ווײלע, קערט אומצופרידן אף דעם קאפ).

בערטא (ווישט אוים די טרערן): זאג, איז עס ניט מאדנע, וואס דו ביסט אזוי פארקאכט אין דער העלדין פונ׳ם ראמאן, און אין דער זעלבער צייט, שטויסטו אזוי גראב אפ פון זיך די נשמה פון א צווייטער פרוי, וועמעס געדאנקען און איבערלעבונגען, טרוימען און אנטוישונגען זיינען פונקט אזוי, כ׳וועל שוין ניט זאגן מער, אינטערעסאנט ווי דער העלדינ׳ס? פונקט ווי זי האב איך מיט פיר יאר צוריק געטרוימט וועגן מיין צוקונפטיקן, אידעאלן מאן, קריטיקירט דאס ליגנערישע גע־שלעכט לעבן פון דער ארומיקער געזעלשאפט און געבויט פלע־נער, ווי אזוי מיין אייגן לעבן אוועקצושטעלן עפעס אף גאר, גאר א נייעם אופן. (צונעמט די הענט.) און, ווי דו זעסט, איז עס אונז ביידן גלייך ניט געלונגען. פארוואס זשע יאגסטו מיך פון זיך אין דער צייט, וואס פון אירע איבערלעבונגען קענסטו זיך ניט אפרייסן?

עזרא: צוליב וואס פרעגסטו עס מיך איצט?

בערטא: פארדעק ניט איין פראגע מיט א צווייטער.

עזרא: איז עס ניט עפעס א נייע וואריאציע אין מאכן פאמיליען־סצענעס?

בערטא: ניין. ס׳איז די לעצטע אגאניע פון אן אפ־שטארבנדיקן געפיל.

עזרא (גיט אף איר אן אויפמערקזאמן קוק. זאגט האלב מיט שפאס): דו ווילסט מיך אנשרעקן?

בערטא: ניין. טויטע שרעקן זיך ניט.

(מען קלאפט אין טיר).

עזרא: אריין!

(בעלא קומט האסטיק אריין, ווישט די טרערן. גייט אפ אן א זייט).

עזרא (גייט צו צו איר): וואס איז געשען, בעלא?

בערטא: זיך שוין ווידער צעקריגט מיט ארנאלד׳ן?

בעלא (דורך טרערן): ס'איז שוין גארניט צום איבער־טראגן! זאג איך אזוי — זאגט ער אנדערש. שריי איך טאג — ענטפערט ער נאכט. וואס טוט מען? (ברעכט די הענט).

בערטא: צעגיי זיך מיט אים!

עזרא: טאקע אין אן אמת'ן. איינס פון ביידן: אדער מען שווייגט אפ איינער דעם צווייטן, אדער...

בעלא: גוט איז אייךביידן צו ריידן: איר זיינט פרייע פויגלען, האט קיין קינדער נים. וואס זאל איך טאן מיט מיינע צוויי נפש'לאך?

עזרא: וועגן דעם האט איר פריער באדארפט א טראכט טאן.

בעלא (קוקט אף אים איראניש): אך, וואס פאר א גוואל־דיקער העלד איר זיינט עס, עזרא! האט איר א סך געטראכט, ווען זי (ווייזט אן אף בערטא'ן) האט באדארפט דריי מאל לויפן צום דאקטאר, זיך לייגן אונטערן מעסער און דערנאך אפקרענקען צו עטלאכע מאנאטן? העלדן!

בערטא (צו בעלא'ן): וואס איז שוין דארטן בא אייך ווידער געשען?

בעלא: וואס מיינסטו „ווידער". ס'האט גאר קיין מאל ניט אויפגעהערט. אט זיינען מיר היינט, צום ביישפיל, אוועק אין קראם קויפן א קאלדרע און אייניקע זאכן פאר די קינדער. דאכט זיך גארניט, הא? וויל איך אזא קאלדרע, וויל ער א צווייטע. קלויב איך אפ פאר די קינדער זאכן, געפעלן זיי אים ניט. און באלד וואס, צעשריים ער זיך. פארשטייסט דאך, אז איך שרעק זיך ניט איבער און ענטפער אים פונקט אין דעם זעלבן טאן. ער האט געמיינט אין קלייט וועל איך אים אפ־שווייגן. האב איך אים געגעבן וואס ס'איז אים געקומען, אים איבערגעלאזן שטיין אין מיט'ן קלייט און בין אוועק. (גייט אויפגערעגט איבער'ן צימער).

בערטא (זיפצט): אונזערע געשעפטן, בעלא, זיינען, ווי ס'ווייזט אויס, גאנץ שלעכט.

בעלא: פון מיין „שלעכט“ ביז דיינעם איז דערוויל נאָך א היבשער חילוק.

בערטא (גיט מיט צווייפל א שאָקל מיט'ן קאָפּ).

בעלא: זאָל דער גאנצער מאָדערניזם גיין צום שווארצן יאָר! איך בין איצט מקנא מיינע טאטע־מאמע, ווי זיי האָבן אמאָל אינגאנצן אָן ליבע, אָבער ווי מענטשן אָפּגעלעבט זייערע יאָרן. (ווישט די טרערן. גייט צו דער טיר) כ'וועל גיין אהיים: די קינדער זיינען אליין. (גייט ארויס).

(א פּאַוזע).

בערטא (זיפצט): זעסט, עזרא, וואָס פאַרא פּנים אזא צוזאמענלעבן האָט!

עזרא (פאַרויכערט): יאָ. ניט קיין איבריק שיינעם.

בערטא: און מיר זיינען שוין גאנץ נאָענט פון דעם.

עזרא (גיט אַף איר א שאַרפן קוק).

בערטא: זאָג, עזרא, איז פאַר דיר קלאָר, אז דו ליבסט מיך ניט מער?

עזרא: נו... און אז יאָ איז וואָס?

בערטא: גאָרניט. כ'וויל דיר בלויז זאָגן, אז אונזערע געפילן האָבן זיך אויסגעגלייכט.

עזרא: דו מיינסט עס ערנסט?

בערטא: אָן שום צווייפל.

עזרא: צו וואָס זשע האָסטו מיך נאַר וואָס און פיל מאָל פריער געהאַלזט און געקושט?

בערטא: כ'האָב געוואָלט נאָך עפּעס ראטעווען. (זיפצט). אָבער דו האָסט ניט געלאָזן. און אלץ איז... פאַרברענט געוואָרן.

עזרא (נערוועז): צו וואָס זשע זיינען די אלע רייד?

בערטא: ווייל כ'וויל אויך איצט נאָך עפּעס ראטעווען.

עזרא (גיט זיך פאַראוים): ראטעווען? וואָס?

(מען קלאַפּט אין טיר.)

עזרא (אומצופרידן): אריין!

(גראַפּער קומט אריין, נאָך אים גייט אַרנאָלד מיט אַ גרויסן פּאַק אונטער'ן אָרים).

גראַפּער: נו, וואָס מאַכסטו, עזרא? ווי גייט עס, בערטאַ? (גייט אין צווייטן עק צימער. עזרא און בערטאַ בויגן לייכט אַן די קעפּ).

אַרנאָלד (בלייבט שטיין נעבן דער טיר. קוקט זיך אַרום).

גראַפּער (אָנווייזנדיק אַף אַרנאָלד'ן): כ'האָב אים נאָר וואָס געטראָפן אין גאַס. פון איין קוק אַף זיין פּנים האָב איך דערזען, אַז ער איז פאַרטיק אַ מענטשן צו טויטן אָדער זיך אַליין דאָס לעבן צו נעמען. אָבער דעם פּאַק האָט ער אין קיין פאַל פון דער האַנט ניט געוואָלט ארויסלאָזן. פּונקט ווי עס וואָלט געווען די עמבלעם פון זיין לאַגע.

בערטאַ (צו אַרנאָלד'ן): וואָס זיינט איר שטיין געבליבן באַ דער טיר? גייט אריין.

עזרא: לייג אַוועק דעם פּאַק.

אַרנאָלד (מאַכט אַ פּאָר טריט פאָראויס): איז בעלאַ דאָ געווען?

בערטאַ: יאָ. זי איז אַוועק אהיים.

אַרנאָלד (גייט פּאַוואָליע איבער דעם צימער).

גראַפּער: לייג אַוועק דעם פּאַק. וואָס האָסטו אים מורא פון די הענט ארויסצולאָזן?

עזרא (צו אַרנאָלד'ן): זעץ זיך צו אַביסל.

אַרנאָלד (צו בערטאַ'ן): האָט זי אייך וועגן עפּעס דערציילט?

עזרא: וואָס איז דער אונטערשיד? איין קוק אַף דיין פּנים איז גענוג אַלץ צו פאַרשטיין.

אַרנאָלד (זעצט זיך אַף אַ שטול. לעגט אַוועק דעם פּאַק נעבן זיך).

גראַפּער: גיב אַ סיגאַרעט, עזרא.

(עזרא גיט אים אַ סיגאַרעט. ביידע פאַררויכערן).

גראפער: אך, ווי גוט ס'איז צו זיין א בחור! יעדעס מאָל ווען כ'גיב א קוק ווי דו, עזרא, לעבסט זיך מיט בערטאַ'ן מער אָדער ווייניקער מענטשלאך, ווילט זיך מיר אויך חתונה האָבן. אויספּרובירן דאָס מזל. גיב איך אָבער א קוק אַף אים (ווייזט אָן אַף אַרנאָלד'ן מיט בעלאַ'ן, אָדער אַף פּילע אַנדערע פּאָרלאך און מיין באַשלוס צו בלייבן א בחור ווערט אייזן שטאַרק. צו וואָס? בעסער מיט'ן קאָפּ אַראָפּ פונ'ם פינפטן שטאָק.

עזרא: נו נענוג. פילאָזאָפיר ווייניקער.

גראפער: אויב כ'וועל איצט ניט פילאָזאָפירן, וועל איך שפּעטער ליגן אין דער ערד.

עזרא: קיינער שלעפּט דיך ניט פאַר די פּאָלעס.

גראפער: דו קענסט ניט וויסן. אפשר יאָ.

בערטא (צו אַרנאָלד'ן): וואָס זיצט איר אזוי פאַר־דאגה'ט? און אז מען צעקריגט זיך איז וואָס?

אַרנאָלד (הויבט זיך אויף מיט א טיפן זיפץ. נעמט דעם פּאַק): מילא. כ'וועל גיין אהיים. (גייט אַרויס).

גראפער (צו בערטאַ'ן): כ'וועל מיטגיין מיט אים. אפשר וועט מיר געלינגען זיי איבערצובעטן. (צוביידן) נו, זייט געזונט. איך בלייב שוין ווידער א בחור! (אָפּ).

(אַ פּאַוזע. בערטאַ און עזרא קוקן זיך איבער. ביידע גיבן אַ זיפץ).

בערטא: זעסט, עזרא, דאָס לעבן האָט איצט אילוסט־רירט פאַר אונז אונזער צוקונפט. בעלאַ און אַרנאָלד צאָלן איצט דעם פּרייז, ווייל זיי זיינען זיך ניט צעגאַנגען אין צייט. צעגיין זיך אין צייט און שטאַרבן אין צייט זיינען צוויי זייער נויטיקע זאַכן. זיי האָבן זיך פאַרבונדן מיט צוויי קינדער און איצט פאַרפינסטערט איינער דעם צווייטן דאָס לעבן.

עזרא (זיפצט, זאָגט פאַרטראַכט): און נאָך מער אומ־פאַרשטענדלאך איז עס, ווען מען נעמט אין אָנבאַטראַכט, אז ביידע זיינען זיי אינטעליגענטע מענטשן. און דאָך קענען זיי

זיך ניט אויפהויבן א ביסעלע העכער, זיך קאָנטראָלירן א ביסעלע מער און אויסמיידן אַט די אַלע קליינזיקייטן.

בערטא ס'איז לייכט צו ריידן וועגן יענעם. (גיט אים א קוק אין די אויגן, זאָגט שנעל): קענען מיר עס? דערמאָן זיך אָן דיין באַציאונג צו מיר מיט איין האַלבע שעה פריער.

עזרא (וויל איר ענטפערן, האַלט זיך צוריק. קערט אָפּ דעם קאָפּ).

(א פּאַוזע).

בערטא (ווייך): קום אהער, עזרא. זעץ זיך אַט דאָ, אפ'ן ארם-שטול נעבן מיר און לאָמיר זיך דורכריידן.

עזרא (קוקט אַף איר א וויילע. זיפצט): גוט. (גייט צו, זעצט זיך.)

בערטא: ווייסט, עזרא, איך דענק, אַז זייער א סך מיאוסע טאַטן און אומדערטרעגלאַכע לאַגעס וואָלטן אויסגעמידן געוואָרן, א סך פריינט וואָלטן ניט געוואָרן קיין שונאים, ווען מענטשן האָבן דעם ווילנס-קראַפט מענטשלאַך זיך דורכצוריידן צווישן זיך.

עזרא (שאָקלט מיט'ן קאָפּ אַף יאָ).

בערטא: דאָס וויכטיקסטע איז צו זיין אָפנהערציק, ניט מורא האָבן צו קוקן דעם אמת גלייך אין די אויגן אריין. ביסטו וויליק אזוי זיך דורכצוריידן?

עזרא (נעמט אָן איר האַנט): יאָ, בערטא, רייד.

בערטא (גייט איבער מיט דער האַנט איבער זיינע האָר): אזוי איז גוט. ביסט ווידער מיין אמאָליקער איידעלער עזרא.

עזרא (גלעט איר האַנט).

בערטא (נאָך א פּאַוזע): כ'וויל דיר זאָגן, עזרא, אַז איך האָב דיך שוין איצט ניט ליב אזוי ווי פריער און דו מיך נאָך ווייניקער. ווייסט דאָך, ווי עס גייט? צוערשט איז מען פארליבט, שפּעטער ליבט מען, נאָך שפּעטער ווערט מען גלייכ־

גילטיק און ס׳קומט די פראגע וועגן דולדן איינער דעם צווייטן. בא אייניקע גייט עס צו גאנץ גלאט, אפט אפ׳ן גאנצן לעבן, און בא אנדערע... (צענעמט מיט די הענט) גייט עס ניט. מיר זיינען, ווי ס׳ווייזט אויס, פון די לעצטע. ס׳איז אונז ביידן ענג געווארן. (קוקט אים אין פנים.) ניט אמת?

עזרא (קווייטשט זיך א ווײלע): יא. כמעט ווי אמת.

בערטא: ניט כמעט, נאר זיכער.

עזרא (מיט אליינקטן שמייכל): נו, וואס זשע פאר א מיטל האסטו דערצו?

בערטא: דעם איינציקן און דעם זיכערסטן!

עזרא (קוקט איר אין פנים): צום ביישפיל?

בערטא: זיך צעגיין.

עזרא (הויבט זיך האסטיק אויף): דו שפאסט?

בערטא (קוקט אים גלייך אין פנים אריין, שאקלט מיט׳ן קאפ אף ניין).

עזרא (שפאנט איבער׳ן צימער): עפעס קלינגט עס אזוי מאדנע, אומגלויבלאך.

בערטא: און דאך איז עס דער איינציקער מענטשלאכער וועג, און מיר וועלן מוזן ארויפטרעטן אף אים.

עזרא: עפעס קוקט דיין באשלוס בא מיר אויס ווי געקינצלט.

בערטא: האסט א טעות, עזרא. ס׳איז אפשר א ביסל ניי, נים געוויינלאך, אבער ניט געקינצלט. אזוי דארפן האנדלען אנטוויקלטע מענטשן, אמת׳ע פריינט, ווען זיי דערפילן, אז זייער ליבע איז אפגעשטארבן. צו דענקסטו, אז ס׳איז בעסער צוווארטן ביז מיר וועלן ווערן שונאים?

עזרא: דאס איז נאך ערגער! (שפאנט אויפגערעגט איבער׳ן צימער).

בערטא (זאגט לאנגזאם און פעסט): עזרא, מיר מוזן זיך צעגיין. און וואס שנעלער — אלץ בעסער.

עזרא: מעגלאך ביסט גערעכט. (בלייבט מיט אמאל שטיין

פאַר איר): זאָג, בערטאַ, איז עס ניט קיין שפּאַס? ליבסטו מיך אין אַן אמת'ן ניט מער?

בערטא (קוקט אים גלייך אין די אויגן): כ'וויס, ס'וואָלט דיר זיכער מער הנאה געטאָן דו אַליין זאָלסט זיין דער גלייכגילטיקער און איך זאָל כאַטש בלייבן מיט אַ שטיקל צעבראָכענעם האַרץ. ניט אמת? איך קען דיך אַ ביסל באַרואיקן: אין מיר איז נאָך אין יעדן פאַל פאַרבליבן צו דיר מער ליבע און אכטונג ווי אין דיר צו מיר. אָבער קיין ווירקונג אַף אונזער באַשלוס קען עס ניט האָבן.

עזרא (שפּאַנט איבער'ן צימער. בלייבט מיט אַמאָל שטיין פאַר דער פרוי): גוט, בערטאַ, ביסט גערעכט! איך מוז עס צוגעבן, ניט קוקנדיק וואָס עס טוט מיר איצט זייער וויי. איך שעם זיך צו דערמאָנען ווי געמיין כ'האָב גאַנץ אָפט געהאַנדלט קעגן דיר.

בערטא (גיט אים די האַנט): גוט, אינגל מיינער! אויב אַזוי, זעץ זיך אָט דאָ נעבן מיר און הער מיך אויס. (ווישט אויס די טרערן).

עזרא (זעצט זיך. זאָגט גערירט): דו וויינסט?

בערטא: וועסט דאָך ניט פאַדערן כ'זאָל איצט לאַכן? (זיפצט.) הער. דו ביסט דער ערשטער מאַן אין מיין לעבן. האָסט דער ערשטער פאַרווירקלאַכט מיינע טרוימען, מיך אַף אַ לאַנגער צייט פאַרפילט און אינגאַנצן באַפרידיקט. און כ'וואָלט געוואָלט, אַז אונזער שיידן זיך זאָל זיין פּונקט אַזוי שיין און יום־טוב'דיק ווי אונזער צוזאַמענקומען איז געווען.

עזרא (שאָקלט צו מיט'ן קאָפּ): גוט, טייערע. איך פאַרשטיי דיך!

בערטא: היינט איז דאָנערשטיק. אַף שבת אָוונט וועלן מיר צוזאַמענרופן אַלע אונזערע פריינט און פּראַווען די זעלבע וועטשערינקע ווי ווען מיר האָבן חתונה געהאַט. זי איז אויך געווען שבת. (לאַכט דורך טרערן.) אפשר ניט גוט?

עזרא (קוקט איר אין פנים, נעמט אירע ביידע הענט און דריקט זיי צו צו די ליפן).

בערטא (דורך טרערן): כ'וויל אונזער צוזאמענלעבן זאָל פאַר אונז ביידן בלייבן א טייערע, מעגלאך א הייליקע, עראינערונג! (באפרייט איין האַנט פון זיינע הענט און ווישט די טרערן).

(פאָרהאַנג)

צווייטע בילד.

דער זעלבער צימער וואָס אין ערשטן בילד. אין דער מיט אַ שיין געדעקטער טיש. אַף אים געפינען זיך פלעשער וויין און בראַנפן, שטייען טעלער מיט ניס, פרוכט און לעקאַך. אין מיטן טיש אַ בוקעט בלומען. פאַר׳ן טיש שטייט אַן אָפענער קאַסטן, אַף אַ שטול נעבן — אַן אָפן רענצל. אָפ׳ן דיל ליגן אָנגעוואָרפן מענערשע זאַכן און אונטערוועש. די פיר עלעקטרישע לעמפלאַך אין מיטן צימער זיינען איינגעוויקלט אין קאָלירטע פאַפירן: רויט, בלוי און געל. עס ברענט בלויז דער לאָמפּ אין ווינקל.

ס׳איז אַרום 8 אַזייגער אין אָוונט. עזרא שפּאַנט אַן אויפגערעגטער איבער׳ן צימער. אַלע מאָל פאַררויכערט ער אַ נייעם סיגאַרעט און וואַרפט אים באַלד אַוועק אַ ניט דעררויכערטען. בערטאַ שטייט אַף די קני פאַר׳ן קאַסטן און לעגט אַהין אַריין זאַכן פונ׳ם דיל און פונ׳ם רענצל. אַ פּאַוזע.

בערטאַ: געדענק, עזרא, האָסט זיבן אויבערשטע העמדער און פינף פּאָר אונטערוועש.

עזרא: כ׳וועל געדענקען.

בערטאַ: און ווען מען גיט אַוועק וואַשן, באַמיט מען זיך צו פאַרשרייבן וואָס מען גיט. זיי ברענגען אַמאָל צוריק פּונקט האַלב וויפיל זיי קריגן.

עזרא: גוט, כ׳וועל פאַרשרייבן. (אַ פּאַוזע).

בערטאַ (לעגט צונויף די זאָקן): די זאָקן צייל איך ניט. כ׳האָב זיי נעכטן אַלע אויסגעפאַריכט. און אויב עס מאַכט זיך אַ קליין לעכל, וועט דיר גאָרניט שאַטן, זאָלסט נעמען אַ נאָדל מיט אַ פאָדעם און עס אַליין פאַרציען. דאָס ניי־געציינג געפינט זיך אין פּודל מיט דיינע קאָלנערס.

עזרא: גוט. כ'וועל פאַרנייען. (אַ קליינע פּאַוזע. ער בלייבט שטיין באם טיש, באַטראַכט אים, פירט איבער דעם בליק אַף בערטע'ן, קוקט נאָך אַמאָל אַפ'ן טיש, הויבט מיט די אַקסלען און שפּאַנט ווידער איבער'ן צימער. אַ קליינע פּאַוזע).

בערטאַ: דיין ווינטער-מאַנטל ליגט אַפ'ן סאַמע דעק פונ'ם קאַסטן. כ'האָב אים גוט איבערגעשיט מיט נאַפּטאַלין. דער פּליושענער קאַפּעליוש ליגט אויך דאָרטן.

עזרא: גוט. כ'דאַנק דיר. (אַ קליינע פּאַוזע. בלייבט שטיין נעבן דער פרוי.) זאָג מיר נאָר, בערטאַ, איז אַלץ וואָס קומט איצט דאָ פאָר טאַקע אַן אמת, צי עס חלומ'ט זיך מיר?

בערטאַ (זעצט זיך אַוועק אַפ'ן דיל, אָנגעשפּאַרט אָן קאַסטן): ס'איז אַן אמת, עזרא, אַ טרויעריקער אמת.

עזרא (ווייזט אַפ'ן טיש): און דאָך שטייען אַפ'ן טיש בלומען, וויין און בראַנפן. מען ערוואַרטעט געסט אַ יום-טוב צו פּראַווען? וואָס טוט זיך דאָ? (רייבט מיט ביידע הענט דעם שטערן.) און דו שטייסט אַף די קני און לעגסט אַזוי זאָרגפעלטיק צונויף מיינע שמאַטעס?! (הויבט מיט די אַקסלען).

בערטאַ (לאַכט ביטער): דאָס וויקלען מיר דעם טרויער פונ'ם אמת אין העלע פאַרבן. מענטשן טאָרן ניט ווערן קיין שונאים, בפרט נאָך געוועזענע געליבטע. און דאָך צוגייען זיך נײַן פון יעדערע צען פאַרלאָך מיט הערצער פול מיט האַס, פאַרשעלטנדיק דעם טאָג פון דער ערשטער באַגעגעניש. אָ, ווי שוידערלאַך דאָס איז! ווי טיף באַליידיקט עס דאַרפן זיך פילן די גליקלאַכע טעג און נעכט פון זייער ליבע. מענטשן פאַרגעסן אָבער דאָס גוטע, דאָס שיינע און גיבן זיך אַזוי לייכט איבער אין דער מאַכט פונ'ם בייזן און מיאוס'ן. (עזרא לאָזט זיך אַראָפּ אַף די קני, שפּאַרט זיך אָן אין קאַסטן, קוקט איר גלייך אין פּנים.) אָבער מיר, עזרא, וועלן עס ניט טאָן. מיר וועלן ניט פאַרשעמען אונזערע גליקלאַכע טעג און צויבערנדיקע נעכט, ניט ערלויבן דער גלייכגילטיקייט צו פאַרציען אונזערע הערצער מיט איר טונקעלן שפּין-וועב. (גיט זיך עטוואָס אַ רוק נענטער צו אים.)

קענסטו זיך, עזרא, פאַרשטעלן, אז איך, דיין בערטא, זאָל ווערן דיינער אַ שונא? אז איך זאָל אָפּקערן אין גאַס דעם קאָפּ, דערזעענדיק דיך פון ווייטנס? (לאַכט ביטער. ער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ אַפּ'ן זייטל פונ'ם קאַסטן.) און אַף מיר ציטערט די הויט באַם געדאַנק, אז דו קענסט פילן עטוואָס ענלאַכעס צו מיר.

עזרא (כאַפּט זי אָן פאַר די הענט): אָבער אַזעלכעס איז דאָך באַ אונז סיי ווי אוממעגלאַך!

בערטאַ: איצט איז עס אוממעגלאַך. מיר האָבן פאַרכאַפּט אין צייט. מיר זיינען אָבער געגאַנגען צו דעם, פונקט ווי טויזנטער אַנדערע.

עזרא: פאַר וואָס איז עס אַזוי?

בערטאַ (ווישט די טרערן): ווער ווייסט. אפשר לעבן מיר איצט דורך אַזאַ צייט, אָדער אפשר טאָרן צוויי מענטשן ניט זיין צופיל צוזאַמען?

עזרא (זעצט זיך אַוועק לעבן איר, נעמט זי אַרום): ווייסט, כ'פיל, אז איך ליב דיך איצט פונקט ווי אין די גאָר ערשטע צייטן פון אונזער ליבע.

בערטאַ (שפאַרט צו דעם קאָפּ צו זיין אַקסל): איך אויך.

עזרא (קוקט איר אין פּנים): וואָלטן מיר, אפשר, אָנגעהויבן פון דאָס ניי? (ווייזט מיט'ן קאָפּ אַפּ'ן טיש.) אַלץ איז פאַרטיק צום יום־טוב. די געסט וועלן באַלד קומען.

בערטאַ (קוקט אים אַ ווײַלע אין די אויגן אַריין. זיפצט. שאָקלט מיט'ן קאָפּ אַף ניין): ניין, עזרא, ס'איז אוממעגלאַך.

עזרא: ביסטו זיכער אין דעם?

בערטאַ (שאָקלט מיט'ן קאָפּ אַף יאָ): זיכער! ווען מ'האָט אַ זאַך אין קעשענע, ווי קען מען זיך פאַרשטעלן, אז מען האָט עס פאַרלוירן און זיך באַלד טאַקע אָנהויבן פרייען, אז מען האָט עס געפונען. עס קען, אפשר, גילטן פאַר קליינע קינדער. מיר אָבער זיינען שוין אויסגעוואַקסן. מיר מוזן פאַרלירן און צאָלן די פרייז. און אויב . . . עס געלינגט אַמאָל ווען צוריק צו געפינען דאָס פאַרלוירענע גליק — איז אודאי גוט. קען מען

זיך דאָן פרייען. אָבער עס טרעפט זעלטן: צופיל זוכער זיינען אין לעבן פאַראַן. מענטשן, אַפילו די סקעפּטישסטע, ווערן קיינ־מאָל ניט מיד צו גלויבן און זוכן דאָס, וואָס עס וואָלט באַדאַרפט זיין און איז דערווייל נאָך וויט, וויט ניטאָ.

עזרא (דריקט זי צו זיך): ווי קלוג, בערטאַ, דו ביסט און וואָס פאַר אַ שיינע נשמה דו האָסט!

בערטאַ (שמייכלט ביטער): כ'האָב עס געהערט פון דיר אין די ערשטע חדשים פון אונזער ליבע. שפּעטער האָסטו עס אויפגעהערט צו באַמערקן.

עזרא: ווי שולדיק איך פיל זיך. כ'בין זיכער, ווען איך האָב מער פאַרשטאַנד, וואָלסטו מיך נאָך איצט אויך שטאַרק ליב געהאַט. ניט אמת?

בערטאַ: מעגלאַך.

עזרא (קוקט איר אין די אויגן): זיי מיר מוחל!

בערטאַ (קוקט זיך איין אַ ווײַלע אין אים, פאַלט צו מיט אירע ליפּן צו זיינע. אַ פּאַוזע. מען קלינגט. ביידע הויבן זיך שנעל אויף).

עזרא: צוב טייוול זאָלן זיי דאָרטן אַלע גיין!

בערטאַ (נעמט זיך ווידער צום קאַסטן): עפן די טיר.

עזרא (עפנט די טיר. בעלאַ און אַרנאָלד קומען אַריין. זי טראָגט אַ קינד אַף די הענט. אַרנאָלד גיט עזרא'ן די האַנט, רעדן עפּעס שטיל צווישן זיך).

בעלאַ (גייט צו, קוקט אַריין אין קאַסטן): וואָס טוסטו?

בערטאַ: כ'לעג צונויף זיינע זאַכן.

בעלאַ (פאַרוואונדערט): און ער אַליין איז קליין עס צו טאָן?

בערטאַ: וואָס איז דער חלוק? כ'בין נעכטן ניט געגאַנגען אַרבעטן, האָב איך אַלץ אויספּאַריכט און אויסגע־פּרעסט.

בעלאַ (הויבט מיט די אַקסלען): דאַכט זיך, אַז דיין מאַ־דערניזם וועט דיך שוין דערפירן ביז משוגעת. איך אַף דיין

ארט וואלט אנגעשמירט די טרעפ מיט פראסטער זייף און אים ארונטערגעלאזט.

בערטא: אזוי טוען דאך אלע לייטישע, געזעצלאכע פרויען. וואס זשע איז דער חילוק פון אונז ביז זיי?

בעלא (ווישט אוים די טרערן): גלויב מיר, דאס לעבן ווערט צייטנווייס אזוי מיאוס, כאטש נעם א שטריק און הענג זיך אויף!

בערטא: און אים, ארנאלד'ן, מיינסטו איז לייכטער?

בעלא (זיפצט): אים איז אויך ניטא וואס מקנא צו זיין.

בערטא: און וואס דענקסטו איז די אורזאכע?

בעלא: ווער ווייסט? האבן מיר דאך די ערשטע צוויי יאר זייער גוט געלעבט. דער טייוול ווייסט וואס מיט אונזביידן איז געווארן. אפנים, זיך אויפגעהערט ליב צו האבן. און וואס קען מען טאן מיט צוויי קינדער אף די הענט? צוגיין זיך? כ'האב שוין געזען בא אנדערע די גליקן. ער האט גע־וויינלאך חתונה און זי מאטערט זיך מיט די קינדער. (בויגט זיך צו.) כ'וועל דיר זאגן א סוד: כ'האב מורא כ'האב זיך שוין נאך א מאל פארפאקט.

בערטא (לעגט אריין די לעצטע זאכן אין קאסטן): איז נאך ערגער.

בעלא: מילא, בא מיר איז שוין אן אלטע געשיכטע. אבער וואס איז בא דיר פלוצלונג געשען? איר האט דאך גע־לעבט גוט, זיך גאנץ ווייניק ארומגעריסן? (ווישט די טרערן).

בערטא: בעלא, מיט היינטיקן יום־טוב ראטעווע איך מיין ליבע פון האס און אונטערגאנג און מייד אוים אזוי פיל פיין און ערנידערונג אין דער צוקונפט. צו וואס־זשע דארף מען וויינען? גיי, לעג אוועק דאס קינד אף מיין בעט. (פאר־מאכט דעם קאסטן. זאגט צו די מענער פריילאך.) נו, מאנספאר־שוינען, זייט אזוי גוט און שלעפט אוועק דעם קאסטן אן א זייט.

ארנאלד: מיט פארגעניגן. (גייט צו, גיט איר די האנט.) זיך אפילו נאך ניט באגריסט.

(בעלאַ גייט אין צווייטן צימער, די מענער שטעלן אַוועק דעם קאַסטן נעבן דער רעכטער וואַנט).

בערטאַ (צו עזרא׳ן): זייט אַזוי גוט, פריינט, זעצט צו אַפּ׳ן טיש זיינען פאַראַן געניג גלעזער.

עזרא (גיט איר אַ קוש אין קאָפּ): איך טו עס גלייך. (גייט צום טיש און צייַלט די גלעזער).

ארנאָלד (קוקט זיי ביידן פאַרוואונדערט אָן).

בערטאַ (צו אַרנאָלד׳ן): נו, וואָס מאַכט איר?

ארנאָלד: אַ דאַנק. אַלץ דאָס זעלבע.

עזרא: אַכט גרויסע גלעזער.

בערטאַ: נו און קליינע?

עזרא: אויך אַכט.

בערטאַ (גייט צום טיש): זייער גוט.

ארנאָלד (צו בערטאַ׳ן): קען איך אייך עפּעס אַרויס־העלפן?

בערטאַ: צושטעלט די שטולן. (באַטראַכט דעם טיש.) דאַכט זיך, אַלץ אין אָרדנונג?

ארנאָלד (רוקט צו די אָרם־שטולן צום טיש, צושטעלט די ביינלקאַך): האָט איר איינגעלאַדן אַ סך געסט?

בערטאַ: ניין. נאָך פיר מענטשן. בלויז אינטימע פריינט. עס וועלן זיין בלויז יענע, וואָס זיינען געוועזן אויף דער וועטשערינקע (ווייזט מיט׳ן קאָפּ אויף עזרא׳ן) ווען מיר זיינען זיך צוזאַמענגעקומען.

ארנאָלד: כ׳וועל אייך זאָגן דעם אמת: כ׳בין אַזוי צוטומלט, אַז כ׳ווייס אַליין ניט וואָס צו זאָגן.

בערטאַ: בעלאַ, וואָס ביסטו דאָרטן איינגעשלאָפן?

ארנאָלד: דאָס קינד האָט זיך, מן הסתם, אויפגעכאַפּט, שלעפערט זי אים איין.

(מען קלינגט. עזרא עפנט די טיר. גראַפּער ערשיינט).

גראַפּער (בלייבט שטיין בא דער שוועל): גוטער אָוונט. (באַטראַכט דעם צימער).

בערטאַ: דאָס זעלבע פון אייך צו הערן. וואָס זיינט איר געבליבן שטיין?

אַרנאָלד: קריך אריין. מען וועט דיך ניט אָפּבייסן!

גראַפּער (אין אַ פאַרלעגנהייט): איך בין ניט געקומען אַליין. כ'האָב היינט אַ גאַנצן טאָג פאַרבראַכט מיט ראָזע'ן.

עזרא (צו בערטהאַ'ן): האָסטו איינגעלאַדן ראָזע'ן?

בערטאַ: וואָס פאַר אַ פראַגע?

גראַפּער: כ'ווייס. זי שטייט איצט אין דורכגאַנג־צימער, ווישט די אויגן און האָט מורא אריינצוגיין.

בערטאַ: אַך, וואָס פאַר אַ נאַריש מיידל זי איז! (גייט אַרויס רעכטס.)

אַרנאָלד: סענטימענטאַלע לאָקשן!

גראַפּער (צו אַרנאָלד'ן): ווען אַ פרעמדער הערט, וואָלט ער געקענט מיינען, אַז דו אַליין ביסט גאָט ווייסט וואָס פאַר אַ העלד. (צו עזרא'ן) גיב אַ סיגאַרעט, בעל־שמחה, דער טייוול זאָל דיך נעמען!

(אַלע דריי פאַררויכערן. בערטאַ פירט אריין ראָזען אַרומגענומען).

בערטאַ: אַך, וואָס פאַר אַ נאַר, ראָזעלע, דו ביסט! נו, גענוג! (צו די איבעריקע.) שטייט זיך אין אַ ווינקל און וויינט.

גראַפּער: כ'האָב זי קוים אַהער דערשלעפּט. אָבער פונ'ם ווינקל זי רירן איז שוין געווען אַריבער מיינע כחות!

בעלאַ (קומט אריין. זאָגט שפּאָטיש): מענערשע כחות!

בערטאַ: עזרא, מאַך ליכטיק.

עזרא (גייט צו, גיט אַ דריק דאָס עלעקטרישע קנעפּל. די קאָלירטע לעמפּלאַך צינדן זיך אָן).

בערטאַ: נו, גענוג, ראָזע. גיב אַ קוק ווי שיין אַלץ זעט אויס!

ראָזע (הויבט אויף דעם קאָפּ, גיט אַ קוק אַפ'ן טיש, דערנאָך אַף בערטאַ'ן און צוואווייינט זיך ווידער).

בעלא: גאָט מיינער, זע נאָר ווי זי איז זיך עם צוקראָכן!
(קערט זיך שנעל אָפּ אָן אַ זייט, ווישט אוים די טרערן).

בערטא: גענוג, ראָזע, אויב דו ווילסט ניט איך זאָל זיך אויך צואוויינען. היינט איז בא אונז אַ יום־טוב און קיינע טרערן אָדער זיפצן זיינען דאָ ניט אין פּלאַץ!

ארנאָלד: בעלאַ, לעג זי אַוועק נעבן קינד, וועלן זיי זיךביידע אויסוויינען און איינשלאָפן.

בעלא (אָנווייזנדיק סאַרקאַסטיש אַפּ׳ן מאַן): אויך מיר אַ העלד!

ראָזא (באַהערשט זיך): מער וויין איך ניט! (ווישט אוים די אויגן).

בערטא: און ס׳איז ניטאָ וואָס צו וויינען. גיי אין וואַש־צימער, וואַש אוים די אויגן און זיי היינט פּונקט אַזוי לוסטיק ווי שטענדיק.

ראָזא (לאַכט פאַרשעמט): כ׳פּיל שוין גוט. (גייט אַרוים לינקס).

גראפּער (גייט איבער׳ן צימער, זינגט).

Выпьем, кума, выпьем тут:
На том свите не дадут...
Чи дадут, чи ни дадут,
Выпьем, кума, выпьем тут...

(מען קלינגט. עזרא עפנט די טיר. מאַרטין ערשיינט, נאָך אים עווא).

ארנאָלד (כאַפּט אונטער גראפּער׳ס לידל. ביידע זינגען עם איבער).

מארטין (מיט אַ געמאַכטער דרייסטקייט): אַ גוטער אָוונט, טייוואָלים! איר זינגט גאָר, האַ? עס גייט אייך, ווי ס׳ווייזט אוים, גוט אַף דער וועלט? (גיט בערטאַ׳ן די האַנט). ווי פילט איר, טייערע בערטא? (גיט אַ מאַך מיט דער האַנט צום ווייב, וועלכע שטייט אַ פאַרלאָרענע און קוקט זיך אַרום).

ב ע ר ט אַ: איך דאַנק אײַך. זײער גוט.

ע װ אַ (קומט צו זיך. גײט צו צו בערטאַ׳ן, צוקושט זיך מיט איר, רעדט מיט אַ געמאַכטער דרײסטקײט): װאָס מאַכסטו, טײערע? דיך שױן אַזױ לאַנג ניט געזען.

ב ע ר ט אַ: אַלץ, עװאַ, איז אין בעסטן אָרדנונג.

ע װ אַ (נעמט זי אַרום): אַלץ? (בײדע גײען אָפּ אין אַ זײט).

ב ע ר ט אַ: אַלץ!

ע װ אַ (קוקט זי אָן אַ רגע): איז אמת, װאָס דו האָסט מיר געשריבן?

ב ע ר ט אַ: יאָ.

ע װ אַ: אַ װעטשערינקע באַם שײדן זיך?

ב ע ר ט אַ (שאָקלט מיט׳ן קאָפּ אַף יאָ): כ׳האָף, דו װעסט מיר ניט נאָכטאָן?

ע װ אַ: כ״דענק, אַז נײן. זעלבסטפאַרשטענדלאַך, אַז ניט איך בין פאַרליבט אין מאַרטינ׳ען און ניט ער אין מיר. ס׳איז שױן אַפילו אַריבער די צײט פון ליבע. מיר קומען אָבער גאַנץ גוט אױס און דולדן אײנער דעם צװײטען אָפט אַפילו מיט פאַרגעניגן.

ב ע ר ט אַ: עס טוט מיר אמת הנאה פאַר דיר.

ע װ אַ: און איך װײס אַפילו ניט װאָס דיר צו װינטשן.

ב ע ר ט אַ (לאַכט): בעסער אַזױ.

(מאַרטין, גראַפּער און אַרנאָלד זינגען שטיל:)

Чи дадут, чи ни дадут,
Выпьем, кума, выпьем тут.

מ אַ ר ט י ן (לאַכט): טײערע װערטער װי גאָלד. און די מעלאָדיע איז אױסערגעװײנלאַך צוגעפּאַסט.

אַ ר נ אָ ל ד (צו גראַפּער׳ן): אַנו זינג דאָס חסידישע, מיט די גױ׳אישע װערטער, װאָס האָסט באַ מיר לעצטע װאָך גע־זונגען.

גראפער: וועלכעם מיינסטו?

מארטין (לאכט): מן הסתם וועגן חסיד, וועלכער דער־זעט אפ'ן וועג, פארנדיק פונ'ם רבי'ן, ווי א שגץ קושט א שיקסע און מאכט מיט איר אפ זיך ווידער צו טרעפן אף „סע־רעדו“?

ארנאלד (לאכט): דאס מיין איך טאקע!

גראפער (זינגט צוערשט די מעלאדיע, דערנאך די ווער־טער):

В среду — Настья,
В среду — любка,
В среду — ты моя
Сизая голубка.

(ווען ער ענדיקט, קלאפן אלע בראוואָ. ראָזע קומט ארויס).

בערטא: איצט איז שוין די גאנצע משפחה אפ'ן פלאץ און מיר וועלן זיך זעצן צום טיש!

מארטין (פארנעמט א פלאץ, זינגענדיק דאס ווארט „צום טיש“ אפ'ן מאטיוו פונ'ם מארש פון „קארמען“. באטראכט דעם טיש): בערטא, מען מוז אייך געבן א מעדאל: קיינער סער־ווירט ניט אזעלכע שיינע טישן ווי איר!

בערטא (לאכט): צום באדויערן מוז איך זיך אפזאגן פונ'ם כבוד, ווייל ער קומט עווא'ן. דאס האט זי מיך אויס־געלערנט, ווי אזוי צו סערווירן אזוי א טיש.

עווא (לאכט. צום מאן): ארייננעפאלן, מארטין, הא? דעם צווייטן מאל זיי מער פארזיכטיק.

מארטין (לאכט): וועסט מיר אנטשולדיקן, עווא, כ'האב חלילה ניט געמיינט דיינע טאלאנטן צו פארקלענערן. דו ווייסט, אז איך שעץ זיי זייער.

בעלא: שוין אן אלטער כלל: פרעמדע ווייבער האבן אלע מעלות און וואס זיי טוען איז אויסערגעוויינלאך.

(אלע זעצן זיך אוים ארום טיש. בערטא און עזרא פון אויבן־אן).

גראפּער: דאָס בעסטע מיטל דערצו װאָלט געװען פון צײַט צו צײַט זיך צו בײַטן מיט די װײַבער. דאַן װאָלט יעדער אויסגעפונען זײַן טעות און אַהײמגעבראַכט די אײגענע װײַב מיט מוזיק.

עװאַ: עס װאָלט אונז אויך אַ היבש ביסל נוצן געבראַכט.

בעלאַ: אָן צװײפל.

גראפּער (ליבלאַך צו ראָזען): און איר, ראָזעלע, װאָס דענקט װעגן דעם?

ראָזאַ (שמײכלט): דרײט מיר ניט קײן קאָפּ!

גראפּער: איר מעגט און איך ניט?

ראָזאַ (קאָקעטיש): איך דרײ אײַך אַ קאָפּ? עס הױבט זיך אַפילו ניט אָן!

גראפּער: ניט איר דרײט, נאָר איר פאַרדרײט.

מאַרטין (אַנװײזנדיק אַף גראַפּער׳ן און ראָזען): אוי, דאַכט זיך, מען קען שױן זאָגן אַ רבנן־קדיש נאָך זײ בײדן!

בעלאַ: גלױב מיר, ראָזאַ, װען איך בין אַף דײַן פּלאַץ, װאָלט איך קײן מאַן אַף אַ מײַל צו זיך ניט צוגעלאָזן.

בערטאַ: אָ, װאָס פאַר אַ שרעק דו יאָגסט אָן, בעלאַ!

אַרנאָלד (לאַכט): עס רעדט זיך, אַז זי האָט פײַנט מענער. איר מעגט זען, װי אין איר צעברענען זיך די אײגלאַך, װען זי דערזעט אַ שײנעם מאַן.

מאַרטין: יאַקבי ניע באַטשע.

בעלאַ: ס׳אַ ליגן!

בערטאַ: נו, פרײַנט, עסט!

עזראַ: דאָס ערשטע כאַפּט אַרײַן צו גלעזלאַך שנאַפּס. (גיסט אָן די גלעזלאַך).

אַרנאָלד: אַביסל שנאַפּס איז דער שליסל צו דער טיפסטער פילאָזאָפיע.

גראפּער: עס מאַכט פון שװער לײַכט.

מארטין: כ'פארשטיי ניט, ווי האָט עס דער רבונו־של־עולם אָנגעהויבן צו באַשאַפן די וועלט אָן א גלעזל שנאַפּס?

עזרא (הויבט זיך אויף מיט'ן גלעזל אין האַנט. אַלע שטייען אויף): דאָס ערשטע טרינק איך פאַר מיין פרוי.

בערטא (זאָגט ניט־הויך אונטער): געוועזענער.

(אַלע קוקן זיך שנעל איבער.)

עזרא (גיט זיך איינגאָנצן אַ טרייסל): יאָ, פאַר מיין געוועזענער פרוי בערטא, וועלכע איז געווען און וועט אויך אויף שטענדיק פאַרבלייבן מיין בעסטער פריינט!

אַלע (הויבן אויף די גלעזלאַך): הורא! (טרינקען אויס).

גראפּער (באַגייסטערט): איר זיינט אַ מאַלאַדטשינא,

בערטא: איר קענט קוקן דעם אמת גלייך אין די אויגן אריין!

בעלא: אז איר, מענער, קענט ניט, מוזן מיר עס דאָך טאָן.

ארנאָלד (אַנוווייזנדיק אַפּ'ן ווייב): „מיר האָבן געאַקערט", האָט די פליג געזאָגט.

בעלא (צו אַרנאָלד'ן): גלויב מיר, ווען ניט די קינדער לאָז איך שוין אַלעמען איין אַפּ'ן קומענדיקן שבת צו זיך אויף אַזאַ וועטשערינקע.

מארטין: עווא, ס'איז דאָ אַ געפּאַר צו זיין. קום, לאָמיר זיך וואָס שנעלער פון דאַנען אַרויסרוקן.

עווא (שמייכלט): כ'דענק מיר זיינען אויסער געפאַר: ביידע צו פויל.

מארטין (לאַכט): לעבן זאָל דיין קלוג קעפּל!

ארנאָלד (שטעלט זיך אויף): כ'וויל זאָגן אַ פּאָר ווערטער, אָבער... איך דענק כ'בין נאָך ניט פאַרטיק דערצו. מען מוז צוערשט אריינכאַפּן נאָך אַ פּאָר גלעזלאַך וועט די צונג זיך פרייער נעמען באַוועגן.

בערטא (צו אַרנאָלד'ן): זעצט זיך, טייערער. איר האָט נאָך גענוג צייט צו זאָגן וואָס איר ווילט. (ער זעצט זיך. זי זאָגט צו אַלעמען): זעט וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרן לעקאַך מיין

שוועסטער האָט מיר אָפּגעבאַקן. (אַלע נעמען שטיקלאַך לעקאַך. די דערלאַנקט איין שטיקל עזרא'ן.) נאַ, עזרא, און טראַכט ניט אַזוי פיל. אַלס בעל־הבית דאַרפסטו זען די געסט זאָלן זיך ניט לאַנגווייליקן.

עזרא (נעמט דעם לעקאַך): ווי כ'זע פילן זיי זיך גאַנץ היימיש אָן מיין פאַרנעמען זיי. (גיסט זיך אָן אַ גלעזל בראַנפן, טרינקט עס שנעל אויס. פאַרבייסט. זאָגט צו אַרנאָלד'ן): אויסער־געוויינלאַך געשמאַקער שנאַפּס.

אַרנאָלד: כ'ווייס. כ'האָב זיך שוין אָנגעגאָסן דאָס זעקסטע גלעזל.

מאַרטין (לאַכט): זע, כאַפּ ניט איבער די מאָס, אַנ־דערש וועסטו איינגאַנצן מוזן אויפגעבן דיין רעדע.

בעלאַ (צום מאַן): זע, כאַפּ זיך דאָרט ניט צו.

גראַפּער: ראָזעלע, איר זיצט מיר עפּעס היינט צו שטיל און אייער ביסל בראַנפן איז אויך ניט גערירט. לאָמיר אויסטרינקען פאַר אונזערביידנס געזונט. (גיסט אָן זיין גלעזל).

בערטאַ (צו ראָזען, פילבאַדייטנדיק): ראָזעלע, אַלע זאָרגן אַף מאָרגן! גראַפּער איז אַ טייערער בחור.

גראַפּער: איך דענק אויך וועגן אים אַ וועלט. (הויבט אויף דאָס גלעזל): ראָזעלע, איך טרינק פאַר אייער געזונט און טאַקע אויך אַ קאָפּעטשקע פאַר מיינעם.

ראָזאַ (הויבט אויף דאָס גלעזל): פאַר אייער געזונט! (ביידע קלאַפּן אָן די גלעזלאַך, טרינקען אויס).

בעלאַ: דאָס איז אונזער אומגליק, ראָזעלע. ווי קלוג און געניט מיר זאָלן ניט זיין, מוזן מיר פאָרט אָנקומען (ווייזט אַף די מענער) צו דעם פאַרשאָלטענעם פאָלק.

ראָזאַ (לאַכט): איך דענק, ס'איז אַ גאַנץ פיין פאָלק.

בערטאַ: מאָלאָדיעץ, ראָזעלע!

עזראַ: ניט שרעקן זיך, מיינט שוין אַ האַלבער זיג.

אַרנאָלד (הויבט זיך אויף): איצט, פריינט, דענק איך, כ'וועל שוין קענען זאָגן, וואָס כ'וויל.

נראפּער: און אויב ניט?

עוואַ (לאַכט): וועט ער זיך צוריקזעצן און צוטרינקען די עטלאַכע גלעזלאַך וואָס פעלן אים.

מארטין: ריכטיק!

אַרנאָלד: כ׳וועל שוין קענען. אָבער אין גאָטעס ווילן, מיינט ניט, כ׳בין שיכור. כ׳וויל אַרויסזאָגן דאָס, וואָס ליגט באַהאַלטן אין אונזערע אַלעמענס נשמות, טוט יעדן וויי, און וואָס יעדער איינער פון אונז וויל פאַרטומלען מיט ווערטער און געלעכטער. לאָמיר, פּונקט ווי בערטאַ, אַף איין רגע אַ קוק טאָן דעם אמת גלייך אין פּנים אַריין און זאָגן איינער דעם צווייטן ווי טיף אומגליקלאַך פילע פון אונז זיינען אין זייער פאַרהייראַטן לעבן. ניין פון יעדע צען פאַרלאַך מאַטערן זיך און זעקס צעגייען זיך. כ׳ווייס ניט. מעגלאַך מיר זיינען קרבנות פון אומוויסנהייט. מעגלאַך, מיר ליידן ווייל מיר ווייסן ניט ווי אַזוי איינצואָרדענען אונזערע לעבנס זיי זאָלן זיך ניט שטעלן אַנטקעגן די געזעצן פון אונזער פּסיכיק. און מעגלאַך מיר זיינען קרבנות פון אַן איבערגאַנגס-פעריאָד, — יענע, אַף וועמענס רוקנס און קעפּ עס ברעכט זיך די צייט. מעגלאַך מיר זיינען די ערשטע פויגלען, וועלכע קומען געוויינלאַך אום, פון אַ נייער עפּאָכע, מיט נייע באַגריפן וועגן ליבע, צוזאַמענלעבן, און ער־ציאונג פון קינדער. איך ווייס ניט. אָבער עס טוט וויי און ס׳ווילט זיך, אויב ניט שרייען, איז פון צייט צו צייט אַ קרעכץ טאָן. מיר האָבן איצט פאַר זיך אַן אויסערגעוויינלאַכע דער־שיינונג: צוויי מענטשן האָבן אָפּגעלעבט צוזאַמען אַלס מאַן און פרוי פיר יאָר, און צעגייען זיך איצט פרייוויליק. זיי ווילן פאַרלויפן דעם וועג דער גרויער ווירקלאַכקייט, און צעגייען זיך ניט אַלס שונאים, ווי געוויינלאַך, נאָר אַלס האַלב־פאַר־ליבטע. ניטאָ קיין „ער“ אונטער זיינע פּלייצעס און קיין „זי“ אונטער אירע, וועלכע זאָלן וועלן זייער פאַמיליען-לעבן צע־שטערן. ניטאָ. זיי צעגייען זיך דערפאַר, ווייל זיי פילן אַז זייער ליבע שטאַרבט אָפּ און לאַנגווייל פאַרנעמט ביסלאַכווייז

איר פלאץ. זיי צעגייען זיך פריער, כדי צו ראטעווען זייער פריינטשאפט, היילק האלטן דאס געוועזענע גליק. וואס קען זיין שענער? און נאך מער: צו דער נאכט פון זייער צעגיין זיך פראווען זיי דעם זעלבן יום־טוב, ווי מיט פיר יאר צוריק, ווען זיי זיינען זיך צוזאמענגעקומען. ניטא זיי וואס צו ווינשן. איך קען אבער ווינשן זיך און אייך אלעמען, אז אויב אזא גרויסע צאל פון אונזערע פארלאך מוזן זיך שוין יא צעגיין, זאל עס געטאן ווערן אין צייט און פונקט מיט אזא שיינקייט און העכסטע מענטשלאכקייט ווי בערטא מיט עזרא'ן טוען עס איצט. (זעצט זיך. א קליינע פאוזע. אלע שווייגן.)

בערטא (ווישט שנעל אויס די טרערן. זאגט צו ארנאלד'ן): כ'האב גארניט געוואוסט, אז איר קענט אזוי שיין ריידן.

(ראזע און עווא ווישן אויס די טרערן).

בעלא (מיט שטאלץ): ער איז אמאל געווען א גוטער רעדנער. אין דער באוועגונג אנטייל גענומען.

מארטין: און גלייך ווי ער האט חתונה געהאט זיינט איר געווארן די רעדנערין און ער דער צוהערער!

בעלא: אבי בא אייך זיינט איר דער ווארטזאגער.

עזרא: נאר זיך ניט געקיבעצט.

גראפער (הויבט זיך אויף).

בערטא (שמייכלט): קיינע רעדעס מער, גראפער. איין גוטע האבן מיר געהערט און גענוג.

גראפער (לאכט): משוגע בין איך?! איך וויל פשוט זאגן אייך, בערטא, און דיר, עזרא, אז בא מיר איז איצט אלץ פונקט דער היפך ווי פריער. איר פארשטייט?

עזרא: ניין. אפילו קיין ווארט ניט!

בעלא (לאכט): מירקע, גיב לשון!

בערטא: דער היפך פון וואס?

גראפער: אט באלד. כ'וויל זאגן, אז פונקט אף וויפיל כ'האב פריער מורא געהאט חתונה צו האבן, אף אזויפיל האב איך אצינד קיין מורא ניט. אייער צעגיין זיך האט מיר

ווי אַנגעווייזן אַ וועג, אַז מען קען אַ לעבן אַ צעגיין זיך שיין, ווי מענטשן דאַרפן. און אויב... (קוקט צו ראָזען).

ראָזא (פאַרשעמט): גראַפּער, איר האָט איבערגעבאַפט די מאָס און ווייסט ניט וואָס איר רעדט! (קערט אָפּ דעם קאָפּ).

(אַלע לאַכן, פּאַטשן בראַוואָ).

מאַרטין: היינט שרייט זי, ער ווייסט ניט וואָס ער רעדט און מאָרגן וועט זי פאָדערן ער זאָל ערפילן זיין צוזאָג.

ראָזא (לאַכט. צו מאַרטינ'ען): איר מיינט טאַקע אין אַן אמת'ן, מען לויפט אייך נאָך!

עווא (צו גראַפּער'ן): זעצט זיך. איר וועט זיך שוין דורכריידן מיט איר גייענדיק אַהיים.

גראַפּער (זעצט זיך. לאַכט).

עזרא: איצט וואָלט איך פאָרגעלעגט אָפּצורוקן דעם טיש אָן אַ זייט, זיך אויסזעצן אָפּ'ן דיל און אַ זינג טאָן אַלע אונזערע אַלטע און נייע לידלאָך.

בערטאַ: אַ גוטער געדאַנק!

אַלע: אויסגעצייכנט! געננוג רעדעס! זינגען! זינגען! אָפּ'ן דיל! (אַלע הויבן זיך אויף פון די פּלעצער).

עזרא (הויבט אויף די האַנט): איך וואָלט אָבער גע־וואָלט עפּעס זאָגן איידער מיר גייען אַוועק פונ'ם טיש.

(אַלע בלייבן שטיל).

בערטאַ (נעמט אַרום עזראַ'ן. זאָגט ווייך): צו וואָס ריידן, עזרא? זיי פאַרשטייען דיך אַלע און איך פיל ווי עס טוט דיר איצט וויי. מען דאַרף ניט. לאָמיר פאַרברענגען היינ־טיקע נאַכט אין פרייד און געזאַנג! (ער נעמט זי אַרום, קוקט איר אין די אויגן, גיט איר אַ קוש אין די ליפּן.)

אַלע: בראַוואָ! הורא פאַר בערטאַ'ן! פאַר עזראַ'ן! הורא! זינגען! זינגען! אַלע אָפּ'ן דיל! רוקט אָפּ דעם טיש! פאַרזיכטיק! פאַרזיכטיק!

גראַפּער (זינגט און טאַנצט אונטער. מאַרטין העלפט אים אַרויס און קלאַפּט מיט די הענט.)

שטאַרקער, העכער, די ראָד, די ראָד מאַכט גרעסער,
גרויס האָט מיך גאָט געמאַכט,
מזל האָט ער מיר געבראַכט —
הוליעט, קינדער, אַ גאַנצע נאַכט,
די מיזינקע אויסגעגעבן (2 מאָל).

(בעלאַ און ראָזע כאַפּן אונטער, זינגען דעם צווייטן און דריטן פּערז צוזאַמען).

גראַפּער און מאַרטין (זינגען).

אויזיק מזיק, די באָבע גייט אַ קאָזאַק.

עזרא (נעמט פון דער סאָפע און וואַרפט אַפּ׳ן דיל עטלאַכע קישעלאַך): נאַט אייך קישעלאַך. זעצט זיך אויס!

עווא (צו עזרא׳ן): און איר מיט בערטאַ׳ן אין מיטן.

ראָזא: זיי וועלן זיין אין מיטן, אפילו ווען זיי זאָלן זיצן אין אַ ווינקל.

(אַלע זעצן זיך אויס אין אַ האַלבער ראָד.)

גראַפּער און מאַרטין (זינגען):

איציק, שפּיציק, וואָס שווייגסטו מיט דיין שמיטשיק?

(אַלע העלפן זיי אַרויס).

(בערטאַ שטעלט אַוועק אַפּ׳ן דיל אַ קוישל מיט פּרוכט).

עווא: גענוג מיט דעם לידל: ס׳איז שוין אַלט ווי מיין באָבע.

אַרנאָלד (צו גראַפּער׳ן): שוין גאָר קיין אַנדערס ניט געקענט אויסזוכן?

גראַפּער: וואָס גייט עס אייך אָן? איך פּיל עס אַצינד צו זינגען.

עזרא: גראַפּער, זינג אַליין עפּעס אַ גוט לידל.

בערטאַ (צו גראַפּער׳ן): נו, שעמט זיך ניט. הויבט אָן! איר קענט דאָך אַ וועלט מיט לידלאַך.

גראַפּער: ניין, מיינע טייערע. צוערשט דאַרף מען

זיך דערוואַרעמען מיט אַ פּאָר לידער, געזונגען פון אַלעמען. דערנאָך קען מען שוין אויך אַליין אַרויסטרעטן.

בעלא (זינגט):

אַפּ'ן גרויסן בריק דעם הויכן
שטייען טויבן פּאָרן (2 מאָל),
נאָך קיין נחת ניט געהאַט,
שוין אַוועק די יאָרן (2 מאָל).

(אַלע כאַפּן שטיל אונטער, ענדיקן צוזאַמען די ליד).

עזרא (זיפצט): ריכטיק. (צו גראַפּער'ן) נו?

גראַפּער: באַלד. מיר האָבן נאָך קיין אמת'ע כאָר־ליד ניט געהאַט.

אַרנאָלד: דריי ניט קיין קאָפּ. זינג!

ראָזאַ: זע ווי מען דאַרף אים בעטן!

מאַרטין: שיס, ברודער!

גראַפּער (צו עזרא'ן): אַנו, גיס נאָר אָן צו גלעזער ווײַן, וועלן מיר זיך דורכשווענקען די העלזער.

אַלע: גוט!; פיין! ניט שלעכט! גיס אָן!

(אַלע נעמען פונ'ם טיש די גלעזער. עזרא און בערטאַ גיסן זיי אָן פון צוויי פלעשער).

גראַפּער (הויבט אויף די גלאָז): איצט, ברידער מע־נער, העלפט מיר אַרויס. דו אויך, עזרא! (זינגט. די מענער כאַפּן גלייך אונטער):

Выпьем за Берту, Берту дорогую,
Как не будет Берты, — выпьем за другую!
Тра-ла-ла.

(ווען זיי ענדיקן, שרייט ער: „נאָך אַמאָל!" זיי זינגען איבער דעם פּערז).

בעלא (צו די פרויען): ווי געפעלט אייך אַזאַ חוצפּה?

שװעסטער, פּרויען, נאָך מיר! (אַלע הויבן אויף די גלעזער. זי זינגט, אַלע כאַפּן באַלד אונטער):

Выпьем за Эзру, Эзру дорогого,
Как не будет Эзры, — выпьем за другого!
Тра-ла-ла.

(װען זיי ענדיקן, שרײַט זי: „נאָך אַמאָל!" זיי זינגען איבער דעם פּערז).

גראַפּער (שרײַט צו די מענער): פאַרשװעכט ניט אונ־זער עהרע! נאָך אַמאָל!

בעלאַ (צו די פרויען): שרעקט זיך ניט אָפּ, שװעסטער!

(אַלע זינגען איבער די מעלאָדיע מיט די װערטער. די מענער פאַר בערטאַ'ן און די פרויען פאַר עזרא'ן. ענדיקן מיט אַ געלעכטער און פּאַטשן בראַװאָ. טרינקען אויס דעם װײַן).

בערטאַ: איצט, גראַפּער, זינגט עפּעס אַליין.

ראָזאַ: נאָר זיך ניט געלאָזט בעטן.

אַרנאָלד: װאָס פאַר אַ בעטן? אין קאָרק אַרײַן!

בעלאַ (צו גראַפּער'ן): טראַכט ניט אַזוי פיל.

עװאַ: ער שאַפט, מעגלאָך, אַן אייגענע קאָמפּאָזיציע.

מאַרטין (װײַזט אַף ראָזע'ן): זיי װעלן שוין שאַפן צוזאַמען.

גראַפּער (זינגט):

אַרום אין דער פינסטער גערעדט האָט דער װאַלד
און מיר האָבן ביידע געשװיגן.
דײַן קאָפּ, פון דער זילבער לבנה באַשטראַלט,
אַ תּײַליקן שײַן האָט געקריגן.

און איך האָב אַליין זיך פאַרביטן געפילט,
מײַן האַרץ איז פון ליבע פאַרגאַנגען.
דאָך ז'איז ניט געװעזן צופלאַמט מער און װילד;
אַװעק זײַנען די הייסע פאַרלאַנגען.

האָסט קינדיש געטוליעט זיך נאָענט צו מיין ברוסט,
געקושט מיר די אויגן און שטערן,
און פּלוצלונג עס האָט זיך מיר ווייגען פארגלוסט:
באַ דיר אויך געשטראַלט האָבן טרערן.

און אונטן אַ טייכל געפלוידערט האָט שטיל,
מיר האָבן עס דאַן ניט פאַרשטאַנען.
עס האָט אונז דערציילט אַף זיין לשון, וויפיל
געפילן די שענסטע פאַרוויאַנען.

(אַ קליינע פּאַוזע. אַלע זיצן פאַרטראַכט.)

בערטא (ווישט אויס די אויגן): בראַוואָ, גראַפּער, אַ טייער, הארציק לידל. וועמעס איז עס?

גראַפּער: יהואָש׳ס „באַם טייכל“.

אַלע: אַ פּראַכטפול לידל! בראַוואָ! אויסגעצייכנט! נאָך עפּעס, גראַפּער! גיב נאָך!

גראַפּער: ווארט, לאָזט זיך מיר אָפּרוען אַ מינוט.

בעלא (צום מאַן): ווי שפּעט איז?

אַרנאָלד (קוקט אַפ׳ן זייגער): באַלד דריי.

בעלא (גיט זיך אַ כאַפּ): דאָס הייסט זיך פאַרזעסן! קום, מיר׳ן גיין.

אַרנאָלד: איך בין פארטיק.

בערטא: וואָס איילסטו זיך אַזוי, בעלאַ?

בעלא: כ׳בין אומרואיק פאַר׳ן קינד. און ס׳איז שוין טאַקע שפּעט אויך. (הויבט זיך אויף, גייט אין צווייטן צימער.)

מארטין (צו עווא׳ן): שוין פאַר אונז אויך צייט.

עווא: כ׳דענק אַזוי.

עזרא: וואָס איילט איר זיך אַזוי?

אַרנאָלד (שטייט אויף): זיך אויסרוען, ברודער, איז אַ נויטווענדיקייט, בפרט נאָך אַז מען איז פארהייראַט. דערצו איז דאָס קינד אַליין אין הויז. (גייט אין שלאָף־צימער).

מאַרטין (זינגט):

און אונטן אַ טײַכל געפּלוידערט האָט שטיל

מיר האָבן עס דאָן ניט פאַרשטאַנען.

אַרנאָלד (כאַפּט אונטער פון צווייטן צימער):

עס האָט אונז דערציילט אַף זיין לשון וויפיל

געפילן די שענסטע פאַרוויאַנען.

בעלאַ (פונ׳ם צווייטן צימער): לאָז צורו די געפילן און זע בעסער ווי דו האַלטסט דאָס קינד.

אַרנאָלד (חזר׳ט איבער):

געפילן די שענסטע פאַרוויאַנען.

עווא (צום מאַן, אָנווייזנדיק אין ריכטונג צו אַרנאָלד׳ן): ס׳האָט אים אַ ריר געטאָן!

מאַרטין: וואָס פאַר אַ פראַגע!

גראַפּער (צו ראָזע׳ן): און אַז אַלע פאַר־פאַלקן יאָגן זיך אַהיים, וועלן מיר אויך גיין.

ראָזא (שטיפט): כאַפּ ניט, בחור!

גראַפּער (נעמט זי לייכט אַרום): וואָס פאַר אַ טייערן, לאַנגן וועג מיר דאַרפן נאָך דורכגיין.

ראָזא (מיט אַ געמאַכטער אומשולד): אויב ס׳איז צו ווייט פאַר אייך, וועל איך אַליין אַהיים גיין.

גראַפּער (לאַכט): עס רעדט זיך אַזוי. אפשר שפּע־טער. דערווייל זיינען נאָך אָבער פאַר מיר אַלע ווייטקייטן צו נאָנט.

(אַלע הויבן זיך אויף. ריידן צווישן זיך).

עזרא (רופט אָפּ מאַרטינען אָן אַ זייט, פרעגט שטיל): וועל איך היינט קענען בא דיר איבערנעכטיקן?

מאַרטין (פאַרוואונדערט): דו גייסט שוין טאַקע?

עזרא (זיפצט): און דו האָסט געמיינט, מען שפּאַסט?

מאַרטין: ניין, אָבער... (כאַפּט זיך.) זיכער קענסטו איבערנעכטיקן. וואָס פאַר אַ פראַגע? עס שטייט בא אונז אַ לעדיקער צימער.

עזרא: פרעג אפשר בא עוואַ'ן?

מארטין: וואָס פאַר א נאַרישקייטן! קענסט אפילו זיין בא אונז וויפיל דו ווערסט נאָר וועלן.

עזרא: איך דאַנק דיר.

(זיי צוגייען זיך. עזרא גייט צו צו בערטאַ'ן. מאַרטין — צו עוואַ'ן. דערציילט איר עפּעס. יענע שאָקלט צו מיט'ן קאָפּ).

בערטא: גראפּער, פאַר'ן אוועקגיין גיט עפּעס א לעבעדיקס!

גראפּער: מיט פאַרגעניגן. אָבער די גלעזער מוזן ווערן פול.

(אַלע טוען זיך אָן. עזרא פילט אָן די גלעזער. פון צווייטן צימער קומט אַריין בעלאַ, נאָך איר אַרנאָלד מיט'ן קינד אָף די הענט).

גראפּער: די לעצטע גלעזער! (אַלע נעמען די גלעזער אין די הענט).

עזרא (הויבט אויף זיין גלאָז): איך טרינק דעם לעצטן כוס, פּונקט ווי דעם ערשטן, פאַר בערטאַ'ן!

בערטא (הויבט אויף איר גלאָז): און איך פאַר עזראַ'ן!

אלע (הויבן אויף די גלעזער): הורא פאַר בערטע'ן! פאַר עזראַ'ן! הורא!

אַרנאָלד (הויבט זיין גלאָז): איך טרינק פאַר'ן נייעם וועג!

אלע: הורא! פאַר'ן נייעם וועג! פאַר אַלע נייע וועגן!

עווא: אפילו פאַר יענע וועגן, אָף וועלכע מען ברעכט נאָך היינט דעם האַלז און נאַקן!

(אַלע טרינקען אויס די גלעזער, שטעלן זיי אַוועק אָפ'ן טיש).

גראפּער (זינגט פריילאַך און טאַנצט צו):

Эх, ты яблочко,
Куда ты катишься?
Эх, ты мамочка,
Да замуж хочется!

(אלע כאפן אונטער, חזר׳ן איבער דעם פערז, צופאטשנדיק מיט די הענט. העלפן ארוים ביז די ליד ענדיקט זיך).

Эх, ты яблочко,
Да покатилося,
Эх, ты девица,
Да заручилася...

Коль на заседание
С обеда вы уйдете,
Оставьте завещание,
Что больше не придете!

Я на бочке сижу,
Да слезы капают:
Никто замуж не берет —
Только лапают!

Эх, ты яблочко,
Куда катишься?
Попадешься немцу в зубы,
Не воротишься.

אלע: הורא! (קלאפן בראווא).

עזרא (גייט ארײַן אין צווייטן צימער, קומט ארוים מיט׳ן מאנטל און הוט אין די הענט).

בעלא (צוקושט זיך מיט בערטא׳ן): א גוטע נאכט, טייערע, און האב אלץ אין דער ערד.

בערטא (שמייכלט, גיט א זארגלאזן מאך מיט דער האנט): ווער האט עס אזוי פיל כח?

עווא (צוקושט זיך מיט בערטא׳ן): א גוטע נאכט. איך וועל מארגן זיין בא דיר.

בערטא: רוף מיך פריער אפ אפ׳ן טעלעפאן. אפשר וועל איך אין הויז ניט זיין?

ראָזא (נעמט ארום בערטאַ'ן, צוואוויינט זיך).

בערטא: נאָר ניט געוויינט, ראָזעלע. דו זע בעסער, לאָז ניט ארוים גראפער'ן פון די הענט: ער איז א וואוילער בחור.

גראפער (זיפצט קאָמיש. ציט אוים די ווערטער): זי וועט מיך שוין ניט ארויסלאָזן. פארלאָזט זיך אַף איר.

בערטא (צו ראָזען): הערסט, וואָס דער חוצפה'ניק זאָגט? אויב אזוי, בינד אים טאַקע הענט און פים. זאָל ער וויסן!

ראָזא (צוקושט זיך מיט בערטהא'ן): א גוטע נאכט. כ'וועל מאָרגן אין דער פרי זיין דאָ. (גייט אָן א זייט).

ארנאָלד (צו בערטהא'ן): מיר, מענער, וועלן עס שוין מאכן שנעלער. מיר וועלן זיך געזעגענען מיט אייך כאָראָם. (צו די מענער.) אנו, אלע צוזאמען!

די מענער (צוזאָמען): א גוטע נאכט! פילט גוט! א גוטע נאכט!

בערטא: א גוטע נאכט! גייט געזונט!

גראפער (פארנויגט זיך קאָמיש): טייערסטע בערטא, א גוטע נאכט! איך פארבלייב אייער אייביקער שקלאַף ביז'ן ליכטיקן קבר!

בערטא (פארנייגט זיך, לאַכט): א גליקלאכן שליט־וועגס! פאָרזיכטיק ווי איר טרייבט אָן: ראָזעלע זאָל ניט ארויספאלן!

גראפער (פארנויגט זיך): איך דאנק אייך פאַר דער ווארנונג, אָבער פארלאָזט זיך אַף מיר. (נעמט ארום ראָזע'ן, ביידע גייען צו דער טיר. ער זינגט):

(זיין געזאַנג הערט זיך פון וויטנס, ביז עזרא גייט שפּעטער אַרוים).

(אלע גייען פּאוואָלי אַרויס. בערטא און עזרא בלייבן אליין. א פּאוזע).

עזרא (גייט צו, נעמט זי ארום): א גוטע נאכט, בער־

טא, און זיי מיר מוחל פאר אלע קליינינקע, ניט שיינע טאטן, וואס כ׳בין ווען ס׳איז געגן דיר באגאנגען!

בערטא: בלייב געזונט, טייערער עזרא, און זיי אויך מיר מוחל.

עזרא: ס׳איז מיר איצט אזוי שווער! מיר דאכט זיך איך גיי נאך מיין אייגענער לויה.

בערטא: מיר אויך.

עזרא: א גוטע נאכט! (דריקט זי צו זיך. גיט איר א לאנגן קוש. רייסט זיך אפ פון איר. ווישט אוים די טרערן און גייט שנעל ארוים).

בערטא (קוקט אים נאך. א פאוזע. גייט איבער דעם צימער, בלייבט שטיין נעבן קאסטן, קוקט אף אים, הויבט אן שטיל און פאוואלי צו זינגען:

Выпьем за Эзру,
Эзру дорогого,
Как не будет Эзры —
Выпьем за друг...

(פארדעקט דאס פנים מיט די הענט און צעוויינט זיך שטיל)

(דער פארהאנג.)

נאָך צוועלף באַנאַכט

(אַ זומערדיקע פֿאַנטאַזיע)

חנה געסטעל — אַ מתּנה.

פערזאָנען:

גייסט פון שטיבל (ג. פּ. ש.) — אַלט, איינגעבויגן, מיט אַ גרויער לאַנגער באָרד, געקליידעט אין טונקעלן, צום לייב.

גייסט פון רויטע רויזן (ג. פּ. ר. ר.) — אַ יונגע מיידל אין אַ קורצן, רויטן בלומען־קלייד.

גייסט פון ווייסע רויזן (ג. פּ. וו. ר.) — אַ יונגע מיידל אין אַ קורצן, ווייסן בלומען־קלייד.

גייסט פון בוים (ג. פּ. ב. — אַ מאַן, דין, הויך, דאָס פּנים גרין, געקליידעט אין גרינעם, צום לייב.

גייסט פון שטיין (ג. פּ. שטיין) — אַ מאַן, נידריק, פעסט געבויט, דאָס פּנים גרוי, געקליידעט אין גרוי־ען, צום לייב.

גייסט פון ווינט (ג. פּ. וו.) — אַ צאַרטער יונגלינג, געקליידעט אין בלויען, צום לייב. פליגלען.

ער.

זי.

זייערע שאָטנס.

איר מאַן.

ערשטער מאַן — אין אָפּגעריסענע קליידער.

צווייטער מאַן — אין אָפּגעריסענע קליידער.

אַ לאָנקע אין אַ געדיכט פאַרוואַקסענעם וואַלד. לינקס אַ קליין, פאַרלאָזן שטיבל מיט אַ האַלבע טיר און אויסגעהאַקטע שויבן. דער לאָדן באַם פענסטער הענגט זיך נאָך. נעבן שטיבל אַ געדיכטער קוסט מיט ווילדע רויטע רויזן. קעגנאיבער — אַ צווייטער קוסט מיט ווילדע ווייסע רויזן. רעכטס אַ בוים און אין דער מיט פון דער לאָנקע אַ גרויסער, מיט מאָך פאַרוואַקסענער שטיין. ניט ווייט לויפט אַ טייך און אַפּ'ן צווייטן ברעג שימערן געלע פייערלאַך פון אַ שטאָט.

אַ זומער־נאַכט. דער הימל איז באַדעקט מיט לייכטע, גרויע וואָלקנדלאַך. די לבנה רוקט זיך לאַנגזאַם צווישן זיי. אַלץ אַרום זעט זיך אָן דויטלאַך. דער פאָרהאַנג הויבט זיך לאַנגזאַם אויף. אַ קליינע פּאַוזע. פון שטאָט דערטראָגן זיך קלאַנגען פון עטלאַכע זייגערס, וועלכע קלינגען, איבער־שלאָגנדיק איינער דעם צווייטן. זיי קלינגען צוועלף.

ג. פ. ש. (נאָך פון שטיבל)) : אָך־אָך־אָך!

ג. פ. ב. (שפּרינגט אַראָפּ פון בוים) : איך האָב זיך קוים דערוואַרט, עס זאָל צוועלף שלאָגן! (קוקט זיך אַרום) : קומט אַרויס! עס האָט שוין געשלאָגן צוועלף.

ג. פ. ש. (נאָך פון שטיבל) : אָך־אָך־אָך! צופיל געשלאָפן.

(ג. פ. וו. ר. דערשיינט פונ'ם ווייסן קוסט).

ג. פ. וו. ר. (צום ג. פ. ב.) : האָסט זיך היינט צו־פרי צע־שריען און מיך איבערגעשראָקן.

ג. פ. ב.: ס'האָט שוין צוועלף געשלאָגן. אַ שלעכטער טאָג היינט געווען: דער ווינט האָט מיך געהאַלטן אין איין בייגן און טרייסלען.

ג. פ. וו. ר.: מן הסתם איז ער פאַר עפּעס בייז געווען. איך האָב פאַר אים קיין מורא ניט.

ג. פ. ב.: ווייל ביסט קליין און בייגיק. ער האָט דיך ניט פאַר וואָס אָנצוכאַפּן. אָבער נאָכמער, ווי פאַר'ן ווינט, האָב איך מורא פאַר די מענטשן, מיט זייערע שאַרפע העק און פינ־קלענדיקע זעגן. (קוקט זיך איין אין איר): זיך שוין היינט ווי־דער אין אַ נייַ קלייד אויסגעפּוצט!

ג. פ. וו. ר.: אפשר ניט שיין?

ג. פ. ב.: וואונדערבאַר! כ״פיל פון ווייטנס, ווי עס שמעקט פון דיר!

(אפ'ן דאַך פון שטיבל דערשיינט דער גייסט פון שטיבל).

ג. פ. ש. (ציט זיך, גענעצט): אָך! איך בין שוין, אפנים, זייער אַלט.

ג. פ. וו. ר.: גוט־מאָרגן, זיידע!.

ג. פ. ב.: זיך פאַרשלאָפן?

ג. פ. ש. (זעצט זיך באַם עק דאַך לאָזט אַראָפּ די פיס): גוט־מאָרגן! יאָ, זיך פאַרשלאָפן. דער קוימען, וואו איך וואוין, פאַלט ביסלעכווייז איין, און ס'ווערט מיר וואָס אמאָל אַלץ ערגער דאָרט צו ליגן. (קוקט זיך אַרום): וואו זיינען די אי־בעריקע?

ג. פ. ב. (גייט צו צום רויטן רויזן־קוסט): שוועסטער פון די רויטע רויזן, פאַרוואָס קומסטו ניט אַרויס?

ג. פ. ר. ר.: כאַ־כאַ־כאַ! באַלד! איך טו זיך איבער!

ג. פ. ב. (צום ג. פ. ש.): אונזערע פרויען וואָלטן זיך נאָר געפּוצט און איבערגעטאָן.

ג. פ. ש.: פּונקט ווי מענטשן־קינדער.

ג. פ. וו. ר. (אומצופרידן, צום ג. פ. ב.): דו פּוצט זיך אויך געגוג, מיין ליבער: אַלע פרילינג — נייע, גרינע בלעטער, זומער מאַכסטו זיי טונקעלער און אָסיען־צייט פאַרבסטו זיי איינגאַנצן איבער אין רויטן גאָלד.

ג. פ. ש.: פּוצט זיך, קינדער, פּוצט זיך, ווי לאַנג עס קען אייך שענער מאַכן.

ג. פּ. ב. (קלאַפּט מיט'ן פּוס אין שטיין): שלאָף ניט אַזוי לאַנג, דו פּוילער! קום אַרויס! (דער שטיין צענעמט זיך, דער גייסט דערשיינט).

ג. פּ. שטיין (אומצופרידן): פאַרוואָס מאַכסטו אַזא טומל, בוים?

ג. פּ. וו. ר. (צום ג. פּ. ש.): לאָז אים דאָרטן ליגן אין זיין שטיינערנער רו. און ער איז נאָך ברוגז, וואָס מיר, רויזן, האָבן אים ניט ליב.

ג. פּ. ש. (גלייכגילטיק): איר זייט אַזוי פּוסט און לייכט־זיניק, ווי דער ווינט, וועמען איר ליבט יאָ. (זעצט זיך אַפּ'ן שטיין. ג. פּ. ר. ר. דערשיינט).

ג. פּ. ר. ר.: אָט בין איך! (לאַכט): גוט־מאָרגן, זיידע! (צו אַלעמען): גוט־מאָרגן!

ג. פּ. ש.: גוט־מאָרגן, מיין קינד! (די רויזן־גייסטער לויפן צו איינער צום צווייטן, באַטראַכטן זיך).

ג. פּ. ב. (אַנטציקט): אַך, רויזן, ווי שיין איר האָט זיך היינט אויסגעצירט!

ג. פּ. ש.: מן הסתם ווילן זיי וועמען געפעלן.

ג. פּ. ר. ר.: דעם גייסט פון שטיין זיכער ניט! איך זע, ער זיצט שוין ווידער אַ ברוגזער.

ג. פּ. שטיין: אַמאָל האָבן רויזן געקענט מיין רו שטערן, אָבער היינט... (שמייכלט שפּאָטיש).

ג. פּ. וו. ר.: ווי קען מען גאָר ליב האָבן אַ שטיין? מיינע ווייסע, צאַרטע בלומען וואָלטן פאַרפרוירן געוואָרן אויף דיין קאַלטער ברוסט.

ג. פּ. ר. ר.: איך שטאַרב פון'ם געדאַנק, זיך צוצורירן צו אים!

ג. פּ. ב. (הערט זיך צו): ש־ש־ש, דער ווינט קומט! איך פיל אים! (אַלע הערן זיך צו).

ג. פּ. ש.: איך האָב זייער ליב דעם יונגן, צאַרטן ווינט;

זיין עלטערער, בייזער ברודער וואַרפט מיר אָבער איין מיין קוימען.

ג. פ. ב.: און ברעכט באַ מיר אָפּט אָפּ די שטאַרקסטע צווייגן.

ג. פ. שטיין: איך האָב פאַר אים קיין מורא ניט. בלויז וואַסער שרעקט מיך: עס בייסט זיך איין און צעמאָלט מיך מיט די ווייכע, קאַלטע ציין. (קוקט זיך אַרום): מיט יאָרן צוריק האָב איך אָט די גאַנצע לאַנקע אַליין פאַרנומען.

ג. פ. ר. ר.: דער ווינט דערציילט אַזעלכע וואונדער־שיינע מעשיות!

ג. פ. וו. ר.: און ווי שיין ער איז!

ג. פ. ש.: ער פליט אומעטום, זעט און ווייסט אַלץ.

ג. פ. ב.: ווען ניט ער, וואָלטן מיר גאָרניט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך אין דער גרויסער, באַלויכטענער שטאָט, וואָס ליגט פון יענער זייט טייך.

ג. פ. ר. ר.: איך וואָלט זייער געוואָלט כאָטש איינמאָל אין לעבן זיין אין דער גרויסער שטאָט.

ג. פ. וו. ר.: ווי וואונדערבאַר עס דאַרף דאָרט זיין!

ג. פ. שטיין: ענג און שמוציק איז דאָרטן, און אייך, רויזן, וואָלטן די מענטשן גלייך מיט די פיס צעטראָטן. (די רויזן קוקן אַף אים דערשראָקן).

ג. פ. ר. ר.: ס'אַ ליגן! ער שרעקט אונז תמיד.

ג. פ. וו. ר.: מענטשן האָבן אונז ליב. טראָגן אונז אַף זייערע ברוסטן.

ג. פ. שטיין (לאַכט): אַף איין מינוט בלויז, אַזוי לאַנג, ווי איר זייט פריש.

ג. פ. ש.: בענקט ניט נאָך דער שטאָט, קינדער. אירע פייערן נאַרן אָפּ, זיינען בלויז פון ווייטנס שיין. איך בין דאָרטן געווען אַמאָל און וועל מער אהין קיינמאָל ניט קומען. אונזער וואַלד איז פיל בעסער און שענער.

(עס הערט זיך אַ פייף פונ׳ם ווינט. ער פליט אָן פון לינקס. לאָזט זיך ניט אַראָפּ אויף דער ערד).

ג. פ. וו.: אַ גוטן-אָוונט!

(אַלע, אַחוץ דעם גייסט פון שטיין, פאַרנייגן זיך.)

ג. פ. ש.: באַ אונז איז איצט פרימאָרגן.

ג. פ. וו.: עס פרייט מיך צו יעדער צייט אייך צו זען.

ג. פ. ש. (צום ג. פ. וו.): וואָס לאָזסטו זיך ניט אַרונטער? צי וועסטו ניט פאַרברענגען מיט אונז אַביסל?

ג. פ. וו.: צוויי מענטשן קומען באַלד אָן פון לינקס. איך וועל אויף אַ ווײַלע אין שטאָט אַריין צופליען און גלייך זײַן צוריק. (פליט אַוועק. דער ג. פ. שטיין הייבט זיך אויף, הערט זיך צו און שפּרינגט אַריין אין שטיין).

ג. פ. ר. ר.: מענטשן, זאָגט ער, קומען!

ג. פ. ש.: באַהאַלט זיך, קינדער.

ג. פ. ב. (שפּאָטיש): און דער גייסט פון שטיין איז שוין פאַרשוואונדן.

ג. פ. וו. ר.: אַזאַ פייגלינג!

ג. פ. ר. ר.: איך האָב אים!

ג. פ. ב. (הערט זיך צו): מען גייט! (אַלע פאַרשווינדן.)

אַ פּאַוזע. צוויי האַלב-אָפּגעריסענע מענער דערשײַנען לינקס. בלײַבן שטיין אינמיטן לאָנקע, קוקן זיך אַרום.)

ערשטער מאַן: נאָך איין האַלבע שעה גאַנג און מיר זײַנען אין שטאָט.

צווייטער מאַן: וואו מיר וועלן, פונקט ווי אומעטום, פגר׳ן פון הונגער.

ערשטער מאַן (ווײַזט אויף רעכטס): דאָרטן דאַרף זיך געפינען אַ רײַכער רעסטאָראַן.

צווייטער מאַן (קוקט זיך אַרום): לאַנג שוין אין די געגנטן ניט געווען. ווער מען אפשר באַם רעסטאָראַן קענען אויסבעטן עפּעס צום פרעסן אָדער עפּעס צו׳גנב׳ענען?

ע ר ש ט ע ר מ אַ ן: איך צווייפל אין דעם: די זאַטע הינט היטן גוט. נעבן רעסטאָראַן איז די בריק, און פון ביידע זייטן שטייט פּאָליציי. איך רעכן, מען וועט אונז אפילו אַף דער בריק ניט ארויפלאָזן. געוויס הונגעריקע אין שטאָט אָן אונז פאַראַנען.

צ ו ו י י ט ע ר מ אַ ן: ווי אַזוי־זשע וועלן מיר פאָרט אין שטאָט אַריינקומען?

ע ר ש ט ע ר מ אַ ן: איך האָב דאָ ניט ווייט אַ באַקאַנטן פישער, וועלכער וועט אונז דעם טייך אַריבערפירן. (זעצט זיך.) גיב אַרויס דאָס ברויט, איך בין הונגעריק.

צ ו ו י י ט ע ר מ אַ ן (זעצט זיך): צום טייוול, ווי די פיס טוען וויי! מיר האָבן היינט ניט ווייניקער ווי 20 מייל אָפּגעשפּאַנט. (נעמט אַרויס פון אַ בינטל אַ האַלבן ברויט.) אַי, בין שוין מיד ארומשלעפּנדיק זיך! מיר דאַכט זיך, עס זיינען שוין יאָרן אַריבער זינט כ'האָב זיך דאָס לעצטע מאָל זאַט אָנגעגעסן! שוין צייט צו געפינען אַ רואיקן, וואַרימען פּלאַץ זיך אויסצורוען.

ע ר ש ט ע ר מ אַ ן: איך בין שוין אויך מיד.

צ ו ו י י ט ע ר מ אַ ן: דאָס איז דער ערשטער און זיכערסטער סימן, אַז מיר האַלטן שוין ביידע באַם פּגר'ן.

ע ר ש ט ע ר מ אַ ן: ניט אייביק לעבט מען און ניט שטענדיק קען מען אַ הונגעריקער איבער די וועגן זיך ארומשלעפּן.

צ ו ו י י ט ע ר מ אַ ן: זאָל אַלץ גיין צום טייוול. (נעמט ארויס אַ מעסער, וויל צושניידן דאָס ברויט).

ע ר ש ט ע ר מ אַ ן (קוקט זיך איין אין ברויט): דו האָסט אַ שטיק ברויט אויפגעפרעסן!

צ ו ו י י ט ע ר מ אַ ן: ס'אַ ליגן! כ'האָב עס אפילו ניט אָנגערירט!

ע ר ש ט ע ר מ אַ ן: באַטאָג האָבן מיר העכער אַ האַלבן ברויט איבערגעלאָזט און איצט איז פּונקט אַ האַלבער!

צ ו ו י י ט ע ר מ אַ ן: דיינע הונגעריקע אויגן האָבן עס גרעסער געמאַכט!

ע ר ש ט ע ר מ אַ ן (שפּרינגט אויף, כאַפּט ארויס אַ מעסער): גיב מיר דאָס ברויט!

צ װ ײ י ט ע ר מ אַ ן (הויבט זיך שנעל אויף מיט׳ן מעסער אין האַנט): איך בין פּונקט אַזוי הונגעריק ווי דו!

ע ר ש ט ע ר מ אַ ן (גייט צו נענטער): האָסט אויפגעפרעסן אַ שטיק!

צ װ ײ י ט ע ר מ אַ ן (שטייט פּאַרטיק זיך צו פּאַרטיידיקן): ס׳איז אַ ליגן!

ע ר ש ט ע ר מ אַ ן: דעם האַלז וועל איך דיר איבער־שניידן!

צ װ ײ י ט ע ר מ אַ ן: פּרואוו נאָר, דו שמוציקער הונט! (ביידע קוקן זיך אויפגערעגט אָן. אַ קליינע פּאַוזע).

ע ר ש ט ע ר מ אַ ן (טרעט צוריק): גיב, איך וועל דאָס ברויט צוטיילן.

צ װ ײ י ט ע ר מ אַ ן (טרעט צוריק): איך קען דיר שוין איצט ניט טרויען! (אַ קליינע פּאַוזע).

ע ר ש ט ע ר מ אַ ן (באַהאַלט דאָס מעסער, זעצט זיך אַפּ׳ן גראָז): נו, גיב מיר מיין חלק.

צ װ ײ י ט ע ר מ אַ ן (זעצט זיך): אַזוי איז בעסער. (צו־שניידט דאָס האַלבע ברויט אַף צוויי חלקים, גלייכט זיי צו, ווייזט זיי דעם ערשטן מאַן פון ווייטנס): וועלכעס ווילסטו?

ע ר ש ט ע ר מ אַ ן (קוקט זיך איין): דאָס פון רעכטס. (דער צווייטער מאַן וואַרפט אים דאָס פערטל ברויט. ביידע עסן. פון רעסטאָראַן דערטראָגן זיך מוזיק־קלאַנגען).

צ װ ײ י ט ע ר מ אַ ן: זיי טאַנצן. זיי האָבן צופיל צום פרעסן!

ע ר ש ט ע ר מ אַ ן: דערפאַר האָבן מיר גאָרניט. (שטייט אויף.) נו, קום!

צ װ ײ י ט ע ר מ אַ ן: דו דענקסט נאָך אַלץ, אַז כ׳האָב אַ שטיק ברויט אַראָפּגע׳גנב׳עט?

ערשטער מאַן (טראַכט אַ ווײַלע): אפשר האָט זיך מיר אויסגעדאַכט. איך בין שטאַרק הונגעריק געווען.

צווייטער מאַן (שטייט אויף): דאָס זײַנען אַנדערע רייד. קום! (ביידע אָפּ רעכטס. ג. פּ. ב. ערשיינט. קוקט זיי נאָך).

ג. פּ. ב.: קומט אַרויס! די מענטשן זײַנען שוין אַוועק! (אַלע גייסטער ערשיינען, קוקן נאָך די צוויי מענער. דער ג. פּ. שטיין ערשיינט דער לעצטער).

ג. פּ. ר. ר.: שטעכן האָבן זיי געוואָלט איינער דעם אַנדערן!

ג. פּ. וו. ר.: שלעכטע מענטשן!

ג. פּ. ש.: הונגעריקע.

ג. פּ. שטיין: דומקעפּ! (ס'הערט זיך אַ פּייף פונ'ם ווינט).

ג. פּ. ב.: דער ווינט קומט! (אַלע, אַחוץ דעם ג. פּ. שטיין, גיבן זיך אַ לאָז פאַראויס. ג. פּ. וו. פליט אָן פון רעכטס.)

ג. פּ. וו.: זיך פאַרשפּעטיקט. כ'האָב דאָ ניט ווייט די צוויי מענער באַגעגנט. (לאָזט זיך אַראָפּ.)

ג. פּ. ש.: נו, וואָס מאַכסטו, ווינט?

ג. פּ. וו. (נעמט אַרום די רויזן־גייסטער): איך פלי, זע און שווייג.

ג. פּ. ש.: דערצייל עפּעס נייעס.

ג. פּ. ב.: וואָס הערט זיך עפּעס אויף דער וועלט?

ג. פּ. ר. ר. (קאָקעטיש): נאָר דערצייל ניט קיין שרעקלאַכעס: כ'וועל שפּעטער מורא האָבן.

ג. פּ. שטיין: וואָס קען אַ ווינט דערציילן, ווען זײַן מאַרך איז בלויז פון לופט? (דער ווינט וויל אים עפּעס ענטפערן, נאָר דער ג. פּ. וו. ר. לאָזט אים ניט).

ג. פּ. וו. ר.: ענטפער ניט! וואָס ווייסט און פאַרשטייט אַ שטיין?

ג. פּ. ש.: נו, דערצייל, דערצייל! (אַלע שטעלן זיך ארום ווינט).

ג. פּ. וו. (לאַטשטשעט די רויזן-גייסטער): היינט באַטאָג האָט אין שטאָט אויסגעבראָכן אַ גרויסער פייער. איך האָב אים פון פעלד באַמערקט און בין שנעל צוגעפלויגן. די פייער־גייסטער האָבן זיך דערפרייט. מיר האָבן זיך גענומען שפּילן. זיי האָבן זיך געוויקלט אין זייערע שוואַרז-ברוינע פעלצן און איך האָב זיי יעדעס מאָל געפונען און פון דאָרטן ארויסגעשלעפּט. ס'איז געווען היים און פריילאַך. באַלד זיינען אָבער אָנגעלאָפן אַ סך מענטשן אַף רויטע וועגענער און האָבן ארויסגעלאָזט פון דינע, ווייכע רערן טויזנטער וואַסער-גייסטער, וועלכע האָבן דאָס פייער געטויטעט. איך האָב לאַנג דערנאָך געמוזט אַף דער זון מיינע קליידער טריקענען.

ג. פּ. ש. (זיפצט): קלוג זיינען היינט די מענטשן געוואָרן, אַלמעכטיק.

ג. פּ. ר. ר.: וואָס איז פייער?

ג. פּ. וו. ר.: שמעקט עס ווי מיר, רויזן?

ג. פּ. וו.: פייער איז אַ לויפנדיקער טייך, אָנגעפילט מיט פלאַמענדיקע זונען.

ג. פּ. ש ט י י ן: איך קען דעם גייסט פון פייער און האָב פאַר אים קיין מורא ניט.

ג. פּ. ב.: אַן אַלטער בוים האָט מיר אַמאָל דערציילט, אַז דער גייסט פון פייער איז דער שרעקלאַכסטער אין דער וועלט. ער איז אַפילו ערגער פונ'ם שטורם.

ג. פּ. ש.: וואָס נאָך פאַר אַ נייעס האָסטו געבראַכט, ווינט?

ג. פּ. וו.: טויזנטער מענטשן גייען ארום איבער די גאַסן פון שטאָט בייזע, בלייכע, הונגעריקע. באַנאַכט ברעכן אָפּט אויס שיסערייען און גאַנץ פרי געפינט מען הרוגים אַף אַלע ראָגן. ווייבער און קינדער וויינען אין די הייזער און בעטן עסן. און דאָס ברויט ליגט באַהאַלטן.

ג. פ. וו. ר.: ברויט? וואָס איז אַזוינס ברויט?

ג. פ. ר. ר.: מען האָט זיך דאָ נאַר־וואָס איבער דעם שיער ניט געשטאָכן!

ג. פ. ב.: פאַרוואָס האָט מען דאָס ברויט באַהאַלטן?

ג. פ. וו.: איך ווייס ניט. איך האָב געזען ווי זעלנער היטן עס.

ג. פ. ש. (זיפצט): אָך, אָך! זייער אַ סך שלעכטע מענטשן הײַנט אויף דער וועלט פאַראַנען.

ג. פ. שטיין: ניטאָ קיין גוטע מענטשן, פונקט ווי עס זיינען ניט פאַראַנען קיין קלוגע רויזן!

ג. פ. ר. ר.: איצט, ווינט, דערצייל עפּעס פריילאכעס!

ג. פ. וו.: אין די רייכע האָטעלן, וואָס געפינען זיך אין דער הויכער, רייכער זייט שטאָט, שפּילט טאָג און נאַכט־מוזיק און שיין געקליידטע מענער פאַרברענגען דאָרט פריילאך די צייט מיט האַלב־נאַקעטע פרויען!

ג. פ. ר. ר.: אָך, ווי איך האָב ליב מוזיק און טענץ!

ג. פ. וו.: פרויען קריגן זיך איבער מענער און מענער שיסן איינער דעם צווייטן צוליב שיינע פרויען.

ג. פ. שטיין: איך וואָלט עס קיינמאָל ניט געטאָן!

ג. פ. ש. (זיפצט): אָך, אָך! קלוג ווי געטער זיינען די מענטשן און אויך הילפלאָז ווי קליינע קינדער. מיט אַ שטאָ־לענער נעץ האָבן זיי דאָס לעבן ארומגעכאַפּט און אַליין זיך אין דער נעץ פאַרפּלאָנטערט.

ג. פ. וו.: אפ'ן טייך שווימען־ארום שיפלאך און פאַר־ליבטע פאַרלאך האַלזן און קושן זיך. אייניקע זינגען שיינע לידער. איך וועל אייך באַלד ברענגען אַ ליד, אויב איר ווילט!

די רויזן־גייסטער (צוזאַמען): ברענג! ברענג! מיר ווילן הערן.

ג. פ. וו.: פליענדיק פון שטאָט האָב איך דאָ ניט ווייט אָנגעיאָגט אַ פאַרליבט פּאָרל, וואָס איז ענג געאָרעמט געגאַנגען;

אהער. און נאָך זיי, אין גראָז, איז שטיל נאָכגעקראָכן אַ צוויי־טער מאַן.

ג. פּ. ש.: בלוט וועט זיך דאָ היינט גיסן!

ג. פּ. ב.: איך האָס בלוט!

ג. פּ. שטיין: מיך אַרט עס ווייניק!

ג. פּ. וו. ר.: וואָס איז אַזוינס בלוט?

ג. פּ. וו.: בלוט, דאָס איז רויטע זאַפט פון צודריקטע לעבנס.

ג. פּ. ר. ר. (חזר'ט איבער): זאַפט פון צודריקטע לעבנס. שמעקן זיי אויך ווי מיינע רויזן?

ג. פּ. ש.: ניין, זיי טוען וויי. ווען איך בין נאָך יונג געווען האָט דאָ, אין מיין שטיבל, אַ גליקלאַכע פאַמיליע געוואוינט. איין מאָל, ביינאַכט, זיינען עטלאַכע מענטשן אריין דורכ'ן פענסטער און אַלעמען גע'הרג'עט. דאַמאָלס האָב איך דאָס ערשטע מאָל בלוט געזען. דערנאָך בין איך צוגעוואוינט געוואָרן און ניט איין מאָל צוגעקוקט, ווי מענטשן האָבן איינער דעם צווייטן געטויט פאַר'ן שוועל פון מיין שטיבל. גייסט פון בוים, אונטער דיר ליגן צוויי הרוגים באַגראָבן.

ג. פּ. ב.: ווי שווער דאָס איז!

ג. פּ. ש.: און טיף אונטער דיר, גייסט פון שטיין, ליגן דריי באַהאַלטן!

ג. פּ. שטיין: מיך אַרט עס ניט!

ג. פּ. וו. ר.: גענוג, זיידע, איך האָב מורא!

ג. פּ. ר. ר.: איך וועל שוין דערנאָך קיין רו ניט האָבן!

ג. פּ. וו. (קושט די רויזן־גייסטער): האָט ניט מורא. איצט פלי איך אַביסל צום טייך און וועל באַלד זיין צוריק. (פליט אַפּ רעכטס).

ג. פּ. ר. ר.: ווי שיין און צערטלאַך דער ווינט איז!

ג. פּ. וו. ר.: ער וועט אונז באַלד אַ ליד פון טייך ברענגען.

ג. פּ. שטיין: אַ לייכטזיניקער, פוסטער מעשה־דער־ציילער.

ג. פ. ר. ר.: איך וועל עס אים זאָגן, ווען ער וועט צוריק-קומען.

ג. פ. וו. ר. (צום שטיין): ער וועט אַ רעגן אַנשיקן, וועל-כער וועט דיך אַף קליינע שטיקלאַך צוואווייקן!

(ג. פ. שטיין קערט זיך אָפּ. גייסט פּ. וו. פליט אָן).

ג. פ. וו. (פון ווייטנס): איך האָב אייך אַ ליד געבראַכט! נאָט! (גיט אַ מאַך מיט׳ן האַנט, פאַרשווינדט. עס הערט זיך אַ ווייטער כאָר-געזאַנג. מען זינגט: „וניז פּאַ מאַטושקע פּאַ וואָלגע“. אַלע הערן זיך צו. דער ג. פּ. ב. שפּרינגט פלוצלינג אויף).

ג. פ. ב.: אימיצער גייט אהער! (אַלע הערן זיך צו. דער ג. פּ. שטיין באַהאַלט זיך.)

ג. פ. ש.: יאָ, מען גייט. באַהאַלט זיך, קינדער! (אַלע פאַרשווינדן. אַ פּאָרל דערשייגנט רעכטס, בלייבן שטיין אין מיטן לאַנקע).

זי (קוקט זיך ארום): ווי שטיל עס איז דאָ, ווי געהיימ-ניספול!

ער: איך הער, ווי אונזערע הערצער קלאַפּן.

זי: אַך, ווי איך ליב דיך! (טוליעט זיך צו אים.)

ער: ווי גליקלאַך אונזער לעבן וואָלט געקענט זיין!

זי: איך בעט דיך, דערמאָן ניט... מען דאַרף ניט! (ער דריקט זי צו זיך, קושט זי. זיי גייען לאַנגזאַם צום שטיין אַף וועלכן זי זעצט זיך, ער זעצט זיך אַפּ׳ן גראָז, שפּאַרט צו זיין קאָפּ צו אירע קני. אַ מאַן באַווייזט זיך נעבן שטיבל, קוקט זיך איין אין זיי, פאַרשווינדט).

זי (באמערקט די רויזן): זע נאָר, טייערער, רויזן בליען.

ער (הויבט זיך אויף, גייט צו, רייסט אָפּ אַ צווייגל ווייסע און רויטע רויזן, קומט צוריק, שטעלט זיך פאַר איר אַף די קני, באַפּוצט מיט די ווייסע רויזן איר קאָפּ און די רויטע רויזן שפּילעט ער צו צו איר ברוסט): מיין ליבע, דו זעסט איצט אויס ווי אַ פאַרצויבערטע פּרינצעסין!

זי: אין אַ פאַר׳כשופט׳ן וואַלד.

(ער דריקט זי צו זיך. פון רעכטס טרעט אַרויס דער מאַן. זיי באַמערקן אים ניט. ער צעלאַכט זיך שטיל און בייז. ביידע שפּרינגען אויף.)

דער מאַן (ציטערט אויף פון אויפרעגונג): ענדלאַך האָב איך אייך געכאַפּט! (צו איר.) ניין, וועסט מיך שוין ניט קענען נאַרן מער, דו שמוציקע פרוי! איר וועט מיך איצט שוין ביידע באַצאָלן פאַר... (דער געליבטער וואַרפט זיך אַף אים. זי שרייט אויס היסטעריש. אַ ווײַלע קעמפן זיי. עס הערט זיך אַ שאָס. דער געליבטער פאַלט. דער מאַן לויפט צו צו איר, וויל זי פאַר'ן האַנט אָנכאַפּן).

זי (שאַרף): איך האָס דיך! (שטויסט אים אָפּ, לאָזט זיך אַראָפּ פאַר'ן געליבטן אַף די קני).

דער מאַן (ווי משוגע): אַזוי? דו האָסט מיך? טו נאַ דיר! נאַ!... נאַ! (שיסט אין איר צוויי מאָל. זי פאַלט. ער קוקט אַף איר אַ ווײַלע מיט ברייט-צועפנטע אויגן, אַנטלויפט רעכטס. אַ קליינע פּאַוזע. דער גייסט פון בוים דערשיינט, קוקט זיך צו פון ווייטנס צו די טויטע).

ג. פ. ב. (לויפט צום שטיבל): זיידע! זיידע!

ג. פ. ש. (דערשיינט): ווידער בלוט?

ג. פ. ב.: יאָ... צוויי ליגן! (די רויזן גייסטער דער-שיינען דערשראָקענע).

ג. פ. וו. ר.: עס האָט אַזוי שרעקלאַך געדונערט דריי מאָל!

ג. פ. ר. ר.: דער מאַן האָט פון מיר אַ צווייגל רויזן אָפּגעבראָכן!

ג. פ. וו. ר.: און פון מיר אויך!

ג. פ. ב.: ער האָט עס זיין געליבטער געשענקט. איך האָב עס געזען.

ג. פ. ש: זיין לעצטער געשאַנק.

ג. פ. ר. ר. (קוקט זיך איין אין די טויטע): זיי וועלן שוין ניט אויפשטיין מער?

ג. פ. ש.: קיין מאָל ניט! (אַלע גייען לאַנגזאַם צו די הרוגים. דער גייסט פון שטיין ערשיינט. קוקט זיך פּראַזיכטיק אַרום).

ג. פ. ב. (שפּאַטיש): קענסט שוין אַרויסקומען, דו בראַ־ווער העלד!

ג. פ. שטיין (קוקט זיך איין אין די טויטע, גיט אַ בייזן, שטילן געלעכטער): זיי וועלן שוין ניט אויפשטיין מער!

ג. פ. ב. (קוקט אַף די טויטע): ווי ווייס זייערע פּנים׳ער זיינען!

ג. פ. ר. ר.: איך האָב נאָך קיינמאָל קיין טויטע ניט געזען!

ג. פ. וו. ר.: איך אויך ניט.

ג. פ. ב.: און איך יאָ!

ג. פ. שטיין: מיך אַרט ניט!

ג. פ. ש.: און מיר טוט וויי. (פון טויך דערטראָגט זיך אַ שטילער כאָר־געזאַנג).

ג. פ. וו. ר.: זע נאָר, זיידע, צעדריקטע רויטע רויזן אַף זייערע ברוסטן!

ג. פ. ש.: ס׳איז בלוט.

ג. פ. ר. ר. (דערשראָקן, שטיל): בלוט? בלוט! (אַלע קוקן זיך איין אין די טויטע. די שטאָט־זייגערס פון וויטנס קלינגען צוויי).

ג. פ. וו. ר. (בויגט זיך טיף אָן, וויל מיט דער האַנט אָנ־רירן די טויטנס פּנים׳ער. שפּרינגט אָפּ מיט אַ דערשראָקענעם אויסגעשריי. אַלע אַחוץ דעם שטיין לויפן צו צו איר).

ג. פ. ר. ר. (נעמט זי אַרום): וואָס איז געשען, שוועס־טער?

ג. פ. ב.: האָט זיך דיר עפּעס אויסגעוויזן?

ג. פ. שטיין (שפּאַטיש): צאַרטע באַשעפענישן.

ג. פ. וו. ר. (ווייזט מיט שרעק אַף די טויטע): זיי רירן זיך! עפּעס אין ווייסן רייסט זיך פון זיי!

ג. פ. ש.: עס האָט זיך דיר אויסגעדאַכט, קינד. (גיט אַ קוק צו די הרוגים) און מעגלאַך אַז... ניט (גייט צו, קוקט זיך איין אין זיי) ניין, ווייסע רויז, האָסט זיך ניט אָפּגענאַרט. מיר ווען באַלד האָבן צוויי געסט: די גייסטער פון די טויטע. זיי באַפרייען זיך איצט פון זייערע צעלן.

(פון די טויטע הויבן זיך לאַנגזאַם אויף צוויי גייסטער און קוקן זיך פאַרוואונדערט אַרום. דער גייסט פון שטיין שפּרינגט אַריין אין שטיין און קוקט אַרויס פון דאָרטן).

ג. פ. וו. ר.: כ׳האָב מורא!

ג. פ. ב.: ניטאָ זיך וואָס צו שרעקן. עס וועט אונז איצט בלויז היימלאַכער זיין.

ג. פ. ר. ר.: קיין מענטשן-גייסטער האָב איך נאָך קיין מאָל ניט געזען.

ג. פ. מאַן (קוקט זיך אַרום): ס׳איז אַ וואַלד.

ג. פ. פרוי: יאָ. דער זעלבער וואַלד, וואו מיין מאַן האָט אונז אַמאָל ביידן געטויטעט.

ג. פ. מאַן: ווי לאַנג צוריק האָט עס פּאַסירט?

ג. פ. פרוי: ווער קען עס ציילן די אייביקייטן.

ג. פ. מאַן: מיר דאַכט זיך, כ׳בין ערגעץ וואו אין אַ פייכטער הייל גאַנצע יאָרהונדערטע געשלאָפן.

ג. פ. פרוי: מיר אויך.

ג. פ. מאַן: ווי לייכט איך פיל. כ׳האָב זיך ווי אָפּ־געריסן פון אַ שווערער מאַסע.

ג. פ. פרוי: דאָס זיינען אונזערע קערפּערס געוועז.

ג. פ. מאַן (דערזעט די אַרומיקע גייסטער. קוקט זיך איין אין זיי): ווער זיינט איר?

ג. פ. ש.: די גייסטער פון וואַלד.

ג. פ. פרוי: וועט איר אונז קיין בייזער ניט טאָן?

ג. פ. ב.: ניין. מיר זיינען ניט קיין מענטשן.

ג. פ. ש.: רו און שיינקייט זיינען אונזערע איינציקע וואונשן.

ג. פ. שטיין (קריכט ארויס, זעצט זיך אוועק).

ג. פ. ר. ר. (לויפט צו צו די מענטשן־גייסטער): ווער איז געוועזן דער שלעכטער מענטש, וואס האט אייך דערשאסן?

ג. פ. וו. ר. (לויפט צו): פארוואס האט ער עס געטאן?

ג. פ. פרוי: ס'איז מיין מאן געוועזן.

ג. פ. מאן: ער איז געוועזן מיאוס און אייפערזיכטיק.

ג. פ. שטיין: ווי אלע מענטשן.

ג. פ. ר. ר.: פארוואס זשע ביסטו ניט אוועק פון אים?

ג. פ מאן: ער האט איר געגעבן א סך און גוט עסן און זי אויסגעפוצט אין שיינע קליידער.

ג. פ. פרוי (לאזט אראפ דעם קאפ).

ג. פ. וו. ר. (צו דער פרוי): דערציילט אונז ווי אזוי איז עס געשען.

(אלע זעצן זיך אוועק אפ'ן גראז).

ג. פ. פרוי: מיין היים איז ווייט געוועזן פון דאנען, אין א קליין שטעטל, אין א גערדיכטן שיינעם גארטן. מיר זיינען געוועזן ארים, אבער צופרידן. א גאנצן טאג האב איך פארבראכט אין מיין גארטן מיט די רויזן קוסטן (די רויזן־קוסטן קוקן זיך איבער) און אנדערע שיינע בלומען, און אין אוונט (ווייזט אן אפ'ן געליבטן) פלעגט ער צו מיר קומען און מיר האבן פארבראכט אונטער א בוים ביז שפעט אין דער נאכט.

ג. פ. ב.: פארליבטע מענטשן־קינדער באהאלטן זיך שטענדיק אין שאטן פון מיינע צווייגן.

ביידע רויזן גייסטער (צום בוים): ש־ש־ש! שלאג ניט איבער!

ג. פ. פרוי: דערנאך איז געקומען א צווייטער מאן, א פיל עלטערער פון מיין געליבטן, האט פארבלענדט מיינע אויגן מיט'ן גלאנץ פון זיין רייכטום און מיך געבראכט אין דער גרויסער שטאט, וואס געפינט זיך אף דער צווייטער זייט טייך.

ג. פּ. מ א ן (זעצט פּאָר) איך האָב אָבער ניט געקענט לעבן אָן איר. בין איך געקומען אין שטאָט אריין און מיר האָבן זיך ווידער גענומען טרעפן אַלע נאַכט, ווי פריער אין שטעטל.

ג. פּ. ש ט י י ן: ביז ער האָט אייך נאָכגעפּאָלגט און דערשאָסן?! גוט!

(עס הערט זיך אַ וויטער פּייף פונ׳ם ווינט).

ג. פּ. ב. (שפּרינגט אויף): דער ווינט קומט! (אַלע הויבן זיך אויף, הערן זיך צו. אַ פּאַוזע. די זייגערס אין שטאָט קלינגען פיר.)

ג. פּ. ש.: אַך־אַך. שוין פיר אזייגער.

ג. פּ. ב.: ווי שנעל די נאַכט איז פאַריבער.

ג. פּ. וו. ר.: עס ווערט קיל.

ג. פּ. ר. ר. (טוליעט זיך אין איר קלייד): מיר איז קאַלט.

ג. פּ. וו. (פליט אָן. שרייט פון ווייטנס): דער פרימאָרגן קומט! (לאָזט זיך אַראָפּ).

ג. פּ. וו. ר. (ווייזט אָן אַף די מענטשן־שאָטנס): זע, ווינט, צוויי געסט.

ג. פּ. וו.: איך טרעף זיי אָפט אין שטאָט. (צו די צוויי גייסטער): דער מאַן וואָס איז פריער נאָך אייך אין גראָז געקראָכן, ליגט שוין איצט אפ׳ן גרונט פונ׳ם טייך.

ג. פּ. ב.: פון וואַנען ווייסטו עס?

ג. פּ. וו.: כ׳האָב אים געזען פון בריק אין וואסער אריינגשפּרינגען.

ג. פּ. ש ט י י ן: גוט!

ג. פּ. ש.: עס פּאַסירט אזוי גאַנץ אָפט.

ג. פּ. וו.: פון דער הויך האָב איך שוין באַמערקט די ערשטע זונען־שטראַלן.

ג. פּ. ב.: פונ׳ם שפּיץ פון מיין בוים וועל איך זיי אויך גיך דערזען.

ג. פ. ש.: די קעלט גנב'עט זיך אריין אין מיינע אלטע ביינער. (צום ווינט.) זיי פארזיכטיק, ווארף ניט איין מיין קוימען.

ג. פ. וו. גוט, זיידע.

ג. פ. ב.: שוין צייט צו גיין שלאפן.

ג. פ. ר. ר. (צו די מענטשן-גייסטער): וועט איר בלייבן דא מיט אונז וואוינען אין וואלד?

ג. פ. וו. ר.: איר קענט זיך אפ בייטאג באהאלטן אין אייערע געוועזענע קערפערס.

ג. פ. פרוי: ניין. דארטן איז קאלט און נאס.

ג. פ. מאן: צוזאמען מיט'ן ווינט וועלן מיר זיך איבער דער גאנצער וועלט צעשפרייטן.

ג. פ. פרוי: אין ערגעץ ניט זיין און אומעטום.

ג. פ. ש.: שוין שפעט, קינדער. צייט צו גיין שלאפן. (ווייט איבער'ן טייך הויבט אן טאגן. עס הערט זיך דאס קרייען פון הענער.)

ג. פ. ש. (גייט צום שטיבל): א גוטע נאכט. (פארשווינדט אינעווייניק).

ג. פ. ב. (קריכט פלינק ארויף אפ'ן בוים): די הענער האבן זיך היינט אביסל פארשפעטיקט.

ג. פ. וו. (נעמט ארום און קושט די רויזן-גייסטער): א גוטע נאכט, רויזן. איך וועל שפעטער צוריקקומען און אייך מיט זונען-שטראלן באשיטן.

די בלומען - גייסטער (צוזאמען): ווי גוט דו ביסט, ווינט! ווי צארט דיינע הענט זיינען!

ג. פ. שטיין (קוקט אף זיי שפאטיש): פוסטע קעפ! (פארשווינדט אין שטיין).

ג. פ. וו. (פירט צו די רויזן-גייסטער צו די קוסטן, אין וועלכע זיי פארשווינדן. קומט צוריק, בלייבט שטיין פאר די מענטשן גייסטער)): וועט איר גיין מיט מיר?

ג. פ. מאן: יא, ווינט. מיר זיינען פארטיק.

ג. פ. פרוי: מיט דיר איז אונזער איינציקער וועג.

ג. פ. שטיבל (פון שטיבל): אך־אך־אך! א גוטע נאכט, קינדער!

די גייסטער: א גוטע נאכט, זיידע! א גוטע נאכט!

ג. פ. וו. (שטרעקט אויס די הענט צו די מענטשן־גייסטער): קומט!

ג. פ. מאן: איין מינוט.

ג. פ. פרוי: מיר ווילן זיך געזעגענען.

(די גייסטער גייען פּאַוואָליע צו צו זייערע קערפּערס, קוקן זיך איין אין זיי, לאָזן טרויעריק אַראָפּ די קעפּ. א פּאַוזע. דער גייסט פון ווינט גייט צו, נעמט זיי ביידן לייכט אַרום. זיי הויבן זיך אַלע אויף אין דער לופטן. פאַרשווינדן. עס דערטראָגט זיך ווידער דאָס קרייען פון די הענער. עס ווערט ליכטיקער. פון רעכטס גיבן א שפּריץ די ערשטע זונען־שטראַלן.)

(דער פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם)

נאַקעטע נשמות

(אַ דראַמאַ)

פערזאנען:

אלבערט
עטהעל
ראווין
טאסיא
סאמואיל

אַן עס־צימער מעבלירט מיט געשמאַק. אינמיטן אַ טיש, סערווירט פאַר פינף פערזאָן. אַף דער מיטלסטער וואַנט הענגט אַ גרויסער זייגער. רעכטס די טיר פון גאַס. לינקס — די טיר אין קיך און אין די איבעריקע

צימערן. אינמיטן טיש — אַ גרויסער בוקעט בלומען.
ניין אַזייגער פאַרנאַכט. אַלבערט און עטהעל האַלטן אין פאַרענדיקן צוגרייטן דעם טיש.

עטהעל (צורוקט די טעלער, כאַפּט זיך): זעסט, אַלבערט טייערער, אַט פעלט דאָ אַ לעפל!

אַלבערט: איז עס מעגלאַך? (גייט צו, ציילט איבער די לעפל, הויבט מיט די אַקסלען) זאַנדערבאַר. אפנים אַ טעות געהאַט. כ׳ברענג עס גלייך. (גייט אין קיך).

עטהעל (שטעלט איבער די גלעזער, שרייט אין קיך אריין): אַלבערט, ברענג אריין דאָס דריטע פלעשל וויין!

אַלבערט (פון קיך): גוט. (קומט אריין מיט אַ לעפל און אַ פלעשל וויין אין האַנט.) זיינען צוויי פלעשער וויין וועניק? (בויגט זיך ליבלאַך צו צו איר.) צו, אפשר, ווילסטו גאָר אונז היינט אַנ׳שיכור׳ן?

עטהעל (נעמט מיט איין האַנט צו פון אים דאָס פלעשל וויין, מיט דער צווייטער נעמט זי אַרום זיין האַלז): דריי מענער וועלן היינט זיין, און דריי פלעשער וויין דארפן שטיין אַפ׳ן טיש. (קוקט אים קאָקעטיש אריין אין די אויגן.) און פאַר וואָס, ליבער, זיך טאַקע היינט ניט אַנ׳שיכור׳ן אבים? וויפיל מאָל פראַוועט מיר עס דעם 5־יאָריקן יובילעאום פון אונזער חתונה?

אלבערט (דריקט זי צו זיך): ביסט גערעכט. און מיר וועלן טאקע היינט א לעב טאָן! (קושט זי.)

עטהעל (ציט זיך ארויס פון זיינע הענט): גענוג. באַהאַלט אביסל פייער אויף שפעטער.

אלבערט (צאַרט, לאָזט זי ניט אָפּ): ניטאָ פאר וואָס מורא צו האָבן: אין מיין הארצן איז נאָך פאר דיר פאראַנען ליבע און צערטלאַכקייט אויף א סך, א סך יאָרן.

עטהעל (גלעט שטיפעריש זיין פּנים): הא, ווי אנגענעם עס איז צו הערן. (קוקט אים אריין אין די אויגן.) איז עס טאקע אזוי? קיין וואונש נאָך עפּעס אַנדער עמיצן אנדערש?

אלבערט: איך וואָלט זיך באַליידיקט, ווען כ'זאָל עס ניט נעמען פאר קיין שפּאַס. (קוקט איר אריין אין פּנים.) צי, אפשר, טייערע מיינע, האָט עפּעס פּאסירט מיט אייך און איר האָט מורא עס אויסצוזאָגן? אפשר ציט גאָר אייער הערצל צו עפּעס אַדער צו וועמען?

עטהעל (לאַכט): הלואי, הערר אלבערט, וואָלט איר שוין אזוי זיכער געווען אין אייערע געפילן, ווי איר קענט גלויבן אין מיינע.

אלבערט (זיכער): אין מיינע בין איך זיכער!

עטהעל (לאַכט): אויב אזוי, איז אַלץ אויסגעצייכנט! (גיט אים אַ שנעלן קוש, דרייט זיך אויס פון זיינע הענט, גייט צום טיש, שטעלט אַוועק דאָס פלעשל ווייַן).

אלבערט (גייט צו צום טיש, לעגט אַוועק דעם לעפל, באַטראַכט דעם טיש): שוין, דאַכט זיך, אַלץ אין אָרדנונג?

עטהעל (באַטראַכט דעם טיש): אזוי דאַכט זיך. (וואַרפט אַ בליק אויף'ן זייגער.) שוין נאָך ניין. ווי קומט עס וואָס ראָווין מיט טעסי'ן זיינען נאָך ניטאָ?

אלבערט: זיי וועלן, מן הסתם, באַלד קומען. (זעצט זיך, ציט ארויף עטהלען צו זיך אויף די קני.) כ'פיל מיד. קום, רו זיך אויף אַ פּאָר אביסל. ראָווין האָט מיר היינט געלאָזט וויסן,

אַז אייער פילאַדעלפיער פריינט, סאַמואיל, איז געקומען מיט פיר שעה שפּעטער ווי ער דאַט באַדאַרפט קומען.

עטהעל: אָבער קומען אַהער וועט ער זיכער?

אַלבערט: אָן צווייפל. טאַסיא האָט מיר אַנומלעלטן דערציילט, אַז מיידלוויז זיינט איר דריי געוועזן גאַנץ אינטימע פריינט.

עטהעל (צולאַכט זיך געמאַכט): אינטימע פריינט? דו קענסט דאָך טאַסיע'ן. אַלעס פאַרגרעסערט זי אַף הונדערט פּראָצענט. מיר זיינען געוועזן גאַנץ גוטע פריינט, אָבער פון אינטימקייט איז עס נאָך גאַנץ ווייט געווען.

אַלבערט: ווי זשע קומט עס, וואָס איר שרייבט זיך אַפילו ניט איבער די גאַנצע צייט?

עטהעל (הויבט מיט די אַקסלען מיט אַ געמאַכטער רואי־קייט): פון אָנהויב, גלייך ווי ער איז אַוועקגעפאָרן קיין פילאַ־דעלפיע, האָבן מיר זיך יאָ אַ פּאָר מאָל געשריבן, דערנאָך האָט עס פון זיך אַליין אויפגעהערט. (שמייכלט.) הפנים, דער וואונש בא יעדן איינעם פון אונז צו וויסן, וואָס דער צווייטער מאַכט, איז ניט געווען איבעריק גרויס. (גיט זיך אַ כאַפּ.) אַלבערט, גיב שנעל אַ קוק צום פייער, דאָס עסן זאָל ניט פאַרברענט ווערן! (לאַכט.) שנעל, שנעל!

אַלבערט (גיט איר שנעל אַ קוש): איך לויף! (לויפט לאַכנדיק אין קיך).

עטהעל (איר געלעכטער פאַרשווינדט גלייך. זי שטייט אָנ־געכמורעט, פאַרטראַכט).

אַלבערט (פון קיך): קלענער מאַכן ביידע פייערן?

עטהעל (מיט אַ געמאַכטן שמייכל): יאָ, ביידע. און זע, דער ביר זאָל ליגן אַפ'ן אייז. (גייט פאַרטראַכט איבער דעם צימער).

אַלבערט (ענטפערט פון קיך זינגענדיק): גוט, גוט! אַלץ וועט זיין אַם בעסטן, אַם בעסטן. גוט, גוט! (מען

קלינגט. אַלבערט לויפט עפענען, גיט אַפּ'ן וועג אַ כאַפּ ארום און אַ קוש די פרוי.) עטהעלע, די קעץ קומען! (אַפּ רעכטס.)

(עס הערט זיך אַ רויש פון באַגריסונג־שטימען, אַ געלעכטער. עטהעל מאַכט נערוועז צורעכט די האָר. עס קומען אַריין טאַסיאַ, סאַמואיל, ראַווין און אַלבערט. סאַמואיל האַלט אַ בוקעט בלומען אין האַנט.)

טאַסיאַ (צוקושט זיך מיט עטהלען): מזל־טוב, עטהעלע! (ווייזט אָן אַף סאַמואיל'ן.) אונזער „פלי־פויגל" איז צוריקגע־קומען אַף אַ ווײַלע. (זאָגט איר עפּעס שטיל אין אויער אריין).

ראַווין (דריקט אַלבערט'ן די האַנט, זיי צוקושן זיך): אין אַ גוטער שעה, ברודער! אין 5 יאָר ארום וועלן מיר פּראַ־ווען דעם 10־יאָריקן יובילעאום פון דיין חתונה, און כ'האָף, אַלץ וועט ביז דאַן גיין פּונקט אַזוי שיין און גוט, ווי ביז איצינד! (שטעלט פאָר סאַמואיל'ן.) אונזערער אַן אַלטער גוטער פריינט. טאַסיאַ'ס און עטהעל'ס אַ געוועזענער לערער.

אַלבערט (גיט סאַמואיל'ן די האַנט): כ'האָב געהערט וועגן אייך. עס פרייט מיך אייך צו קענען.

סאַמואיל: מיך אויך. איך ווינטש אייך גליק און שטעל צו מיין חתימה אונטער דעם אַלעם גוטן, וואָס ראַווין האָט אייך דאָ נאָר־וואָס אָנגעוואונשן.

אַלבערט: איך דאַנק אייך.

סאַמואיל (גייט צו צו עטהלען, דריקט איר די האַנט): מיינע בעסטע ווינשן, עטהעל! (גיט איר די בלומען.) כ'פיל זיך גליקלאַך, וואָס מיר איז גראַדע אויסגעקומען צו זיין איצט אין שטאָט און אַנטייל נעמען אין אייער יום־טוב.

עטהעל (נעמט די בלומען, זאָגט איינגעהאַלטן): איך דאַנק אייך.

טאַסיאַ (צו אַלבערט'ן): מיר האָבן אים אַ נאָמען גע־געבן „פלי־פויגעל", ווייל ער האָט קיינמאָל ניט געקענט לאַנג איינזיצן אַף איין אָרט. צימערן האָט ער געביטן אַלע צוויי מאָנאַטן און זיך פאַרליבן פלעגט ער אַלע מאָנאַט. (צו סאַמו־

איל׳ן שפּאַסנד.) כ׳האָב איר זיינט שוין איצט אביסל מער סטאַטעטשנע געוואָרן? (לאַכט.)

סאַמואיל (זיפצט לאַכנדיק): אַ שאָד. אומזיסטע האָפ־נונגען. איר קענט דאָך דאָס לידל (זינגט):

Пока сердце в груди бьется
Будем весело мы жить,
Пока кудри в кольца вьются
Будем девушек любить!

(ביידע לאַכן).

עטהעל (גיט אַלבערט׳ן די בלומען): זיי אַזוי גוט, שטעל זיי אריין אין וואַסער.

אַלבערט (נעמט מיט איין האַנט די בלומען, מיט דער צווייטער נעמט ער זי לייכט ארום): מיט פאַרגעניגן, טייערע. (גייט מיט די בלומען אין קיך).

סאַמואיל (אינטימער): נו, ווי לעבט זיך עס עפּעס, עטהעל, די גאַנצע צייט?

עטהעל (מיט אַ זיפץ): גאַנץ גוט!

(טאַסיא גיט אַ וואונק צום מאַן, אָנווייזנדיק מיט׳ן קאָפּ אָף עטלען).

סאַמואיל: כ׳האָב אייך געשריבן אַ פּאָר מאָל, אָבער אָף קיין ענטפער ניט געקענט זיך דערוואַרטן.

עטהעל: עה, וואָס איז דער אונטערשייד! ווי גייט עס עפּעס בא אייך?

סאַמואיל: פּונקט ווי פריער. כ׳האָב זיך זייער ווייניק געביטן אין די עטלאַכע יאָר, יעדנפאַלס אינערלאַך. אמת, די יאָרן רוקן זיך אָן, אָבער די עלטער שטייט נאָך דער־ווייל ניט אונטער די פּלייצעס.

טאַסיא (לאַכט צו סאַמואיל׳ן): דאָס מיינט, אַלע אכט וואָכן אַ נייע דירה און אַלע פיר וואָכן אַ נייע. (קוקט אָף אים פיל באַדייטנד.)

ס א מ ו א י ל (לאַכט) : אָה, טאַסיאַ, איר טרייבט עס שוין איבער!

ט אַ ס י אַ : ניט איבעריק פיל.

ר אָ ו ו י ן : און פאַר וואָס ניט, אויב ס'זיינען נאָך פאַרנען מעגלאַכקייטן? וויפיל מאָל לעבט עס אינגאַנצן אונזערער אַ מענטש? סאַמואיל, ווי האָט איר עס דאָ פריער געזונגען? (זינגט איבער דאָס לידל).

ס אַ מ ו א י ל (כאַפּט אונטער).

אַ ל ב ע ר ט (טראָגט אריין די בלומען אין אַ וואַזע).

ר אָ ו ו י ן : רעכנסטו ניט, אַלבערט, אַז ס'איז אַ זינד ניט צו זינדיקן, ווען עס מאַכט זיך אַ פּאַסיקע געלעגנהייט?

אַ ל ב ע ר ט (שטעלט אַוועק די וואַזע אַפ'ן טיש) : ווי אַמאָל. אַנטקעגן וואָס פרעגסטו עס?

ר אָ ו ו י ן : ניט ווי אַמאָל, נאָר שטענדיק.

ט אַ ס י אַ (לאַכט) : ראָווין, האָסט נאָך קיין ווין הײַנט ניט געטרונקען און ביסט דאָכט זיך שוין אַביסל שכור.

ר אָ ו ו י ן (לאַכט. ווײַזט אָן אַף סאַמואיל'ן) : זיין מעשה מיט די אמת-זאָגער האָט מיך אַביסל עלעקטריזירט. עס ווילט זיך אַ שפּיל טאָן מיט'ן פייער.

אַ ל ב ע ר ט : וואָס פאַר אַ געשיכטע?

ר אָ ו ו י ן : וועגן דעם שפּעטער.

ע ט ה ע ל : גענוג פילאָזאָפירן. קומט צום טיש.

ר אָ ו ו י ן: פון בײַטאָג אָן גאָרניט געגעסן.

(אַלע זעצן זיך ארום טיש).

אַ ל ב ע ר ט (גיסט אָן שנאַפּס אין קליינע גלעזלאַך) : כ'האָב קיינער פון די מענער וועט זיך ניט אָפּזאָגן פון אַ גוט ביסל שנאַפּס?

ט אַ ס י אַ : פון אַ קליין ביסעלע וועלן זיך די פרויען אויך ניט אָפּזאָגן.

ס אַ מ ו א י ל : דאָס איז פיין!

ראַווין (צו סאַמואיל'ן, אַנוויזנדיק אַפ'ן ווייב): צו זי איז אַ קאַזאַק?!

אַלבערט (גיסט אָן טאַסיאַ'ס גלעזל): כ'וועל עס אייך מיט פאַרגעניגן אָנפילן דאָס צווייטע און אפילו דאָס דריטע מאָל אויך. (צו עטהלען.) דיר אויך אָנגיסן?

עטהעל (גיט אים אַ גלעט איבער'ן קאָפּ): פאַר וואָס ניט, ליבער? איז עס דען ניט אויך מיין יום־טוב?

אַלבערט (גיסט אָן): ס'זאָל זיך דיר דער קאָפּ שפּעטער ניט דרייען.

עטהעל (פריילאַך): און אויב אפילו יאָ, וואָס איז דער אומגליק? וועל איך געדענקען אַז צום פינף־יאָריקן יובילעאום פון אונזער חתונה האָב איך זיך אָנגע'שכור'ט.

סאַמואיל (פּאַטשט מיט די הענט): בראַוואָ!

ראַווין: ס'איז ניט שלעכט אַמאָל זיך אָנצו'שכור'ן און האָבן די גאַנצע וועלט אין דער ערד.

אַלבערט: מען קען עס טאָן אָן ווײַן אויך. יעדנפאַלס, אַזוי אָדער אַנדערש, אין הויז איז פאַראַן איבערגענוג ווײַן און שנאַפּס.

טאַסיאַ (הויבט אויף איר גלעזל בראָנפן. אַלע טוען דאָס זעלבע): איך וואָלט געוואָלט זאָגן אַ פּאָר ווערטער.

ראַווין (פאַלט איר אַריין אין די רייד): זי האָט זיי נאָך אין דער היים אויסגעלערנט.

אַלבערט (צו ראַווינ'ען): שלאָג ניט איבער.

טאַסיאַ: כ'וועל אָבער מיין רעדע בעסער אָפּלייגן אויף נאָכ'ן עסן. דעם ערשטען כוס וועלן מיר איצט טרינקען פאַר עטלען מיט אַלבערט'ן!

אַלע (קלאַפּן זיך אָן מיט די גלעזלאַך): הוראַ פאַר עטלען מיט אַלבערט'ן! (אַלע טרינקען. טאַסיאַ פאַרהוסט זיך).

אַלבערט (צו טאַסיאַ'ן): איר זעט, ס'איז ניט אינגאַנצן גרינג צו זיין אַ מאַן!

סאַמואיל (זיפצט): צייטנווייז איז עס גאַנץ שווער.

ע ט ה ע ל (לאכט): נו עסט, אָרימע מענער. איר וועט שפעטער האָבן גענוג צייט איינער דעם צווייטן צו באדויערן.

(אַלע עסן. אַ קליינע פּאַוזע).

ר אָ וו י ן: פּאָרנדיק אהער האָט די באַן אין מיט'ן וועג זיך מיט אזא אימפּעט פּלוצלינג אָפּגעשטעלט, אז עטלאכע מענטשן זיינען אפ'ן דיל געפאַלען.

ט אַ ס י אַ: כ'האָב געמיינט אונזער לעצטע שעה איז שוין געקומען.

אַ ל ב ע ר ט: ערשט לעצטע וואָך איז ניט ווייט פון דאַנען אַ באַן אראָפּ פון די רעלסן.

ס אַ מ ו א י ל: כ'האָב געלייענט וועגן דעם אין די צייטונ־גען.

ע ט ה ע ל (נעמט צונויף די טעלער, זאָגט צו טאַסיאַ'ן אַנ־ווייזנדיק אפ'ן טיש): זיי אַזוי גוט און ברענג אריין די איבע־ריקע טעלער. (גייט אין קיך).

ט אַ ס י אַ: מיט פאַרגעניגן. (נעמט צונויף די טעלער, גייט מיט זיי אין קיך).

אַ ל ב ע ר ט: האָט איר שוין געלעזן דעם נייעם זשורנאַל „אונזער ליטעראַטור“, (גיסט אָן די גלעזער מיט וויין).

ר אָ וו י ן: כ'האָב אים ערשט היינט געקויפט. בלויז דורכגעקוקט.

ס אַ מ ו א י ל: כ'האָב דורכגעלעזן דעם גאַנצן נומער פון דער ערשטער ביז דער לעצטער שורה און...

אַ ל ב ע ר ט (רוקט צו די גלעזער וויין): פאַרזוכט. ס'איז אַן אויסגעצייכנט גלעזל וויין!

ד י מ ע נ ע ר (נעמען די גלעזער, קלאַפּן אָן מיט זיי): לחיים! פאַר אונזער געזונט! (אַלע טרינקען אויס דעם וויין).

ס אַ מ ו א י ל: יאָ, כ'האָב דורכגעלעזן דעם זשורנאַל און — אַ וואונדערלאַכע זאַך — אַלץ איז דאָרטן פאַראַן: פּאָעזיע, דערציילונגען, אַ וויסנשאַפטלאַכער ארטיקל וועגן גע־שיכטע פון ליטעראַטור, אַ פּאָר עסעים וועגן קונסט, און דאָך

האָט די שריפט קיין באַשטימטן פּנים און וועלכן ס'זאָל זיך גלוסט איינצוקוקן. ס'בלייבט דער איינדרוק פון אַ פּיל־פּאַכיקן פלעק, וועלכער וועבט זיך לייכט אויס פונ'ם זכרון.

ראָווין: ס'איז ווייל דער רעדאַקטאָר האָט געוואָלט אַלץ אַריינכאַפּן, ווייזן דעם לעזער, אַז ער גיט אַלץ.

אַלבערט: דאָס איז דער חסרון פון כמעט אַלע אונ־זערע צייטשריפטן. איך געדענק ——

עטהעל (דערשיינט פון קיך מיט דריי טעלער געבראָטנס אין די הענט. נאָך איר טראָגט טאַסיאַ צוויי טעלער).

טאַסיאַ (שטעלט אַוועק די טעלער): זע נאַר, עטהעל, בשעת מיר זיינען געווען פאַרנומען אין קיך, האָבן אונזערע ראַדיקאַלע מענער אויסגעטרונקען צו גלעזלאַך וויין. אַנו, נעם דיין גלעזל און זאָלן מיר זיי ווייזן, אַז מיר זיינען גלייכבארעכ־טיקטע באַשעפענישן. (נעמט די גלאָז וויין).

עטהעל (נעמט איר גלאָז): לחיים, טאַסיאַ! פאַר אונ־זער געזונט, שוועסטער! (זיי טרינקען אויס דעם וויין. צו די געסט) עסט: עס וועט קאַלט ווערן. (אַלע עסן).

ראָווין (לאַכט): טאַסיאַ גיט היינט אויס די מיזינקע.

אַלבערט (פילט אָן די גלעזער מיט וויין): זאָל זי. שטער איר ניט.

טאַסיאַ: קיינער קען אונז ניט שטערן: מיר האָבן די זעלבע רעכט, וואָס איר מענער!

סאַמואיל (לאַכט): אמת! עס וועט אָבער מוזן נעמען אַ ביסל צייט ביז איר וועט זיך צוגעוואוינען דערצו. מיר האָבן הינטער זיך טויזנטער דורות.

עטהעל: גאַנץ ריכטיק. מיר פּרויען קעמפן איצט אויס געוואוינהייטן פאַר די קומענדיקע דורות. (נעמט אַ גלאָז וויין). טאַסיאַ, לאָמיר אויסטרינקען פאַר די צוקינפטיקע פרויען.

טאַסיאַ (נעמט איר גלאָז): פאַר דער צוקונפטיקער פרוי, וועלכע וועט זיך נוקם זיין פאַר אונז! (ביידע טרינקען אויס זייערע גלעזער).

(די מענער קוקן זיך שמייכלענדיק איבער).

סאמואיל: מיר פערזענלאך קענען אייערע פרייהייט־דעקלאראציעס גאנץ וועניק־וואָס שאטן. איך גיב דער פרוי די זעלבע פרייהייט ווי דעם מאַן.

אלבערט (שמייכלט): ס'איז לייכט צו געבן אזוי לאנג ווי מ'איז אליין ניט פארהייראט.

עטהעל (צום מאַן): עס מיינט, אז אונזער פרייהייט שרעקט אייך, אָבער אויפגעבן אייערע ווילט איר בשום־אופן ניט!

אלבערט (לאַכט): מוז מען איינגיין אף קאָמפּראָמיסן.

טאסיא: ברידער, מענער, מיר קענען אייך!

ראווין (שמייכלט): טאסיא, ועסט שוין היינט מוזן שלאָפן דאָ.

עטהעל (צו ראָווינ'ען): מיר האָבן פלאץ פאר איר. (צו אלעמען) נו עסט. דאָס פלייש וועט קאלט ווערן.

(אלע עסן. א קליינע פויזע).

סאמואיל (ענדיקט, רוקט אָפּ דעם טעלער): א דאנק. איך בין פארטיק.

עטהעל: איר פלעגט אמאָל מער עסן.

סאמואיל: זיך איבערגעגעסן.

טאסיא: זיך אפשר אויך איבערגעליבט?

סאמואיל (לאַכט): ניין, דאָס נאָך ניט. (נעמט די גלאָז וויין, ווענדעט זיך צו די מענער): לאָמיר אויסטרינקען פאר אונזער פרייער פארגאנגענהייט, פאר דער ניט שלעכטער נעגנוואָרט און אויך האָפן, אז די צוקונפט וועט זיין ניט ערגער.

ראווין און אלבערט (הויבן צוזאמען אויף זייערע גלעזער, זאָגן צוזאַמען): פאר דער פארגאנגענהייט, פאר דער נעגנוואָרט און פאר דער גוטער צוקונפט. הורא!

טאסיא: עס רעדט זיך אזוי!

עטהעל: שוין אוועק די אלטע צייטן!

טאַסיאַ: דודקי, בראַט!

עטהעל: אַלע זיינען מיר איצט גלייכע יחסנים!

אַ געפּילדער, אַ געלעכטער, אַ פּאַטשערייַ מיט די הענט. עטעל טראָגט אַרויס די טעלער אין קיך. קומט אַריין מיט אַ גרויסער וואַזע פּרוכט. שטעלט זי אַוועק אַפ׳ן טיש.)

טאַסיאַ (שטעלט זיך אויף, נעמט באַם מאַן אַ קליינעם פּודל, עפנט עס, נעמט אַרויס פון דאָרטן אַ שפּילקע, רופט): קום אַהער, עטהעל! (עטהעל גייט צו. טאַסיאַ שפּיליעט איר אָן די שפּילקע צום ברוסט): זעסט, דאָס האָבן מיר דיר געקויפט אַ מתנה. אָבער איך גיב עס דיר גיכער אַלס אַ מעדאַל, אַלס אַנערקענונג פאַר׳ן טאַלאַנט מיט וועלכן דו האָסט אַזוי קונציק געפירט ביז איצט דיין פאַמיליען־שיף איבער׳ן ים פון פאַרהייראַטן לעבן. דער פאַמיליען־ים איז היינטיקע צייטן אָן צווייפל דער געפער־לאַכסטער פון אַלע ימים. יעדע קלייניקייט איז אַ שאַרפער אונטערוואַסער שטיין און קאָן אַזוי לייכט אַראָפּשיקן די שיף צום גרונט. ביז איצט האָסטו געזיגט און איך האָף אַז אויך אַף ווייטער וועט גיין ניט ערגער. (ביידע פרויען צוקושן זיך).

עטהעל (ווייזט טאַסיאַ׳ן איר האַנטזייגערל): דאָס איז אַלבערט׳ס מעדאַל.

טאַסיאַ: ווי שיין דאָס איז! (צום מאַן) זעסט, ראַווין?

ראַווין (וואַרפט אַ בליק אַפ׳ן זייגערל, לאַכט צום ווייב): איך פאַרשטיי.

טאַסיאַ (גיט אַלבערט׳ן די האַנט): און איר, אַלבערט, זיינט אַ גאַנץ וואוילער בחור. דאָס מיינט, חלילה, ניט, איהר זיינט פיל בעסער פון אַלע אַנדערע מענער, אָבער דורכקומען מיט אייך קען מען נאָך ווי עס איז. איך ווינש אייך אויך אַף ווייטער גליק און זעט פאָלגט שטענדיק אייער ווייב. (אַ געלעכטער).

אַלבערט: איך דאַנק אייך, טאַסיעלע טייערע, פאַר אייערע ווינשן און עצות. אייערע קאָמפּלימענטן וועלן מיך לאַנג וואַרימען.

סאמואיל (גיסט אָן די גלעזער ווײַן): לאָמיר טרינקען פאַר דער צוקונפטיקער פרוי, וועלכע, ווי איך גלויב, וועט אין גרונט בלײַבן די זעלבע וואָס איצט!

די מענער (כאַפּן די גלעזער): הורא! פאַר דער צו־קונפטיקער פרוי!

עטהעל: דער וואונש אַליין ווײַזט אָן אַפּ'ן צווייפל. נעמט פרובט, עסט. (אַלע עסן).

טאַסיא (שיילט אָן עפּל): טרייסט זיך. איר ווייסט דאָך: „מיט וואָס אַ קינד זאָל זיך ניט שפּילן, אַבי עס זאָל ניט וויינען". סאַמואיל, דערציילט זיי בעסער די געשיכטע פון אײַערע דרײַ פרײַנט, די אמת־זאָגער, וועלכע איר האָט אונז פריער דערציילט.

סאַמואיל (שמייכלט): זאָל שוין זײַן. זיך גענוג אָנ־געלאַכט.

ראָווין: דערצייל. זאָלן זיי אויך אַ ביסל לאַכן.

אַלבערט (צו ראָווינ'ען): וואָס פאַר אַ אמת־זאָגערס? האָסט פריער אָנגעהויבן דערציילן און עס איבערגעלאָזט אַף שפּעטער.

עטהעל (צו סאַמואיל'ן): נו, לאָזט זיך ניט בעטן.

סאַמואיל: דרײַ פון מײַנע פילאַדעלפיער פרײַנט, צוויי מענער און איין פרוי, האָבן זיך מיט אַ פּאָר מאָנאַטן צוריק געטראָפן בײַ אַ גלעזל טיי. רעדנדיק וועגן פאַרשידענע זאַכן, איז מען אַרויף אויף אַזאַ פאַרשימלטע אַלטע פראַגע, ווי דער אמת און צי טויג ער אויך פאַר לעבעדיקע. איינער פון זיי האָט געזאָגט יאָ, דער צווייטער ניין. קורץ, מען האָט באַ־שלאָסן עס גלייך אויסצופּרובירן, ווײַזן איינער דעם אַנדערן די נאַקעטע נשמות, די נאַקעטע געדאַנקען. (שווייגט אַ ווײַלע).

עטהעל: נו, און וואָס?

טאַסיא (צו עטלען): וואַרט אַ ווײַלע.

ראָווין (איינהאַלטנדיק דעם געלעכטער): איר וועט באַלד הערן.

סאַמואיל: די ענדע איז געווען, אַז מיט איין האַלבע שעה שפּעטער זיינען פון די דריי שיער ניט געבליבן פיר הרוגים.

ראַווין (לאַכט): פון דריי לעבעדיקע פיר מתים.

עטהעל: איז עס אַ פאַקט?

סאַמואיל (שאָקלט מיט׳ן קאָפּ אָף יאָ): זיכער!

אַלבערט: אַזוי קויטיק זיינען זייערע נשמות געווען?

סאַמואיל: פּונקט ווי אונזערע אַלע.

אַלבערט: דאַן ווי קומען אַזעלכע פּאַלגן?

סאַמואיל: ווייל אַזוי אומגעלומפּערט זיינען אונזערע נאַקעטע נשמות.

עטהעל: אָבער עס זיינען דאָך פאָרט פאַראַן גוטע פריינט און גלאַט אַזוי ערלאַכע מענטשן, וועלכע זאָגן דעם אמת איינער דעם צווייטן.

סאַמואיל: אַזאַ אמת־זאָגן איז אַ שפּיל פון באַוואוסטזיניקע אָדער אומבאַוואוסטזיניקע ליגנער. זיי באַפּוצן דעם ליגן מיט קליינינקע אמת׳לאַך. דעם גרונט אָבער פון זייע־רע נשמות וועלן זיי אייך קיינמאָל ניט ווייזן.

טאַסיאַ (שמייכלט קרום): איך גיב צו, אַז ס׳איז טייל־ווייז אמת.

סאַמואיל: מיט דעם וואָרט „טיילווייז“ זאָגט איר אַ ליגן, ווייל איר ווייסט גוט, אַז ס׳איז הונדערט פּראָצענט אמת.

אַלבערט (פאַרטראַכט): רעכנט איר, אַז דער גרונט פונ׳ם מענטשנ׳ס נשמה איז טאַקע אַזוי שמוציק, אַז מען טאָר אים גאָר ניט ווייזן?

סאַמואיל: דאָס וואָרט שמוציק איז דאָ גאָר ניט אין פּלאַץ, און איז פּונקט אַזוי אַבסטראַקט ווי דאָס וואָרט „הייליק“, „גוט“ אָדער „שלעכט“. יעדער האָט זיך זיין אייגענע מאָס. מעגלאַך, דאָס וואָס מיר רופן שמוציק, איז ניט מער ווי נאַטיר־לאַך. כ׳ווייס ניט. מיר זיינען פאַרטרונקען אין אַ ים פון

עטישע און מאָראַלישע געזעצן, און נאַטירלאַכקייט, אָדער מיט אַנדערע ווערטער — אַן אמת נאַקעטע נשמה וואָלט פאַר אונז געוועזן ערגער ווי דער ווייזוויך פאַר׳ן טייוול. דער ליגן איז אונזער רעטונגס־גאַרטל. מיט׳ן אמת וואָלט אונז ענג געוואָרן דאָס לעבן.

עטהעל: ס׳איז גאַנץ אינטערעסאַנט. רעכנט איר, אַז אַלע מענטשן זיינען אַזוי? אויך אונזערע גייסטיקע פירער?

סאַמואיל: איך פערזענלאַך דענק, אַז פון אַלע פירער, וואָס די מענטשהייט האָט ווען ס׳איז געהאַט, זיינען פאַראַן עטלאַכע געציילטע, וועלכע זיינען פאַרבליבן זייער גאַנצן לעבן מיט אַ ריינעם געוויסן. די איבעריקע, קיין חלוק ווי טאַלאַנט־פול, אָדער אַפילו געניאַל זיי זיינען ניט געווען, האָבן געמוזט זיין, אויב ניט קיין ליגנער, אַלענפאַלס נוטע אַקטיאָרן, פונקט ווי מיר אַלע.

(אַ פּאַוזע.)

אַלבערט (צו סאַמואיל׳ן): רעכנט איר ניט, ווען די גאַנצע מענטשהייט אָדער איין פאָלק עפנט מיט איין מאָל די נשמה און וואַרפט פון דאָרטן אַרויס דאָס גאַנצע שמוץ, וואָס האָט זיך דורות־לאַנג אָנגעקליבן, דענקט איר ניט, אַז דאָס גאַנצע לעבן וואָלט נאָכהער ריינער און בעסער געוואָרן?

סאַמואיל (שאָקלט מיט׳ן קאָפּ אָף ניין): כ׳צווייפל צי עס וואָלט געהאָלפן: דער שטראָם פון לעבן וואָלט, ווי אַ טייך, גלייך די זעלבע געפילן און וואונשן אָנגעטראָגן, און אַליץ וואָלט געבליבן ווי פריער. דאָס אויסצואוואָרצלען מוז מען האָבן אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע און אַ הונדערט יאָר גייסטיקע אַנט־וויקלונג נאָך איר.

עטהעל (צו סאַמואיל׳ן): ווי ס׳זעט אויס, זיינט איר גוט באַקאַנט מיט׳ן גאַנצן ענין?

סאַמואיל: זיכער. כ׳האָב שוין אויך מיט אייניקע פריינט אַ פּאָר מאָל געפּרואווט אונזערע נאַקעטע נשמות אויפ־

דעקן און דער שלום איז יעדעם מאָל געווען זייער אַ טרויערי־קער: מיר זיינען געוואָרן אוים פריינט, און פלעגן ניט קענען קוקן איינער דעם צווייטן אין די אויגן.

טאַסיאַ: אָבער אַזוי, אין פערזענלאַכן לעבן, זאָגט איר אָן צווייסל ליגן רעכטס און לינקס?

ראָווין (צום ווייב): דאָס איז שוין אַ פריוואַטע זאַך. אַזוי פרעגט מען ניט.

סאַמואיל (לאַכט): ס'מאַכט ניט, ראָווין. איך וועל איר ענטפערן. (צו טאַסיאַ'ן): יאָ, טאַסיאַ, לינקס און רעכטס, פונקט ווי מיר אַלע. פון צייט צו צייט גיב איך זיך נאָך אַ שפּיל מיט'ן אמת, און מענטשן נעמען עס שטענדיק אָן פאַר אַ שפּאַס: ווייל עס באַליידיקט.

טאַסיאַ: כ'האָף, אַז אונז האָט איר נאָך דערווייל מיט קיין זאַך ניט אָפּגענאַרט.

סאַמואיל (לאַכט): וועגן קליינע ליגנס געדענק איך ניט, זיי זיינען אַזוי איינגעוואָרצלט אין אונז פון קליינערהייד אָן, אַז מיר זאָגן זיי צענדליקערווייז און באַמערקן עס אפילו ניט. כ'האָב אייך אָבער אויך היינט געזאָגט איין גרויסן ליגן.

עטהעל: און דער גרויסער ליגן וועגן וועלכן איר ווילט אונז זאָגן, וועט ניט זיין קיין ליגן.

סאַמואיל: ניין, ער וועט זיין אַן אמת.

טאַסיאַ: לאָמיר שוין הערן וואָס.

סאַמואיל (שמייכלט): היינט אין דער פרי האָט איר, טאַסיאַ, מיך געפרעגט צי דענק איך שוין ניט וועגן חתונה האָבן.

ראָווין: ריכטיק. איך בין אויך דערביי געווען.

סאַמואיל: איך האָב אייך געענטפערט, אַז כ'האַלט נאָך ווייט פון דעם, און אין אמת'ן איז שוין באַלד זעקס חדשים, אַז איך בין פאַרהייראַט.

(אַלע קוקן אים אָן. אַ קליינע פּויזע.)

אלבערט (צו סאַמואיל'ן): אַנטשולדיקט, וואָס האָט אייך געצוואונגען דאָ אָפּצונאַרן?

סאַמואיל: כ'ווייס ניט. עפּעס אַ געפיל האָט געגעבן אַ שפּרונג אַרויס און מיין אָרימע צונג האָט געפאָלגט זיין ווילן. אָבער, זעלבסט פאַרשטענדלאַך, ווען מען נעמט זיך טיף אַנאַליזירן, וואָלט מען זיך געקענט דערגראָבן צו דער אורזאַכע פון דעם.

טאַסיאַ (ערשטוינט): דאָס קלינגט פיין, בפרט ווען מיר האַלטן אייך פאַר אַזאַ איבערגעבענעם און טייערן פריינט.

ראָווין (שלאָגט־איבער, לאַכט): שוויינ, טאַסיאַ, אין די עטלאַכע ווערטער האָסטו שוין געזאָגט צוויי גרויסע ליגנס. געדענקסטו, וואָס האָסט נעכטן געזאָגט?

טאַסיאַ (וויל אים עפּעס ענטפערן, בלייבט שטיין מיט אַן אָפּן מויל. קערט אָפּ דעם קאָפּ, שמייכלט).

עטהעל: ס'איז אינטערעסאַנט צו וויסן, סאַמואיל, וואָס האָט געצוואונגען אַזאַ „פלי־פויגל" חתונה צו האָבן?

טאַסיאַ (ציט אויס די ווערטער): כ'וואָלט עס אויך געוואָלט וויסן.

אלבערט: איר קענט זיי זיכער אָפּ אַזאַ פראַגע ניט ענטפערן.

סאַמואיל (צו אַלבערט'ן): ניין, כ'וועל יאָ ענטפערן. (צו עטלען): מיין פרוי, אחוץ דעם וואָס זי איז אַ שיינע און אַ גאַנץ קלוגע, פאַרמאָגט זי אויך אַ זאָנדערבאַרע פעיאיקייט מיך צו רייצן און אויפרעגן. טויזנטער וועגן האָט זי פאַר דעם. אַלס באַקאַנטע און שפּעטער אַלס כלה, האָט זי זיך קיינמאָל ניט געלאָזט שטאַרק אַרומנעמען אָדער קושן. זעלבסטפאַרשטעדלאַך, זי האָט דאָס אַלץ פאַרדעקט מיט שיינע ווערטער וועגן אמת'ער ליבע און גליק, וועלכע פאַרשווינדן פון צו־גרויסער נאָענטקייט. און נאָך אַ זאַך איז געווען, וואָס האָט אין אַ קליינער מאָס (כאַפּט זיך) ניין, טאַקע אין אַ גרויסער מאָס, געווירקט אָפּ מיין באַשלוס מיט איר צו הייראַטן. (שווייגט אַ ווײַלע). זי האָט

געהאַט פינף טויזנט דאָלאַר. (שמייכלט). נו, ווי קלינגט עס פאַר אייך דער אמת? (טרינקט אויס אַ גלאָז ווײַן).

(טאַסיאַ און עטעל קוקן זיך איבער.)

אַלבערט: גאַנץ דערטרעגלאַך.

סאַמואיל (שמייכלט שוואַך): וואַרט, ס'איז ערשט בלויז איין ווינקעלע פון מיין נשמה.

ראַווין: איך רעכן, די גאַנצע געשיכטע איז ניט אַזוי שרעקלאַך ווי איר מאַכט עס.

עטהעל: מן־הסתם היבשלאַך איבערטריבן.

טאַסיאַ (צום מאַן): ווער ווייסט. מעגלאַך, ווען איך ווייס אַלעס וועגן דיר, וואָלסטו מיך שוין מאָרגן אין הויז ניט געזען.

אַלבערט: נו, און ווי אויב קאַפּויר?

טאַסיאַ: ווי שלעכט מיר זאָלן ניט זיין, קענען מיר זיך מיט אייך אין דעם ניט פאַרגלייכן.

ראַווין: איר הערט, איך וואָלט פאָרגעלעגט אַף איין האַלבע שעה אַרונטערצונעמען די ווינטערדיקע קליידער פון אונזערע נשמות און זיי קיין זומערדיקע ניט אָנטאָן. אָבער עס מוז אויסגערעדט ווערן, אַז יעדע זאַך מוז נאָכדעם פאַרגעסן און פאַרגעבן ווערן.

אַלבערט: איך אונטערשטיץ עס!

עטהעל: איך לעג פאַר צו בייטן די טעמע. עסט פרוכט.

ראַווין: איך מיין עס ערנסט. כ'בין טשיקאַווע צו זען, וואָס ס'וועט אַרויסקומען.

אַלבערט: און איך אויך דאָסזעלבע.

סאַמואיל: און איך וועל אייך פאַרשפּאָרן די אַרבעט און אַף זיכער פאַראויסזאָגן דעם סוף. אין בעסטן פאַל וועט ער זיין אַ גאַנץ טרויעריקער און מעגלאַך אויך אַ טראַגישער. צו וואָס שפּילן זיך מיט פייער, ווען די קליידער זיינען אָנגעזאַפּט מיט ברען־שטאָף.

טאסיא: די פראגע איז ניט אזוי וועגן ברען־שטאף, ווי וועגן זיך נאריש מאכן.

עטהעל: טאקע אין אמת'ן, צו וואס זיך נאריש מאכן?

אלבערט (צו עטלען): האסט מורא?

עטהעל (שמייכלענדיק): לחלוטין ניט. אבער ווער דארף עס?

ראווין: ס'איז זייער אינטערעסאנט: מיר קענען אלע פון דעם בלויז געווינען. מיר דאכט זיך, אז ווען יעדער איינער קען טיף ארייננקוקן אין צווייטנס נשמה וואלט דאס גאנצע לעבן אנגעהויבן עפעס גאר אנדערש גיין.

סאמואיל (שמייכלט): פאלגט מיך, גיט אויף די גאנצע געשיכטע און עסט בעסער פרוכט. (נעמט אן עפל). פאר־איארן האב איך מיט נאך עטלאכע פריינט געמאכט אזא עקס־פערימענט. אמת, מיר האבן זיך ניט געקריגט נאך דעם, מיר פלעגן אבער נאכהער אויסמיידן איינער דעם צווייטן און וועגן שטארקער פריינטשאפט איז שוין אפגערעדט.

טאסיא (אנטשלאסן): איך שטיי צו. טשיקאווע צו זען, וואס עס וועט ארויסקומען דערפון.

עטהעל (הויבט מיט די אקסלען, לאכט): אויב איר ווילט.

סאמואיל (לאכט): און איך ראט אייך נאך אמאל עס אויפצוגעבן, און אויב איר שטימט ניט צו, ווייזט מיר, וואו מיין הוט און מאנטל זיינען: כ'זאל קענען גלייך נאכ־דעם זיך אפטראגן.

אלבערט (לאכט): אייער הוט און מאנטל הענגען אין דורכגאנגס־צימער. כ'גלויב אבער ניט, ס'זאל קומען צום אנט־לויפן.

טאסיא (לאכט): איך וועל אים שוין צוהאלטן. ער וועט היינט נעכטיקן בא אונז.

ר אָ ו ו י ן : ער שרעקט די געגנז.

ע ט ה ע ל (אנטשלאָסן) : סאַמואיל, ניט צופיל גערעדט. אַזוי ווי איר ווייסט שוין ווי עס דאַרף אָנגיין, פירט איר אָן דעם עקספּערימענט.

ס אַ מ ו א י ל (טראַכט אַ ווײַלע, זאָגט אַנטשלאָסן) : גוט, אָבער איר מוזט מיר אַלע פאַרשפּרעכן, אַז וואָס ס'זאָל ניט גע־זאָגט ווערן, וואָס פאַר אַ זאַכן עס זאָלן ניט אויפגעדעקט ווערן, מוז יעדער איינער אַף פריער פאַרגעבן דעם צווייטן. אַלע מוז פאַרגעסן ווערן. זאָגט איר מיר עס צו?

אַ ל ע : יאָ. זיכער, זיכער! ווי אַנדערש!

ס אַ מ ו א י ל (הויבט זיך אויף) : שטייט אַלע אויף, רוקט אַפּ דעם טיש אָן אַ זייט, זעצט זיך אוים אין אַ האַלבן ראָד. (אַלע טוען וואָס ער זאָגט, לאַכנדיק און זיך איבעררעדנדיק. סאַמואיל נעמט אַ שטעקל אין האַנט, זעצט זיך אין איינעם פון די עקן פון האַלבן ראָד). איצט מאַכט זיך באַקוועם. הערט אויף צו לאַכן. דער געלעכטער איז סיי ווי ניט אינגאַנצן אויפ־ריכטיק. מאַכט אַלע צו די אויגן און באַשליסט אין זיך, אַז ווענן וואָס עס זאָלן ניט זיין אייערע רייד אָדער פראַגן, מוזן זיי אָבער זיין דער ריינסטער אמת. איר וועט אַלע אַריינפאַלן אין אַ געוויסן האַלב־היפּנאָטישן צושטאַנד און מוזן פאָלגן. די ערשטע, פּונקט קעגן מיר, זיצט טאַסיאַ. ווען כ'וועל געבן צוויי קלעפּ מיט'ן שטעקעלע אין דיל דאַרף זי עפענען די אויגן און זאָגן, דאָס וואָס זי וועט טראַכטן און פילן און זען אַרויסזאָגן עס נאַקעט, אָן שום פּליטערלאַך. טאָמער מאַכט זיך, זי געפינט ניט אַזוי גיך וואָס צו זאָגן, וואַרט איך צו אַביסל און גיב נאָך צוויי קלעפּ מיט'ן שטעקעלע: דאָס מיינט, אַז זי דאַרף צוריק פאַרמאַכן די אויגן און דער צווייטער צו איר — אַלבערט, דאַרף עפענען זיינע אויגן און עפּעס זאָגן, אָדער פרעגן. און אַזוי אַלע אַרום. פאַרשטייט זיך, אַז קיינע שפּאַסן, וויצן זיינען ניט ערלויבט. מען דאַרף זאָגן וואָס מען פילט, וואָס מען טראַכט, אָדער אינגאַנצן שווייגן. (אַלע קוקן זיך איבער, שמייכ־

לען מאָדנע. סאַמואיל זעצט זיך באקוועם אַוועק אין שטול). איצט שליסט צו די אויגן און לאָזט זיך אָפּ אינגאנצן פריי.

(אַלע שליסן צו די אויגן. אַ פויזע. סאַמואיל גיט צוויי שטילע קלעפּ מיט'ן שטעקן אָן דיל.)

טאַסיאַ (עפנט די אויגן, קוקט זיך ארום, שמייכלט ניט זיכער, טראכט אַ ווײַלע אָנגעשטרענגט, עפנט אַ פּאָר מאָל דאָס מויל, וויל עפּעס זאָגן און קען ניט. צולאַכט זיך נערוועז, הייבט אויף די פּלייצעס, גיט זיך אַ רוק מיט'ן פאָדערשטן טייל קערפּער אַף פאָר־אויס, זאָגט שטיל): אז, כ'ווייס ניט וואָס צו זאָגן. (קוקט זיך ווידער ארום, זעצט זיך אנטשלאָסן אַוועק פונקט ווי זי איז פריער געזעסן. אַ קליינע פּאַוזע. סאַמואיל גיט ווידער צוויי קלעפּ מיט'ן שטעקן).

אַלבערט (עפנט די אויגן, באטראכט די זיצנדיקע, צולאַכט זיך שטיל, האַקט מיט אַמאָל אָפּ דעם געלעכטער, בויגט זיך אָן פאָר־אויס, פארדעקט דאָס פּנים מיט ביידע הענט, זיצט אַזוי אַ ווײַלע, רייבט זיך דעם שטערן, זאָגט שטיל, לאַנגזאַם): דער טייוול ווייסט עס! די געדאַנקען שפּרינגען ווילד. כ'ווייס ניט! כ'ווייס ניט וועלכע פון זיי זיינען אמת און וועלכע זיינען שקר. (קוקט אָנגעשטרענגט פאר זיך, קנייטשט אומצופרידן דעם שטערן, גיט אַ טיפן זיפץ, קוקט אַ ווײַלע אַף דער פרוי, שאָקלט מיט'ן קאָפּ אַף ניין. זעצט זיך אין דער פריערדיקער פּאָזע. אַ קליינע פּאַוזע. סאמואיל גיט ווידער צוויי קלעפּ מיט'ן שטעקן).

ראָווין (גיט זיך האַסטיק אַ גלייך אויס אַף זיין שטול, באטראכט אַלעמען. לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ. אַ פּאַוזע. זאָגט שטיל): ס'איז איינפאך אוממעגלאך אָנצוהויבן. ס'איז ווי אַ שפּרונג אין דער פּוסטקייט. ס'וואָלט לייכטער געווען ווען עס זאָל ווער שטעלן פראגן. (אַ קליינע פּאַוזע.) איך טראכט, אַז כ'האָב אַף מיין געוויסן אַ גאַנץ פיין ביסל שמוץ (פאַרענדיקט גיך.) פונקט ווי יעדער איינער. איך געדענק, צום ביישפּיל (שווייגט א ווײַלע), אָט דאָ ניט לאנג איז פאָרגעקומען אזא געשיכטע (שווייגט אַ ווײַלע), כ'בין געגאנגען פארנאכט אין גאס און, ווי איך גיי עס

אַזוי, זע איך. (שווייגט אַ ווײַלע.) ס'איז געווען ניט ווייט פֿון מײַן הויז. כ'האָב פּלוצלינג דערזען אַפֿ'ן ראָג שטייט אַ (שווייגט אַ ווײַלע, זאָגט אַנטשלאָסן.) ס'איז אוממעגלאַך צו ריידן — עפּעס שטיקט אינווייניק און לאָזט ניט ארויסזאָגן וואָס מען וויל (פֿאַרנעמט די פֿריערדיקע פּאָזע, פֿאַרמאַכט די אויגן).

סאַמואיל (גיט דריי קלעפּ מיט'ן שטעקן, עפֿנט די אויגן, שטייט אויף): איר קענט אַלע עפֿענען די אויגן: דער עקספּע־רימענט האָט זיך שוין געענדיקט. (צו טעלען): איר זייט ניט מחויב צו ריידן, ווען אַלע האָבן געשוויגן (אַלע שטייען אויף, באַוועגן זיך נערוועז). ווי איר זעט, עס טוט זיך ניט אַזוי לײַכט, ווי עס דאַכט זיך.

אַלבערט: יאָ, ניט געלונגען!

ראָווין: איך האָב אַ סך געוואָלט זאָגן, האָט מיך אָבער ווער ביים האַלז געשטיקט.

טאַסיאַ (לאַכט): איך פֿיל, ווי אַ שווערקייט וואָלט מיר פֿון האַרצן אַראָפּ.

עטעל (שמייכלט): און איך בין געזעסן גאַנץ גלײַכ־גילטיק: דאַרטן וואו אַלע וועלן זאָגן דעם אמת, פֿאַרוואָס זאָל איך מורא האָבן מער פֿון אַנדערע?

טאַסיאַ (לייכט אירנאָניש): דו מיינסט עס ערנסט?

עטעל: איך שפּאַס ניט. (צו אַלעמען): איר וועט מיר גלייבן? עס טוט מיר לייד, וואָס אונזער פּרואוו איז ניט גע־לונגען: כ'האָב געהאַט אַ געפֿיל, אַז ווען מיר וואַרפֿן איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל אַרויס דאָס ניט שיינע, וואָס שפּינט זיך אַרום אונזערע הערצער, וואָלט עס שוין צוריק מער ניט געקומען.

ראָווין: איך גלייב אויך אַזוי.

טאַסיאַ (הייבט מיט די פּלייצעס צו עטעלען): ניט אַנ־דערש, ביסט שיכור.

אַלבערט (צו סאַמואיל'ן): איך רעכן, מיר דאַרפֿן מאַכן אַ צווייטן עקספּערימענט.

סאַמואיל (לאַכט): מענטשן זוכן זיך צרות.

טאסיא (אומצופרידן): נארישקייטן. מען דארף ניט מער.

ראווין (שפאסט): טאסילע, דאכט זיך, אז איר פילט זיך זינדיק און האט מורא פאר עפעס. (לאכט): אבער איך פארזיכער דיך, אז קיין בייז וועט צווישן אונז ניט געשען. איך בין דיך אף פריער מוחל.

טאסיא (לאכט): אה, דריי ניט קיין קאפ. ווער דארף דיין מחילה.

סאמואיל: צייגן די נאקעטע נשמה איז פונקט ווי גיין צום טויט. מען דארף פריער בעטן מחילה איינער באם צווייטן.

אלבערט: מיר האבן דעם באשלוס נאך פריער אנגענומען. וואס וויכטיק איז, עס זאלן פארניכטעט ווערן אייניקע שטערונגען, וועלכע לאזן איינפאך דער נשמה זיך ניט עפנען. כ'האב דא פריער געפילט, ווי כ'קריך שוין ארויס פונ'ם שקר־מאנטל. געדאנקען האבן זיך געריסן פונ'ם מויל. עפעס איז אבער אין וועג געשטאנען און ניט געלאזט.

טאסיא (לאכט): עטוואס ענלאכעס איז אויך מיט מיר געווען.

עטעל (לאכט נערוועז): א וואונדערבארע זאך: אף וויפיל פריער האט זיך מיר ניט געוואלט, מען זאל די גאנצע געשיכטע אנהייבן, אף אזוי פיל גלוסט זיך מיר איצט זי פארטצוזעצן.

ראווין: לאמיר גלייך מאכן נאך א פרואוו. (צו סאמואיל'ן) אבער זייט אביסל מעהר געדולדיק מיט'ן קלאפן. איר מוזט געבן א לענגערע מעגליכקייט יעדן איינעם צו אונטערדריקן דעם געפיל פון מורא, וועלכעס שטייט דעם אמת אין האלז.

סאמואיל (טראכט א ווײלע): גוט, מיר וועלן נאכאמאל פרואוון, אבער געדענקט, אויב ס'וועט געלינגען, מוז יעדער

באַליידיקטער געפיל גלייך אונטערדריקט ווערן, ביז אַלע וועט זיך באַרואיקן.

עטעל: מיר נעמען עס אַלע אָן! (אַלע בייגן צו איינשטימיק מיט די קעפּ).

טאַסיאַ (צו עטלען): האָסט צופיל געטרונקען.

עטעל: מעגלאַך.

סאַמואיל: גוט. מיר וועלן נאָכאַמאָל פּרואוון, און ווי אַלע ווייזט אויס, וועט עס אונז איצט מער געלינגען, ווי דעם ערשטן מאָל. מיר וועלן זיך אויסזעצן פּונקט ווי פריער, וועלן מאַכן פינסטער, און דאָס, וואָס איינער וועט ניט זען דעם צווייטנס פּנים, וועט פיל אַרויסהעלפן.

ראָווין: אַ גוטער געדאַנק. אין דער פינסטער רעדט זיך לייכטער.

עטעל: דאָס איז אמת.

אַלבערט: אָן צווייפל.

טאַסיט: אַלע ליבעס־ערקלערונגען קומען פאָר אין דער פינסטער.

ראָווין: מיר'ן אויך פאַרשפּאָרן צו האַלטן די אויגן צוגעמאַכט.

אַלבערט: אָבער איידער וואָס וועלן מיר כאַפּן צו גלעזלאַך. (דערלאַנגט יעדן אַ גלאָז וויין).

אַלע: אויסגעצייכנט! גוט! גוט!

(טרינקען אויס דעם וויין. ער נעמט צונויף די גלעזער).

עטעל: איך וועל שפּעטער אַליין אָוועקשטעלן די גלאָז. כ'וויל טרינקען לאַנגזאַם.

אַלבערט: גוט. (שטעלט אַוועק די גלעזער).

(אַלע זעצן זיך אויס אויף די פריערדיקע פּלעצער).

סאַמואיל: איך וועל אָנהויבן דער ערשטער אַרויסצוזאָגן אָפן מיינע געדאַנקען. (ווייזט אָפּ'ן וואַנט־זייגער): איצט איז צוואַנציק מינוטן צו צוועלף. באַלד לעש איך אויס די ליכט. עטליכע מינוטן וועלן מיר זיצן און שווייגן, און זאָל

יעדער איינער טראַכטן באַ זיך, אַז די צונג איז ניט נאָר גע־געבן געוואָרן צו באַהאַלטן די געדאַנקען, נאָר אַמאָל מוז זי אויך זיי אויסדריקן אין זייער גאַנצער נאַקעטקייט. גלייך, ווי דער זייגער וועט שלאָגן צוועלף, מאַך איך ליכטיק, און גע־דענקט, אַז אַלץ, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, מוז גלייך פאַר־געסן ווערן און טאָר, יעדנפאַלס, ניט דערמאָנט ווערן. (אַלע בייגן אָן די קעפּ. ער קוקט זיי אָן אַ ווײַלע.) געדענקט, בלויז דער אמת מוז געזאָגט ווערן! (לעשט אויס די ליכט): בלויז דער אמת!

(אַ לאַנגע פּויזע. סאַמואיל גיט דריי שטילע קלעפּ. אַ פּויזע.)

סאַמואיל (רעדט לאַנגזאַם, דײַטלאַך, מיט אַ געוויסער אָנ־שטרענגונג, פּונקט ווי ער וואָלט געצוואונגען געווען צו ריידן. אַלע איבעריקע ריידע אין דעם זעלבן טאָן): ווי קומט עס, עטעל, וואָס האָסט אויסגעקליבן אַלבערט׳ן פאַר אַ מאַן? ער איז צו פלאַך פאַר דיר.

עטעל (נאָך אַ פּאַוזע): ס׳איז קיין... בעסערער ניט גע־ווען. דו האָסט מיך אויסגענוצט, אָפּגענאַרט און ביסט אַוועק. ווי לאַנג האָב איך געקענט וואַרטן?

טאַסיאַ: בלויז פלאַכקייט האָט געקענט פאַרגלעטן דעם אָפּגרונט, וועלכן דו האָסט אין איר נשמה געמאַכט.

סאַמואיל (זיפצט): איך גיב צו. כ׳האָב זייער מיאוס קעגן איר געהאַנדלט.

טאַסיאַ (זיפצט): און אויך קעגן מיר... נאָך פאַר איר.

סאַמואיל: אמת. נאָך אַלעמען בין איך אַ גאַנץ ניש־טיק, פּאַסקודנע מענטשל. איך פיל אָפט, ווי זיך אַליין אין פּנים אָנשפּייען.

עטעל: דו קענסט זיך אָבער אויסערגעוויינלאַך קונציק דעקאָרירן אין שיינע שמאַטעס.

טאַסיאַ: און דאָך, עטעל, ליבסטו אים נאָך איצט אויך.

עטעל (נאָך אַ קליינער פּאַוזע): יאָ.

סאַמואיל: אַלע זיינען מיר אַקטיאָרן, ליגנערס.

(אַ פּויזע).

טאַסיאַ: נו און מיין מאַן, סאַמואיל, ווי געפעלט דיר?

סאַמואיל: ער איז נאָך פלאַכער פון אַלבערט'ן.

טאַסיאַ: ער איז אָבער בעסער און איינפאַכער. מיט אים בין איך רואיקער און זיכערער. זיין איינציקער חסרון — וואָס ער פאַרדינט ווייניק. איך וועל אָבער איצט שוין ניט זוכן קיין אַנדערע גליקן, סיידן זיי וועלן קומען צו מיר. אַלבערט פאַרדינט אַ סך געלט. עטלען פעלט בלויז קאָפּ־ווייטיק. איך פאַרגין איר אָפּט ניט.

ראָווין: איך אויך.

(אַ קליינע פּאַוזע).

אַלבערט: פריינט סאַמואיל, איך פיל ווי צו נעמען אַ שטול און אייך דעם קאָפּ צעפּלעטן.

ראָווין: איך וואָלט עס אויך מיט פאַרגעניגן געטאָן, שטייט מיר אָבער אין וועג דאָס גאָסן־מיידל, מיט וועלכער כ'האָב אייערנעכטן פאַרבראַכט עטלאַכע שטונדן אין אַ האָטעל.

טאַסיאַ: ווי פיינלאך אָט דער פאַקט וואָלט געווען פאַר מיר, ווען איך אַליין וואָלט פון צייט צו צייט ניט געפילט אַ באַגער נאָך אַ צווייטן מאַן. ווען דו, סאַמואיל, האָסט מיר גע־לאָזט וויסן, אַז דו קומסט, האָב איך אויפגעלעבט און באַשלאָסן זיך ניט צו ווערן, אויב דו וועסט צושטיין מיט לאַסקעס.

אַלבערט: גאָט מיינער, אַלע זיינען מיר אַזעלכע קליי־נינקע. עס עקלט מיך פון זיך אַליין. כ'וויל זיך דערמאָנען, וויפיל גאַסן־מיידלאך און אַזוי פרויען כ'האָב אין מיין לעבן איבערגעהאַט, און קען ניט.

סאַמואיל: ווען כ'בין געפאָרן אַהער, האָב איך גע־טראַכט, צי ס'וועט מיר געלינגען צו קריגן עטלען אַף דער צייט, וואָס כ'וועל זיך דאָ אין שטאָט געפינען.

עטעל: כ'האָב אויך וועגן דעם געטראַכט. כ'צווייפל אָבער, צי ס'וואָלט געשען: כ'בין אַ צו גרויסער פייגלינג און

האָלט ניט געוואָלט ריזיקירן מיט'ן אויפגעבויטן שטיקל גליק. און ווייטער... ווער ווייסט? מעגלאך, אז יאָ.

טאַסיאַ: און איך האָב צוויי באַקאַנטע בחורים, וועלכע איך דערלויב מיך ארומצונעמען און קושן.

ראָווין: איך פאַרגין ניט אַלבערט'ן אזא קלוגע און שיינע פרוי, ווי עטעל.

עטעל: און איך האָב אייך פיינט, ראָווין. ווען איר קומט צו מיר, רעדט איר שטענדיק וועגן הויכע ענינים.

ראָווין: ווייל איר געפעלט מיר צו שטאַרק. איר שטייט פיל העכער פון טאַסיאַ'ן.

טאַסיאַ: זי איז אָבער פיל פאַרביסענער פון מיר.

עטעל: דו ביסט אָבער ליגנערישער.

טאַסיאַ: איך גיב עס צו.

עטעל: איך פיל זיך איצט פונקט ווי איך וואָלט א נאַקעטע אין מיטן מארק געשטאַנען, און מענטשן שטייען ארום און קוקן אויף מיר.

אַלבערט: מיר דאַכט זיך, אז איך בין צוזאַמען מיט דער גאַנצער וועלט ערגעץ־וואו אראָפּגעזונקען.

סאַמואיל: א פיינלאַכער געדאַנק איז מיר דאָ נאָרוואָס דורכגעלאָפן: מעגלאך, אז מיין פרוי זיצט איצט ערגעץ־וואו אין פּאַרק ארומגענומען מיט א בחור און קושט זיך.

אַלבערט: גאַנץ מעגלאך. די נאַטור וועט שוין זאָרגן, אז איר זאָלט האָבן אונזער סוף.

ראָווין: ווי שרעקלאך! אזא גרויסע, ליכטיקע וועלט און אזעלכע קליינינקע, טונקעלע נשמ'קעלאך.

עטעל (זיפצט): עס קען ניט זיין. עס מוזן וואו עקזיסטירן גוטע, ערלאַכע מענטשן. מיר זיינען פאַרפלאָנטערט, ווייסן ניט, ווי אזוי צו לעבן; מיר זיינען איבערפילט מיט פאַלשע באַגריפן וועגן גוטס און שלעכטס, וועגן אמת און שקר.

ראָווין (זיפצט הויך און שווער): מיר בלאָדזשען אין דער פינסטער.

(אַ קליינע פּויזע).

אַלבערט: אַך, מיט וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן, סאַמואיל, איך וואָלט צעקלאַפּט אייער עקלהאַפטיקע מאָרדע!

(אַ פּויזע).

טאַסיאַ (שרייט אויס): גענוג! מאַכט שוין ליכטיק!

עטעל: איך ווער דערשטיקט!

ראַווין: יאָ. שווער איז דער אמת. אומדערטרעגלאַך שווער!

אַלבערט: וואָס איז דער אונטערשייד? אַלע מוז סיי ווי ניין צום טייוול!

(אַ קליינע פּויזע. עס הערט זיך אַ קלאַנג פון אַ צעבראָכענער גלאָז. דער זייגער קלינגט 12 מאָל. עס ווערט ליכטיק. אַלע גיבן זיך אַ כאַפּ מיט די הענט צו די אויגן. אַלע שמייכלען פאַרלעגן, געמאַכט, מיידן אויס צו קוקן איינער אַפּ׳ן צווייטן.)

סאַמואיל (הייבט זיך אויף): אַזוי? איז עס, הייסט עס, אונז יאָ געלונגען אַביסל? (גייט איבער׳ן צימער וואַרפט אַף די אַרומיקע פאַרשנדיקע בליקן. שמייכלט שפּאַטיש).

עטעל (הייבט זיך האַסטיק אויף): אָה, גאָט מיינער, וואָס זיצן מיר? קיינער האָט נאָך קיין פּרובט ניט געגעסן. (אַלע הייבן זיך אויף). אַנו, זייט אַזוי גוט און העלפט מיר דעם טיש אַף זיין פּלאַץ אַוועקשטעלן. (ראַווין און טאַסיאַ העלפן איר.) נו, איצט זעצט זיך און עסט אַביסל פּרובט.

טאַסיאַ (נעמט אַן עפּל. לאַכט געמאַכט): מיר האָבן שוין נעהאַט איבערגענוג.

ראַווין (לאַכט שפּאַטיש): מיר וועלן אַ לאַנגע צייט, דאַכט זיך, שוין ניט קענען עסן.

אַלבערט (וואַרפט אַ שווערן בליק אַף סאַמואיל׳ן): יאָ.

עטעל (צווינגט זיך): נו, ראַווין, אַלבערט, זעצט זיך אַף אייערע פּלעצער. אפשר מאַכן טיי?

(אַלבערט גייט איבער׳ן צימער. ראַווין זעצט זיך.)

סאַמואיל (אַנטשלאָסן): נו, פריינט, זייט מיר געזונט,

איך מוז גלייך גיין.

ראָווין (קאַלט): איר האָט דאָך היינט געוואָלט בא אונז נעכטיקן.

טאַסיאַ (שוואַך): איר ווייסט דאָך, מיר האָבן אַ לייַדיקן צימער.

סאַמואיל: ניין, איך דאַנק אייך. כ'מוז נאָך היינט וועמען זען. אַ גוטע נאַכט. און פאַרגעסט אָן אַלץ! (גייט אַרוים).

(עטעל און טאַסיאַ גיבן אַ לייכטן שאָקל מיט די קעפּ, אַלבערט קוקט אים נאָך מיט אַ שווערן בליק. ראָווין קוקט אפ'ן זייגער. אַ קליינע פּאַוזע).

ראָווין (זאָגט געמאַכט ליבלאָך): ווייסט, טאַסיאַ, ס'איז שוין האַלב נאָך צוועלף.

טאַסיאַ (הייבט זיך אויף): האַ, ווי שפּעט! שוין טאַקע צייט צו גיין (גייט צו, נעמט אַרום עטלען): נו, עטעלע, אַ גוטע נאַכט. מיר וועלן זיך מאָרגן טרעפן בא דער פאַרזאַמלונג.

עטעל (שמייכלט): כ'האָף אַזוי.

טאַסיאַ (גייט צו צו אַלבערט'ן, נעמט אים שטיפעריש אונטער'ן אָרעם, לאַכט): אָה, וואָס פאַר אַ שרעקלאַך פּנים איר האָט געמאַכט! דער הימל איז נאָך דערווייל ניט איינגעפאַלן. מאַכט זיך ניט נאַריש! אַ גוטע נאַכט און געדענקט אונזער אָפּמאַך.

אַלבערט: גוט, גוט. אַ גוטע נאַכט.

ראָווין (פון ווייטנס): שפּיי זיך אוים אָף אַלץ, אַלבערט! אַ גוטע נאַכט. (צו עטלען): אַ גוטע נאַכט, עטעל, עס איז ניט מער, ווי אַ בייזער חלום געווען.

אַלבערט: אַ גוטע נאַכט.

עטעל: אַ גוטע נאַכט.

(טאַסיאַ און ראָווין גייען אַרוים. עטעל שטייט פאַרטראַכט נעבן טיש.)

אַלבערט (שפּאַנט איבער'ן צימער. אַ פּויזע. ער בלייבט שטיין

אין מיטן צימער, קוקט אַף עטלען אַ ווײַלע, ווײַל עפּעס זאָגן, קעמפט מיט זיך, גייט ווידער איבער'ן צימער. בלײַבט שטיין נעבן טיר, זאָגט שטיל): כ'וועל זיך דורכגיין אַביסל. דער מח פּלאַצט. (וואַרפט אַ בליק אף איר, גייט אַרויס).

עטעל (שטייט באַוועגלאָז באַם טיש, לאָזט זיך אַראָפּ אַף אַ שטול און בויגט לאַנגזאַם טיף אָן דעם קאָפּ. אַ פּויזע).

(פאָרהאַנג).

אין אַ שלאָפלאָזער נאַכט

(אַ בילד)

פ ע ר ז אָ נ ע ן:

ר י ו ו א
נ ח ו ם
ר א ש ע ל
א י י ב
ש ר ה, ריוואַ'ס מוטער
מ ש ה, דער מילנער
פּ א ש ק א
ל י ו ב ק א
ש ל אָ פ ל אָ ז י ק י י ט

שלאָפלאָזיקייט ערשײַנט אין געשטאַלט פון אַ מיטל־יעריקער פרוי. דאָס פנים געל, אַ שאַרפע נאָז, די האָר צעפלאָסן, דער בליק צעשטרויט. זי טראָגט אַ שוואַרצן, לאַנגן, געדיכט־געפאַלדעטן מאַנטל, באַוועגט זיך לאַנגזאַם, שטיל. איר קול איז מאַט, באַרואיקנדיק און דורכגעזאַפט מיט איראָניע.

אַ קלײנער שלאָפצימער מיט גרין־געפאַרבטע ווענט. אין דער רעכטער וואַנט אַ טיר, אין דער מיטלסטער — אַ פענסטער, נעבן וועלכן עס שטייט אַ שמאָל ווייס בעטל, עטוואָס אָפּגערוקט פון דער וואַנט. נעבן בעטל אַ קליין קיילאַכדיק טישל מיט אַ בײַנקל. אַפ׳ן טישל ליגן עטלאַכע ביכער, און אין אַ גלאָז מיט וואַסער שטעקן צוויי רויזן. נעבן דער רעכטער וואַנט — אַ צוגעדעקטער קאַסטן.

בײַנאַכט. דאָס עלעקטרישע לעמפּל ברענט אין מיטן צימער. ריוואַ ליגט אַן אויסגעטאָנענע אין בעט, אָנגעשפּאַרט אַף איין האַנט און קוקט אָנגעשטרענגט־פאַרטראַכט פאַר זיך. אַ פּאַוזע. זי גיט אַ דריק דאָס עלעקטרישע קנעפּל אַפ׳ן וואַנט נעבן זיך. אין צימער ווערט האַלב־טונקל.

ש ל אָ פ ל אָ ז י ק י י ט (דערשײַנט פונ׳ם ווינקל רעכטס. שטייט אַ ווײַלע. לאַכט. גייט לאַנגזאַם צו צו ריוואַ׳ן, שפּאַנט צוויי מאָל אַרום דאָס בעטל, בלײַבט שטיין בײַ איר צוקאָפּנס) : אָט בין איך ווידער צו דיר געקומען, ריוואַ. איך, דײַן נאַכט־פרײַנט, דײַן שלאָפלאָזיקייט. ביז גאַנץ פרי וועל איך הײַנט מיט דיר פאַרבלײַבן. מענטשן האָבן מורא פאַר מיר. נאַראָנים! זייער לעבן איז פונקט אַזוי קורץ ווי זייער פאַרשטאַנד. איין דריטל פון זייערע יאָרן פאַרשלאָפן זיי, איין דריטל פאַרשקלאָפן זיי און איין דריטל גייט גלאַט אַוועק אָן פאַרגעניגן. מענטשן

דארפן מיר דאנקבאר זיין: איך פארלענגער זייער וואכן, צי אוים די קייט פון זייער עקזיסטענץ, ברענג די פארגאנגענהייט צו זייערע בעטן, דערמאָן זיי אָן דער געגנווארט, דערצייל זיי אָפט וועגן זייער צוקונפט. (לאַכט). מען האָט פאר מיר מורא, פונקט ווי ליגן אפ׳ן געלעגער באוועגלאָז ווי א שטיין, א דריטל פון זייער לעבן, איז בעסער ווי צו וואכן מיט מיר. נארישע מענטשן־קינדער. (זעצט זיך צוקאָפּנס נעבן ריוואַ׳ן). דו, ריוואַ, דארפסט לחלוטין ניט מורא האָבן פאר מיר: איז דען ניט דיין וואכן בייטאכט, ווי פיינלאך ס׳זאָל ניט זיין, ניט אינטערע־סאנטער פון דיין גרויען טאָג־טעגלאכן לעבן? וואָס גיט דיר דער לאנגער טאָג א חוץ שקלאפעריי אין דער פאבריק, א חוץ דעם וויי פון צוזען פרעמדעס גליק, א חוץ דעם פיינלאכן באַ־וואוסטזיין, אז דאָס לעבן האָט דיך פארזען, דיך פארטיילט? דיינע באקאנטע, דיינע פריינדינס צעגייען זיך: יעדע געפינט זיך איר שטיקל גליק, בויט זיך אויף א נעסט. דו בלייבסט אליין. אָט האָט שוין דיין נאָענטסטער פריינט ראשעל אויך עפּעס אין לעבן געפונען. זי ליבט און איז געליבט. יעדער אבר אין איר זינגט און פלאטערט פון גליק. געדענקסט ווי געטוי זי האָט דיר געמאָלן דאָס בילד, ווי אזוי איר אייב האָט זיך איר אין ליבע דערקלערט? מיט איר גליק־פארגאָסענעם מח האָט זי אפילו ניט אָנגעהויבן צו באגרייפן ווי טיף איר יעדער וואָרט פייניקט דיך. גליקלאכע מענטשן זיינען שטענדיק אביסל נארישלאך. געדענקסט? (רעכטס פאַנגט לאַנגזאַם אָן ליכטיקער צו ווערן). צוערשט האָט זי געוואָרט אף אים אין פארק. דערנאָך זיך צוגעזעצט אף אַ באַנק. (אין דער האַלב־ליכטיקייט רעכטס אַנטפּלעקט זיך אַ פּאַרק. אין פאָדער־גרונט אַף אַ באַנק זיצט ראשעל מיט אַ צייטונג אין האַנט. זי קוקט זיך אַליץ ווײלע אַרום. פּרואווט לעזן, קוקט אַפ׳ן זייגערל, הויבט זיך אַ פּאָר מאָל אויף און קוקט איבער די קוסטן צום וועג. מיט אַמאָל זעצט זי זיך אַף דער באַנק און פאַרטיפט זיך אין דער צייטונג. אַ קליינע פּאוזע. אייב קומט שנעל אָן פון רעכטס.)

אייב: איר וועט מיר אַנטשולדיקן, ראשעל. דער באַלע־באָס האָט מיך פאַרהאַלטן אין שאַפּ.

ראשעל: עס מאַכט ניט: כ׳האָב זיך פאַרלעזן מיט אַן אינטערעסאַנטן אַרטיקל.

אייב (זעצט זיך): שוין די צווייטע וואָך, אַז כ׳וויל ריידן מיט אים און ער דרייט זיך אַלץ אויס. היינט איז ער מיט עפּעס פאַרנומען, מאָרגן דאַרף ער אַוועקפאָרן, איבערמאָרגן האָט ער גלאַט קיין צייט ניט. כ׳זע ס׳איז גאָר אָן אַ סוף. האָב איך אים היינט צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט: אָדער, ברודערקע, גיב אַ גוטן רייז, אָדער כ׳קום מאָרגן ניט צו דער אַרבעט.

ראשעל: נו, און וואָס?

אייב (אויפגעלייגט): וואָס זאָל איך אייך דערציילן? איר ווייסט דאָך שוין אַליין די בעלי־בתים׳ס טענות, ווען מען פאָדערט באַ זיי אַ רייז. זיי דערלייגן שטענדיק דעם קאָפּ, האַלטן די פאַבריק בלויז אַלס רחמנות, מיר אַרבעטער זאָלן קענען אַ לעבן מאַכן.

ראשעל (לאַכט): הלואי וואָלט איך זיי שוין אַזוי ניט געקענט ווי כ׳קען זיי. אָבער וואָס איז געווען דער שלום?

אייב: פינף דאָלאַר אַף דער וואָך אַרויסגעריסן.

ראשעל: בראַוואָ! אַ פיינע העכערונג.

אייב: ער האָט געמיינט אייביק וועל איך אים אַר־בעטן פאַר 30 דאָלאַר אַ וואָך.

ראשעל (לאַכט): וואָס פאַר אַ גביר איר וועט שוין איצט ווערן!

אייב (קוקט אַף איר אַ ווײַלע, גיט אַ זיפץ): איר פאַר־שטייט, ראשעל, איצט, ווען ס׳איז שוין יאָ אַזוי, וואָלט איך געוואָלט וועגן עפּעס מיט אייך איבערעדן.

ראשעל (וואַרפט אַף אים אַ שנעלן בליק, קערט עטוואָס אָפּ דעם קאָפּ): יאָ? וועגן וואָס?

אייב (שווייגט אַ ווײַלע, גייט איבער מיט דער האַנט אי־בער׳ן געזיכט): שוין דריי מאָנאַטן, אַז מיר טרעפן זיך און

דאָס, וואָס כ׳וויל אייך איצט זאָגן, האָב איך דערפילט נאָך דעם ערשטן אָוונט, גלייך ווי מען האָט אונז באַקאַנט. (שווייגט אַ ווײַלע.) כ׳ווייס ניט, מעגלאַך מיינע רייד איצט זיינען נאַרישע, אָבער... כ״מוז אייך זאָגן, אַז נאָך דאַן האָב איך גלייך דערפילט, אַז קיין מיידל איז מיר נאָך אין מיין גאַנצן לעבן ניט טייער געוועזן אַזוי ווי איר.

ר אַ ש ע ל (לאָזט טיפער אַראָפּ דעם קאָפּ, שליסט צו די אויגן).

א י י ב (בויגט זיך צו נענטער): ביינאַכט, ווען כ׳האָב אייך דאַן אהיים געפירט, האָב איך געפילט ווי עס אייך שוין צו זאָגן. כ׳האָב זיך אָבער צוריקגעהאַלטן: ווי קען מען עפּעס אַזוי שנעל? מיר מוזן זיך צוערשט אַ ביסל מער דערקענען. אָבער (מיט אַ ציטער אין קול) איצט, ראַשעל, קען איך מיט זיכערקייט זאָגן, אַז כ׳האָב אייך ליב. וואָס קענט איר מיר אַף דעם ענטפערן?

ר אַ ש ע ל (זיצט מיט צוגעמאַכטע אויגן. אַ ציטער לויפט דורך איבער איר לייב).

א י י ב (נעמט זי ליכט אָרום): פאַרוואָס שווייגט איר?

ר אַ ש ע ל (גיט זיך מיט אַמאָל אַ דריי אויס צו אים): נאַרישער בחור, פאַרשטייט איר עס דען אַליין ניט? (לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ אַף זיין אַקסל).

א י י ב (דריקט זי צו צו זיך, פאַלט צו מיט די ליפּן צו איר קאָפּ. אַ קליינע פּאַוזע. ער פּרוּווט אויפהויבן איר קאָפּ): ראַשעל, טייערע, כ׳בעט אייך, גיט איין קוק צו מיר! מיר דאַכט זיך, אַז כ׳האָב אייך שוין זייער לאַנג ניט געזען.

ר אַ ש ע ל (הויבט אויף דעם קאָפּ, קוקט אַף אייב׳ן, לאַכט שטיל, ווישנדיק די טרערן).

א י י ב (געריהרט): איר לאַכט און וויינט. נאָט, איך ווייס, דאַכט זיך, פון זינען אַראָפּ. (קוקט זיך אַרום) עפּעס פיל איך, ווי דעם פּאַרק איבערצוקערן, ווי אַף אַ בוים אַרויפקלעטערן און זיך אַרונטערוואַרפן, ווי.. (גיט איר אַ נעם מיט ביידע הענט פאַר׳ן קאָפּ און פאַלט צו מיט די ליפּן צו איר מויל. אַ ווײַלע

קעמפּט זי מיט אים, בלייבט ענדלאך באוועגלאָז. אַ פּאוזע. אַ פּילקע קייקלט זיך צו צו זייער באַנק. באַלד לויפט אָן אַ קליין מיידעלע, הויבט אויף די פּילקע און באַטראַכט דאָס פּאָרל נייגעריק־שעלמיש.)

דאָס מיידעלע (דרייט אויס דעם קאָפּ אָף צוריק, רופט מיט דער האַנט, שרייט): קינדער, קומט אהער: אַ אינגל קושט אַ מיידל!

(אייב און ראַשעל רוקן זיך אָפּ איינער פונ׳ם צווייטן, דרייען אוים די קעפּ, דערזעען דאָס מיידעלע, קוקן זיך איבער, צעלאַכן זיך.)

דאָס מיידעלע (פּאַרדעקט דאָס מויל מיט איין האַנט, שיסט אויס אין אַ געלעכטער, אַנטלויפט. פון ווייטנס הערט זיך איר קול): קינדער, איך לויף נאָך דער פּילקע, זע איך ווי אַ אינגל מיט אַ מיידל זיצן אָף אַ באַנק און קושן זיך. (אַן אויפ־רייס פון קלינגענדיקן געלעכטער).

אייב (נעמט ראַשעל׳ס האַנט): מיר האָבן גאָרניט גע־הערט, ווי זי איז צוגעקומען. (לאַכט) שטאַרק באַשעפטיקט געווען.

ראַשעל (שטיפט): אַזוי איז שוין, ווען מען הויבט מיט אייך, בחורים, אָן. ס׳איז דאָך אַ בושה.

אייב (נעמט זי אַרום): ראַשעל, טייערע, וואָס גייט עס אונז איצט אָן? (זי שפּאַרט צו דעם קאָפּ צו זיין אַקסל.) אונזער גליק איז געקומען און קלאַפּט אין אונזערע טירן: „עפנט אויף!" (עס פאַנגט אָן טונקלען) און מיר וועלן ברייט עפענען אונזערע הערצער און נשמות און זיי אָנפילן מיט ליבע און פרייד! אונזער גליק איז געקומען, ראַשעל, אונזער גליק! (עס ווערט פינסטער).

שלאָפלאָזיקייט: ראַשעל האָט שוין איצט איר גליק געפונען: אייב איז אַן איינפאַכער, אָבער אַ פיינער בחור, ליבט זי שטאַרק. זי איז די לעצטע פון דיינע פריינדינס, ריוואַ, די לעצטע. אַלע האָבן זיי שוין עפּעס אין לעבן געפונען. דו אַליין בלאָנדזשעסט נאָך אַלץ אַרום און זוכסט. איינע אַליין. וואו איז דיין גליק? אָף וואָס פאַר אַ וועגן און שטעגן בלאָנ־

דזשעט עס ארום? ווער ווייסט? אפשר וועט עס דיך גאָר קיין מאָל ניט געפינען? אפשר האָט עס א טעות געהאט: זיך מיט א פרעמדן לעבן פאַרבונדן אוןביידע אָפּגענאַרטע גייען זיי איצט אוים פון בייִנקעניש און פּיין? פאַראיאָרן, געדיינקסט, ריוואַ? א העלער שיין האָט זיך אריינגעריסן אין דיינע גרוי־לויפנדיקע טעג. האָסט געמיינט. זיך דערפרייט. אפשר איז ענדלאך אויך דיין שעה געקומען? געדענקסט? ווי אצינד בין איך דאָן נעבן דיין בעט א גאַנצע נאַכט געזעסן, און דו האָסט שטיל געוויינט. ווי טוי אַף פאַרטריקנטע גראָז, אזוי זיינען דאָן דיינע טרערן אַף דיין פאַרבייִנקטן האַרץ געפאַלן. (זיפצט). ס'איז אָבער פון דעם גאָרניט געוואָרן. גאָרניט. מעגלאַך, ביסט באַגאַנגען אַן עולה קעגן זיך, וואָס האָסט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם שטיקעלע גליק, וואָס נחום האָט דיר געוואָלט געבן. ווער ווייסט? ס'איז דאָך פאָרט בעסער אביסל, איידער גאָר־ניט. און אפשר וואָלט ער זיך אזוי צוגעוואוינט צו דיר, אז ער וואָלט שוין נאָכדעם אליין ניט געוואָלט אוועקגיין? ווי לאַנג קען א מאַן לויפן פון איין פרוי צו א צווייטער?

ריוואַ (לעגט זיך האַסטיק איבער פון איין זייט אַף דער צווייטער. דאָס בעטל קרעכצט אונטער איר. א קליינע פּאַוזע. דער וואַנט־זייגער קלינגט איינס).

שלאָפלאָזיקייט: ווער ווייסט? אמת, ער איז גע־ווען א צולאָזענער בחור, אָבער דער סוף פון אלע אזעלכע העלדן איז דאָך איינער און דערזעלבער: מען פאַרבייִנקט זיך נאָך א היים, נאָך אַן אייגן ווייב, נאָך א קינד, און מען האָט חתונה. האָסט אים ניט באַדאַרפט אָפּשטויסן פון זיך, ריוואַ. דאָס גאַנצע לעבן איז א שפּיל, און ניט איינשטעלנדיק קען מען קיין מאָל ניט געווינען. צוליב וועמען באַהאַלטסטו זיך? ווער דאַרף דיין מיידלשאַפט, די ריינקייט פון דיין לייב? האָסט אים ניט גענדאַרפט אָפּשטויסן. (לינקס ווערט ביסלאַכווייז ליכ־טיק. עס אנטפּלעקט זיך א פּאַרק, ריוואַ און נחום זיצן אַפ'ן גראָז, זי קוקט פאַרטראַכט פאַר זיך, ער רויכערט.)

נחום: יאַ, ריווא, אַזוי איז דאָס. איך גיב צו, כ׳בין ניט גוט, אָבער איך באַהאַלט זיך ניט אַזוי ווי אַנדערע. כ׳בין אָפנהערציק. איר געפעלט מיר זייער, און אפשר האָב איך אייך טאַקע ליב. ווער ווייסט? כ׳וואָלט מיט פאַרגעניגן געדונגען אַ צימער פאַר אונז. אָבער... הייראַטן, נעמען אַף זיך פליכטן, אויסהאַלטן אַ הויז, קאָרמענען קינדער? דאָס ניט! אַזאַ גליק אַף אַנדערע געזאָגט געוואָרן.

ריווא (שמייכלט ביטער): נחום, איר מאָלט דאָס בילד אין צו שווארצע פאַרבן. אַ אייגענע היים צו האָבן איז אַ גאַנץ גוטע זאַך און אַף אויפצוהאַלטן זי בין איך אַ גלייכער שותף. קינדער האָבן איז דערוויל נאָך אויך קיין נויטווענדיקייט ניט. צי אפשר זיינט איר גאָר אַ נאָכפאָלגער פון פּלאַטאָ?

נחום (לאַכט): גאָט באַהיט! אַזוי טיף בין איך נאָך ניט געזונקען.

ריווא: אויב אַזוי, איז די זאַך מער ווי איינפאַך: אייך ווילט זיך, פּשוט גערעדט, אַ פריש פלעצל. אָפּלעבן מיט מיר עטלאַכע מאָנאַטן, און נאָכדעם וואָס?

נחום: נאָכדעם קענען מיר גאָר שטאַרבן.

ריווא: לעצטע וואָך האָט איר זיך צוויי פּאָר שיך געקויפט: איין פּאָר טראָגט איר, די צווייטע האָט איר באַהאַלטן אַף שפּעטער. צו וואָס? איר קענט דאָך נאָך מאָרגן שטאַרבן?

נחום: דאָס זיינט איר שוין גראָדע ניט גערעכט: אַ פּאָר שיך קויפן קען מען ניט פאַרגלייכן צו גיין וואוינען מיט אַ פרוי.

ריווא (ביטער): זיכער ניט: דאָס ערשטע איז היינט פאַר אַ סך מענער שווערער פונ׳ם צווייטן.

נחום: איר רעדט פּאַראַדאָקסן: זיך באַוואָרענען אַף אַ שלעכטע צייט איז זיכער אַ גאַנץ נאָרמאַלער מענטשלאַכער אינסטינקט.

ר י וו א (כאַפּט אים אונטער): גוט, גוט! פאַרוואָס־זשע לאַכט איר אַזוי אויס יענע פרויען, וואָס ווילן באַוואָרענען אַף שפּעטער זייער שטיקעלע גליק מיט דער הילף פון זייער יוגנט און שיינקייט? מיר גיבן צופיל דעם גאָט פון ליבע, מיר טראָגן זיך אויס אָפּט שנעלער פון אַ פּאָר גוטע שיך!

(פּאַוזע).

נ ח ו ם (נעמט זי אָן פאַר דער האַנט): נו, ריוועלע, גענוג פילאָזאָפירט. שטימט איר צו צו מיין פּלאַן?

ר י וו א (שווייגט. קוקט פאַרטראַכט פאַר זיך).

נ ח ו ם (נעמט זי לייכט אַרום): מיר וועלן זיך דינגען אַ צימער אין אַ שיינעם געגנט אויסער'ן שטאָט און... שפּייט זיך אויס, וואָס די וועלט וועט זאָגן! זי טוט ערגערע זאַכן. (דריקט זיך צו איר, קוקט איר אין פּנים אַריין) גייט עס?

ר י וו א (קוקט אַ ווײַלע אַף אים, שאָקלט מיט'ן קאָפּ אַף ניין): ניין, נחום, עס וועט ניט גיין.

נ ח ו ם (רוקט זיך באַליידיקט אָפּ): איז ניט! וואָס קען מען טאָן? (פאַררויכערט).

ר י וו א (רעדט געבראָכן): איך וועל ניט לייקענען, איר געפעלט מיר זייער. אָבער גיין וואוינען מיט אייך אין אַ מעבּלירטן צימער, ווי איר זיינט מיט אַנדערע געגאַנגען? — דאָס ניט! און ניט דערפאַר, ווייל כ'האָב מורא וואָס לייטן וועלן זאָגן, נאָר ווייל כ'וויל זיך אליין ניט נאַרן. איך זוך אַ ביסעלע גליק, איין ביסעלע, אָבער ס'זאָל זיין שמעקנדיקס, צאַפּלדיקס, ס'זאָל מיך איינגאַנצן איבערפילן, מיך אָנצינדן און פאַרברענען, אָבער ס'זאָל דערביי קיין טראָפּן צווייפל ניט זיין. איך צאָל די פּרייז און וויל ניט ווערן גענאַרט. קענט איר עס מיר געבן? איר, דער מאָדערנער דאָן־זשואַן, וועלכער שפּאַנט אַרום, ווי אַ בייזער גייסט, צווישן אונזערע איינזאַמע מיידלאַך, נוצט זיי אויס, ברעכט לאַכנדיק זייערע נשמות און קאָקעטירט דערביי מיט זיין צינישער אָפנהערציקייט?!

נחום (שמייכלט ציניש): איך האָב גאָר ניט צו טאָן מיט פרויען־נשמות: מיך אינטערעסירן בלויז זייערע קערפּערס.

ריווא: דער פרוי'ס נשמה איז כמעט איינס מיט איר קערפּער. איר קענט קיין מאָל ניט נעמען קיין פרוי, ניט אויפ־הויבנדיק אָדער דערנידערנדיק זי דערביי.

נחום (קוקט איר אריין אין פּנים): איר זיינט אַ קלוגע מיידל, ריווא, דערפאַר טאַקע וויל איך אייך דערמאָנען, אַז די יאָרן לויפן שנעל און וואָס מען נעמט ניט פריער, האָט מען ניט שפּעטער.

ריווא (לאַכט ביטער): איר רייצט זיך מיט מיר? איך שטעל זיך פאָר, ווי אָפט איר באַנוצט אָט די ווערטער. עס טוט מיר לייד, וואָס איצט וועלן זיי זייער „אויפקלערונגס"־ציל ניט דערגרייכן.

נחום (נעמט זי לייכט ארום): איר מיינט עס ערנסט? נו, און וואָס איז מכח אייערע געפילן צו מיר? אַזוי נישטיק זיינען זיי?

ריווא: כ'וועל בעסער מיין הארץ מיט מיינע אייגענע פיס צוטרעטן איידער עס אונטער אייערע שמוציקע שטיוול צו ווארפן!

(עס נעמט לאַנגזאַם טונקלען).

נחום (קוקט זי אָן פאַרוואונדערט): אַזוי גאָר?!

ריווא (ענטפערט ניט, קערט זיך אָפּ).

(עס ווערט פינסטער. אַ קליינע פּאַוזע.)

שלאָפלאָזיקייט: דענקסטו ניט, ריווא, אַז דו האָסט זיך דאָ באַנאַרישט? פּונקט ווי דער סוף פון יעדן גנב איז די תליה, אַזוי איז אויך דער סוף פון יעדן פרויען־יעגער אַ געזעצלאַכע הייראַט אָן אַ קינדער־וויגעלע. מען קען גאָר ניט וויסן... אפשר וואָלסטו געווען יענע גליקלאַכע? נו און אַזוי וואָס האָסטו? בייטאָג מאַטערנישן אין דער פאַבריק, דערנאָך לאַנגווייליקע ווערשערעס אין די קאַלטע, ביליקע רעסטאָראַנטן,

איינזאמע אוונטן און די נעכט פארברענגסטו מיט מיר. (לאכט). דיין געזעלשאפט איז מיר זייער אנגענעם און ווען דו קענסט זיך נאר דערוויטערן א ביסל פון זיך אליין, וואלסטו אויך פון מיר געווען צופרידן. גליק איז נאך אלעמען געשאפן פון דעם זעלבן שטאף, וואס אומגליק. מען ווערט מיד פון זיי ביידן, און זיי גייען אזוי לייכט איבער איינער אין צווייטן. ווער ווייסט? מעגלאך ווען ניט דיין נארישע שטאלצקייט וואלסטו אצינד שוין געהאט א רואיקע היים, א מאן, און א קליין, שיין אינגעלע אדער מיידעלע וואלט געלעגן אין א ווייך בעטעלע און געווארפן מיט די פעטינקע הענטלאך און פיסלאך. ווער ווייסט? ווער קען פאראויסזאגן?

ריווא (זעצט זיך האסטיק אויף, פון איר ברוסט רייסט זיך ארויס א פארשטיקטער קרעכץ. זי פארגראבט דעם קאפ צווישן די קני. א פאוזע. דער וואנט־זייגער קלינגט צוויי).

שלאפלאזיקייט: אזוי איז עס. דיין לעבן איז זייער, זייער ניט קיין געלונגענער. אלע דיינע האפנונגען ווערן ביסלאכווייז פארשוואונדן און קיין איינציקער פון דיינע טרוי־מען איז ניט פארווירקלאכט געווארן. גליק? (לאכט) נאאיווע מענטשן מיינען, אז עס עקזיסטירט אף דער וועלט אזא באַ־שעפעניש און יאגן זיך נאך א שטן. דיינע קינדער־יארן! זעסט, דאס איז פארט דאס שענסטע אין דיין לעבן, און דיין מאמע — דער איינציקער און בעסטער פריינט. ווי גוט וואלט געווען, ווען דו האסט זי איצט דא, נעבן זיך? וואלסט גע־האט פאר ווע מען דאס הארץ צו עפענען, בא וועמען זוכן א טרייסט. עך, א מאמע, א מאמע! געדענקסט?

(רעכטס ווערט ביסלאכווייז ליכטיק. עס אנטפלעקט זיך א דארפיש ווייס שטיבל. אף דער פריזבע זיצט שרה, נעבן איר, דעם קאפ אנ־געשפארט אף איר אקסל, זיצט ריווא. ביידע פאלגן נאך פארטראכט די רויט־געלע שטראלן פון דער פארגייענדיקער זון. א פאוזע.)

ריווא: מאמא, פארגייט די זון דארטן, אין אמעריקע, אויך אזוי שיין ווי דא, בא אונז?

שרה: גאָט'ס וועלט, מיין קינד, איז אומעטום איינע און די זעלבע: דאָ פונקט ווי דאָרטן.

ריווא (זיפצט): אָבער אַזעלכע לאָנקעס און אַזא טייכל, ווי בא אונז, איז דאָרטן זיכער ניט פאַראַן.

שרה: וואו וועלדער, דאָרטן געפינען זיך אויך לאָנקעס און שיינע טייכלאַך האָט דער, וואָס לעבט אייביק, איבער דער גאַנצער וועלט צעוואָרפן.

ריווא (נאָך אַ פּאַוזע): כ'וועל זייער בייִנקען נאָך אונזער טייכל מיט דער מיל, נאָך דעם אַלטן פּאַסטוך סטעפּאַנען מיט זיין פייפל. (קוקט זיך אַרום) נאָך אַלץ, אַלץ אַרום.

שרה (זיפצט שווער): וועסט זיך צוגעוואוינען. איך האָף, וועסט מיט גאָט'ס הילף ניט לאַנג דאָרטן פאַרבלייבן אַליין. דער פעטער שרייבט, אַז אין ניו יאָרק קען אַזא גוטע שניידערין ווי דו אין עטלאַכע חדשים פאַרדינען גענוג געלט מיך מיט'ן טאַטן אַריבערצונעמען. דער פעטער ווייסט וואָס ער רעדט, ער וועט ניט שרייבן גלאַט אין דער וועלט אַריין.

ריווא: יאָ, כ'האָב אויך וועגן דעם געהערט. (קוקט זיך אַרום.) דאָס האַרץ וויינט אין מיר, ווען כ'דערמאָן זיך, אַז אין צוויי טעג אַרום וועל איך שוין אָט דאָס אַלץ ניט זען מער.

שרה (ווישט די טרערן): מן־הסתם איז אַזוי באַשערט. אָפּגעלעבט דעם גאַנצן לעבן אויף איין פּלאַץ און איצט מוז מען פאָרן אין דער ווייטער וועלט זוכן אַ נייעם מקום מנוחה. וואָס קען מען העלפן? קיין פּרנסה איז ניטאָ, דער טאַטע פילט שוואַך, און דער פעטער זאָגט צו גאָלדענע גליקן.

ריווא (לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ אויף דער מוטער'ס קני. אַ קליינע פּאַוזע. פון ווייטנס דערטראָגט זיך דאָס מעלאַדישע שפּילן פון'ם פּאַסטוך. אַ פּאַוזע).

שרה (נעמט זי אַרום, גלעט איר'ע האָר): נאָר ניט גע דאגה'ט, קינד מיינס: גאָט איז אַ פאָטער און וועט אונז ניט פאַרלאָזן. (ווישט אויס די טרערן) אמת, אַצינד וויינען אין אונז די הערצער, דערפאַר אָבער ווי פריילאַך און גוט וועט אונז זיין,

ווען דו וועסט מיך מיט'ן טאטן אריבערנעמען צו דיך. מיר וועלן זיך איינארדנען א שיינע היים און גליקלאכע זיין צוזאמען. און ווער ווייסט, אפשר ווארט גאר אף דיר דארטן דיין זיווג, דיין באשערטער?

ר י ו ו א (זיפצט): ס'איז א מעשה'לע, מאמא.

ש ר ה (שאקלט מיט'ן קאפ לאנגזאם אף ניין): ס'איז אמת, מיין קינד. די וועלט גייט ניט גלאט אזוי. יעדעס פיצעלע איז אויסגערעכנט און פון פריער באשטימט. ווילסט, וועל איך דיר וועגן זיווג דערציילן?

ר י ו ו א (זיפצט): דערצייל.

ש ר ה (גלעט ריווא'ס קאפ): ווען א אינגל ווערט געבארן, באשטימט דער אויבערשטער אפריער דעם וועג, אף וועלכן ער דארף גיין. צי זאל ער זיין א גרויסער צדיק, א למדן, מיט וועמעס ערלאבקייט און חכמה עס זאל קלינגען די וועלט, צי, חס ושלום, א צורר, א רשע, א מערדער, בא וועמען גנב'ענען, רויבן, און אפילו א מענטשן אומברענגען זאל זיין א גארניט, א שפילכל. צי דאס קינד זאל גאר זיין גלאט אזוי אן איינפאכער מענטש אן איינפאכער איד, וואס לעבט זיך שטיל, רואיק, ווי גאט האט געבאטן. ווען עס ווערט געבארן א מיידל, ווערט פאר איר גאר דאס ערשטע אנגעצייכנט א זיווג, צו וועמען זי דארף געהערן. אין דעם באשערטנ'ס נשמה פלאנצט איין דער, וואס לעבט אייביק, בענקשאפט נאך זיין באשערטער. און וואס עלטער ער ווערט, אלץ שטארקער ווערט די בענקשאפט, און שפעטער, ווען ער וואקסט אויס, טרייבט אים זיין גורל איבער דער וועלט ביז דער אויבערשטער ברענגט אים צוזאמען מיט דער, וואס ס'איז פאר אים אנגעצייכנט געווארן.

ר י ו ו א: און וואס, מאמע, אויב ער געפינט זי ניט? אף דער וועלט זיינען דאך אזוי פיל מענטשן פאראן?

ש ר ה: דאס קען ניט זיין! ער מוז זי געפינען. דער אויבערשטער פירט שוין אזוי זייערע וועגן, אז זיי מוזן זיך טרעפן.

ריוואַ (זיפצט): ס'איז ניט מער ווי אַ מעשה'לע, מאַמע, אָבער אַזאַ שיינע, אַזאַ באַרואיקנדיקע. דערציייל.

שרה: אין יעדער מעשה, ריוועלע, איז אַ סך אמת פאַראַן. איך גלויב אין אַ זיווג און דו דאַרפסט אויך גלויבן. דיין חתן וועט זיין אַ הויכער, שיינער בחור מיט שוואַרצע האָר און שוואַרצע וואָנצעס, ווי דער טאַטע דיינער איז אַמאָל געווען. (זיפצט.) עך, האָסט אים באַדאַרפט קענען מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק. אַלע מיינע חבר'טעס זיינען מיר מקנא געווען און פלעגן באַהאַלטענערהייד אַרויסקוקן פון די פענסטער, ווען מיר פלעגן שבת אין שול אַריינגיין. (פאַרטראַכט זיך) יאָ. ער, דער חתן דיינער, וועט זיין אַ שיינער און אויך אַ גוטער פאַרדינער. צוערשט וועלן מיר שרייבן תנאים און גיך טאַקע פראַוועון די חתונה אויך. און אַלע טאָג דאַנקען דעם וואָס לעבט אייביק פאַר זיין גרויסן חסד. (קוקט פאַרטראַכט אַף דער טאָכטער). ווי בלייך דו זעסט די לעצטע צייט אויס. און וואָס איז דער חידוש, אַז דו עסט גאָרניט. אָדער דו לעזסט ביכלאַך אָדער דו טראַכסט. אַט האָסטו היינט נאָך פון אין דער פרי אָן גאָרניט געגעסן. (זיפצט.) ניט גוט אַזוי, טאָכטער מיינע. נו זאָג, וואָס זאָל איך דיר עפּעס מאַכן צום עסן?

ריוואַ: איך בין ניט הונגעריק, מאַמע.

שרה: דאָס הער איך פון דיר שטענדיק. אפשר מאַכן דיר אַ פּאָר אייער, אָדער אַרויסנעמען פון קעלער אַ ביסל סמעטענע?

ריוואַ: כ'וויל ניט.

שרה (הויבט זיך אויף): כ'וועל דיר אָפּפּרעגלען צוויי אייער אין פוטער און וועסט בא מיר מוזן אויסטרינקען אַ גלאָז מילך. קיין אַמעריקע, קינד מיינס, דאַרף מען קומען מיט כוחות. און דו דאַרפסט זיי דאָ אָנזאַמלען. דאָרטן וועט דיר קיינער ניט שטיין בא דער זייט און אַכטונג געבן אַף דיר. (ווישט אויס די טרערן).

ריוואַ: נו גוט, מאַך מיר צוויי אייער.

שרה: כ'וועל דיך באַלד אַריינרופן. (גייט אין שטיבל. דיוואַ זיצט פאַרטראַכט. אַ פּאַוזע. משה קומט אַן פון רעכטס. קוקט טרויעריק אַף ריוואַ'ן. זי באַמערקט אים ניט. ער גייט צו.)

משה (קוקט אַף איר אַ ווײַלע): הייסט עס, פּאַרסטו, ריוואַ, אַ?

ריוואַ (הויבט זיך אויף): יאַ, משה, איבערמאָרגן אין דער פרי.

משה (דריקט צונויף די פויסטן): פּאַרסטו טאַקע? און דיך הארט גאָרניט, וואָס משה דער מילנער בלײַבט דאָ איינער אַליין און וועט ווי אַ הונט פּגר'ן פון בייגקשאַפט נאָך דיר?

ריוואַ (צענעמט די הענט): וואָס קען איך דיר העלפן?

משה: זאָג, לאָז מיר כאָטש הערן, פאַרוואָס האָסטו מיך ניט ליב?

ריוואַ: כ'ווייס ניט, משה. אַף אַזעלכע פראַגן קען מען ניט ענטפערן. דאָס דאַרף מען פילן.

משה: בין איך ניט שיין, ניט שטאַרק גענוג? די שיקסעס פּגר'ן דאָך נאָך מיינע טריט און יעדן שגץ אין דאָרף קען אין די זייטן אונטערהאַקן. פרעג זיי, אויב דו גלויבסט מיר ניט.

ריוואַ (צענעמט מיט די הענט. זיפצט).

משה: וואָס ציט עס דיך קיין אַמעריקע? ווער ווייסט וואָס פאַר אַ צרות עס וואַרטן אַף דיר דאָרטן. איך האָב דאָך דיך אַזוי ליב. אַ וועלט וואָלט איך פאַר דיר אויסגע'הרג'עט. (גייט צו נענטער) איך בעט דיך, באַרעכן זיך.

ריוואַ: פאַרפאַלן, משה. איבערמאָרגן פּאָר איך.

משה (כאַפּט אָן אירע הענט. רעדט דורך טרערן): ריוועלע, האָב רחמנות, פּאָר ניט! איך וועל עס ניט אויסהאַלטן! אין טייך וועל איך זיך אַריינוואַרפן! (ציט זי צו זיך. זי וויל זיך אַרויסרײַסן און קען ניט) בלײַב דאָ מיט מיר! פּאָר ניט! פּאָר ניט! (קושט זי ווילד).

ריוואַ (רײַסט זיך פון זיינע הענט): לאָז מיך אָפּ! לאָז מיך!

(פון לינקס הערט זיך אַ הילכיקער פרויען־געלעכטער. משה לאָזט ארויס ריוועז פון זיינע הענט.)

ריווא (ברענגט זיך אין אָרדנונג): דו ביסט אַ ווילדער! אַ משוגענער!

משה (ענטפערט ניט. שטייט מיט מאַכטלאָז אַראָפּגעלאָזענע הענט און אַ געבויגענעם קאָפּ).

(פון לינקס לויפן ארויס פּאַשקאַ און ליובקאַ, ביידע אויס־געפּוצטע צום קאַראַהאָד. דעזעען ריוואַ'ן מיט משה'ן, ווינקען זיך איבער און קומען צו.)

פּאַשקאַ: פּאָרסטו, הייסט עס, ריווקאַ, טאַקע אין אַן אמת'ן?

ריווא: יאָ, פּאַשקאַ.

ליובקאַ: ווען?

ריווא: איבערמאָרגן גאַנץ פרי.

ליובקאַ (פאַרפירעריש צו משה'ן): און דו שטייסט און באַוויינסט זי, האַ?

משה (קערט אָפּ דעם קאָפּ).

פּאַשקאַ: אַ שאָד, ריווקאַ. ביסט אַ גוט מיידל געווען!

ריווא: עס טוט מיר אויך לייד אייך אַלעמען דאָ איי־בערצולאָזן, אָבער וואָס קען מען העלפן?

ליובקאַ (צו ריוועז): וועסט היינט קומען צום קאַראַ־האָד?

ריווא: יאָ. אַ ביסל שפּעטער.

פּאַשקאַ (צו משה'ן): און דו שטיי ניט ווי אַ הונט אַן אַן עק. וואָס, ווייניק שיינע שיקסעס אין דאָרף פאַראַן?

ליובקאַ (בויגט זיך צו, קוקט אריין משה'ן אין פּנים, שיסט אויס מיט אַ הילכיקן געלעכטער).

משה (קערט זיך בייז אָפּ).

פּאַשקאַ (צו ריוועז): ער איז פאַרליבט אין דיר. (צו משה'ן): אַך, וואָס פאַר אַ נאַר דו ביסט. האָסט אויסגעקליבן זי (ווייזט אָף ריוועז) ווען ליובקאַ האָט דיך ליב. (גיט ליובקען

א קלאפּ איבער'ן אקסל) גיב נאָר א קוק, וואָס פאַר א טייערע שיקסע זי איז. בלוט מיט מילך. ס'איז פאַראַן וועמען אַרומ־צונעמען.

ליובקא (לאַכט): ער ווייסט עס! (צו משה'ן.) גע־דענקסט נעכטן אונטערן שייער? אפשר שלעכט געווען?

(ביידע שיקסעס שיסן אַרויס מיט א הילכיקן געלעכטער.)

משה (קערט זיך שנעל אום): ס'א ליגן! וואָס זיינט איר געקומען אהער? ווער האָט אייך גערופן?

(די שיקסעס לאַכן ווידער.)

פּאשקא: די גאָט געהערט צו יעדן איינעם!

ליובקא: זיך געקומען געזעגענען מיט ריווקא'ן!

משה: זיך שוין געזעגנט. גייט. איר וועט נאָך פאַר־שפּעטיקן דעם קאַראַהאָד.

פּאשקא: ניט דיין זאָך!

ליובקא (צו ריווען): וועסטו קומען צום קאַראַהאָד?

ריווא: יאָ, ליובקא, זיכער!

פּאשקא: ס'איז דיין לעצטער קאַראַהאָד. אין אמעריקע זיינען ניטאָ אַזעלכע זאַכן.

ליובקא (צוזאָגנדיק צו משה'ן): דו קום אויך. ס'וועט דיר ניט באַנג טאָן!

(ביידע שיקסעס נעמען זיך אַרום און גייען זינגענדיק אַפּ רעכטס. פון דאָרטן דערטראָגן זיך מענער־ און פרויען־שטימען און באַלד פאַנגט א כאָר אָן צו זינגען: „געי ווי כלאָפּצי". א פּאַוזע.)

משה (שטיל צו ריווען): ליובקא זאָגט א ליגן. כ'האָב זי פיינט!

ריווא (זיפצט): וואָס גייט עס מיך אָן?

משה: כ'וויל זאָלסט איר ניט גלויבן.

ריווא: וואָס איז דער חילוק?

(א קליינע פּאַוזע. דער כאָר זינגט.)

משה: נו... הייסט עס, פאָרסטו?

ריווא: יאָ. איבערמאָרגן אין דער פרי.

משה (נעמט אַרויס פון קעשענע אַ טיכל, ווישט די אויגן. ריווא לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ. עס ווערט טונקל. די בילד פאַרשווינדט).

שלאָפלאָזיקייט (לאַכט לאַנג און שטיל): אַזוי איז עס. אַזוי איז עס. מיר טרוימען, בויען לופט־שלעסער, וואָס צעגייען זיך, ווי זייפן־בלאָזן. וואו איז דיין באַשערטער, ריווא? וואוהין איז דיין זיווג אַהינגעקומען? פאַרוואָס האָבן זיך אייערע וועגן ניט צוזאַמענגעטראָפן? צי האָט ער דיך, אפשר, ניט דערקענט? צי דו אים ניט? צי איז גאָר נחום געווען דער יעניקער, וועמען גאָט אַליין האָט פאַר דיר באַשטימט? צי אפשר משה? און וואָס איז פון דיין טאַטע־מאַמע געוואָרן? אַ פאַרנומענע מיט זיך, האָסטו צו לאַנג זיך געקליבן זיי אַריבערצונעמען. ביז ס'איז געוואָרן צו שפּעט. קומען שפּעט איז פיל ערגער ווי גאָרניט צו קומען. דער טאַטע איז גע־שטאָרבן און די מאַמע האָט מען פאַרטריבן פונ'ם צעשטערטן און פאַרברענטן שטעטל. דיין שיפסקאַרטע איז צוריקגעקומען: דאָס ווייסע שטיבל איז אין אַ באַרג אַש פאַרוואַנדלט געוואָרן. וואו איז איצט דיין מאַמע, ריווא? וואו זיינען דיינע טרוי־מען? וואו איז דיין גליק? (לאַכט).

ריווא (שרייט־אויס היסטעריש, שפּרינגט אַראָפּ פונ'ם בעט, צינדט אָן דאָס עלעקטרישע לעמפּל. די שלאָפלאָזיקייט פאַרשווינדט אין אַ ווינקל מיט אַ שטילן געלעכטער. ריווא קוקט זיך דערשראָקן אַרום. אירע אַקסלען פאַנגען אָן ציטערן, זי פאַרדעקט דעם פּנים מיט ביידע הענט, פאַלט אָפּ'ן בעט מיט אַ שטילן געוויין. אַ קליינע פּויזע. דער זייגער קלינגט דריי).

דער פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם.

ווען די געטער ליבן

(א דראמע)

פערזאנען:

גארטמאן, א יונגער דראמאטורג.
פלארענס, זיין געליבטע.
לימער, א שרייבער.
עטהעל, זיין פרוי.
בוירק, א מאלער.
סאפיע, זיין געליבטע.
סווינגער, א שוישפילער.
שאטער, א טעאטער־מענעדזשער.
א יונגלינג, דער שליח פון די געטער.
גארטמאנ׳ס שאטן.
פלארענס׳עס דינסט.
א גאסן־פרוי.
א פארבייגייער.
צוויי שכורים.

גאַרטמאַנ׳ס גרויסע, אָריגינעל־אויסגעשטאַטעטע סטודיאָ. אַף די ווענט בילדער, אין די ווינקלען סטאַטועז. אין דער מיטלסטער וואַנט צוויי ברייטע ווענעציאַנער פענסטער. איין טיר רעכטס, די צווייטע לינקס. אין מיטן אַ רייך געדעקטער טיש, שטולן אַרום. רעכטס אַ שרייב־טיש, פאַר אים אַ באַקוועמער מאָרים־שטול. אין ווינקל אַ גרויסער זייגער פונ׳ם דיל. אַף ביידע טישן און אַפ׳ן שטול — בונטן בלומען. אונטער׳ן סופיט ציען זיך רייען גרינס און בלומען, פון וועלכע עס הענגען אַרונטער קאָלירטע שטראָמען סערפּאַנטין.

אויבן אָן, באַ טיש, זיצט גאַרטמאַן, רעכטס פון אים — פלאָרענס. די איבעריקע געסט — אַרום. לימער האַלט אַ רעדע.

לימער (זעצט פאָר): און מיט שטאָלץ שטרייך איך אונ־טער, אַז איך בין געווען דער איינציקער, וואָס איז געשטאַנען באַם אויפגיין פון גאַרטמאַנ׳ס שטערן אַף אונזער דראַמאַטישן הימל. צוזאַמען האָבן מיר אַוועקגעטראָגן אונזערע ערשטע דראַמעס (וואַרפט אַ זייטיקן בליק אַף שאַטענ׳ען) צו אַ געווויסן טעאַטער־דירעקטאָר, צוזאַמען נאָכדעם געציילט די שעה׳ן, טעג און וואָכן ביז ס׳איז אונז ענדלאַך אָן ענטפער געקומען. (זיפצט) אמת, אונזערע ענטערפּס זיינען געווען גאַנץ פאַרשיידן: אים האָט מען איינגעלאַדן כּדי די פּיעסע צו קויפן, און מיך — מיינע אָפּ־צונעמען. אָבער די פרייד פאַר אים האָט אינגאַנצן פאַרטונקלט מיין איינענעם דורכפאַל. און גלויבט מיר, ס׳וואָלט מיך זיכער ניט מער געפרייט, ווען מיין אייגענע פּיעסע ווערט אָנגענומען! און אין יענעם פרימאָרגן, ווען ער איז אריין אין אָפיס פון טעאַטער זיין קאָנטראַקט אונטערצושרייבן, האָב איך אין גאַס

אַף אים געוואַרט און מיין האַרץ האָט פון פרייד געציטערט, פונקט ווי ס'וואָלט געווען מיין אייגענע דראַמע.

עטהעל (צו לימער'ן): אַנטשולדיק, איך בין דאָן אויך דערביי געווען.

לימער: גערעכט. זי האָט מיט מיר צוזאַמען אין גאַס געוואַרט. און ביידע האָבן מיר זיך מיט גאַרטמאַנ'ס זיג געפרייט, פונקט ווי עס וואָלט אונזער אייגענער געווען. גאַרטמאַנ'ס ער־פאָלג האָט פון דאָן אָן גענומען וואַקסן, און זעלבסט פאַרשטענד־לאַך, ניט אומזיסט. אָבער די פּיעסע וועלכע איז היינט ביינאַכט צום ערשטן מאָל אויפגעפירט געוואָרן, איבערטרעפט אַלץ וואָס ס'איז ביז איצט געשאַפן געוואָרן אַפ'ן דראַמאַטישן געביט. איך וויל אויך באַמערקן, אַז אונזער היינטיקדיקער יום־טוב איז אַ צווייענדיקער. ס'איז ניט נאָר די ערשטע אויפפירונג פון גאַרט־מאַנ'ס דריטע פּיעסע, נאָר אויך זיין צוויי־און־דרייסיק יאָריקער געבורטסטאָג. און מיט אַ האַרץ איבערפילט פון די וואַרעמסטע געפילן, ווינש איך אים, זיין שטערן זאָל אַף שטענדיק פאַר־בלייבן אַף אונזער הימל, און איך צווייפל גאָרניט, אַז דאָס שיינע און נייע וואָס ער האָט אין אונזער טעאַטער אריינגע־בראַכט, וועט שוין בא אונז אַף שטענדיק פאַרבלייבן! (זעצט זיך).

די געסט (אַפּלאָדירן, ריידן צווישן זיך, לאַכן, ענדיקן זייערע גלעזער וויין.)

סווינגער (שטייט אויף): איצט וועט אונז ביורק עפּעס זאָגן. און איך האָף, אַז סקולפּטאָרן האַלטן קירצערע רעדעס פון שרייבערס (די געסט שמייכלען, שאָקלען מיט די קעפּ). איך האָב אייך אויך געוואָלט דערמאָנען (קוקט אַפ'ן זייגער רעכטס), אַז איצט איז שוין האַלב נאָך דריי. פיר אַזייגער מוזן מיר גיין אַהיים. אַנדערש וועלן מיר מאָרגן אַפ'ן באַל פון די כוואַווי־שוישפּילער איינשלאָפן אין מיטן טאַנצן.

די געסט: ריכטיק! גאַנץ ריכטיק! קורצע רעדעס!

ב ו י ר ק (הויבט זיך אויף): ווען איך בין פאר עפעס באַגייסטערט — אַרבעט איך שנעל ווי א טייפל. אין צעלאַבע טעג האָב איך אויס אַ מאַרמאָרנעם ביוסט, ווארף אָן אַ גרויסע בילד. מיין רעדע אַצינד מוז אויך זיין קורץ און שארף, ווייל איך בין באַגייסטערט פון מיין ליבן גאַרטמאַנ'ס שאַפן. אַפילו אַ געליבטע האַלז איך און קוש זייער שנעל אין צייט פון באַגייסטערונג פאַר איר. אויב עס גלויבט מיר ניט ווער, קען ער עס גלייך פרעגן בא מיין סאַפיע'ן.

ס אַ פ י (לאַכט): איך מוז עס צוגעבן.

ב ו י ר ק: איך האָב די ערע צו רעכענען גאַרטמאַנ''ען פאַר מיין בעסטן פריינט, ווייל אונזערע נשמות זיינען שוין דאַן פאַראייניקט געווען, ווען די וועלט האָט נאָך פון אונז ביידען גאָרניט געוואוסט. געטראָפן האָבן מיר זיך מיט פינף יאָר צוריק בא אַ גלעזל קאַפע אין אַ ביליקן רעסטאָראַן, זיך צערעדט, גלייך דערפילט איינער דעם צווייטן און זיך פאַראייניקט. אָרים זיינען מיר ביידע געווען ווי צוויי טייוואָלים. מיר האָבן זיך גענומען אַלע טאָג טרעפן, ארויסהעלפן איינער דעם צווייטן און צוזאַמען געבויט פלענער פאַר דער צוקונפט. פלענער וועלכע האָבן זיך איצט פאַלקאָמען פאַרווירקלאַכט. איך גלויב — איך בין אויך געווען דער ערשטער, וועלכער האָט דערזען גאַרטמאַנ'ס גרויסן טאַלאַנט און...

ל י מ ע ר: אין דעם צווייפל איך!

ע ט ה ע ל: גאַנצע נעכט פלעגן מיר פאַרברענגען לעזנדיק גאַרטמאַן'ס און מיין מאַן'ס דראַמן.

ב ו י ר ק: מעגליך. איך זאָג עס, ווייל איך פיל, אַז גאַרטמאַן'ס ערפאָלג איז אויך מיין ערפאָלג. אָבער וואָס איז דער חילוק? אַבי ער איז מיט אונז! (גיט גאַרטמאַנ'ען די האַנט.) און היינט, טייערער פריינט, אין דער נאַכט פון דיין צווייענדיקן יום־טוב, ווינש איך דיר צו ווערן דער גרעסטער צווישן אונז, און אַפילו מיך אליין איבערשטייגן! (נעמט אים ארום. זיי צעקושן זיך. ווישט אויס די טרערן).

די געסט (לאַכן, אַפּלאָדירן, ריידן צווישן זיך.)

פּלאָרענס (לאַכט): ס'איז אַרויסגעקומען גאַנץ שיין!

סאָפּי: אַז ער ווערט באַגייסטערט, זאָל גאָט אויסהיטן.

סווינגער (שטייט אויף): איצט וועט אונזער דירעקטאָר זאָגן, איך האָף, אַ פּאָר קורצע ווערטער.

שאַטער (הויבט זיך אויף, גלייכט אויס דעם שנויפּס): איינגנטלאַך האָב איך קיין נייס ניט צוצוגעבן צו אייערע רייד: איך האָב בלויז אויסגעדריקט אין טאַטן דאָס וואָס איר האָט געזאָגט מיט ווערטער. איך בין זיכער ניט געווען דער איינציקער דירעקטאָר צו וועמען גאַרטמאַן איז מיט זיינע פּיעסן געקומען. איך בין אָבער געווען דער ערשטער, וועלכער האָט דערפילט אין אים זיין גרויסן טאַלאַנט און גלייך געעפנט פּאַר אים די טירן פון מיינע טעאַטערע. איך געדיינק, אַז נאָך פּופצן מינוט לעזן זיין ערשטע פּיעסע, האָב איך גלייך געפונען אין זיין דראַמע דאָס (וואַרפט אַ בליק צו לימער'ן), וואָס איך קען בא אַנדערע שרייבער ניט אַנטדעקן נאָך יאָרן לעזונג פון זייערע פּיעסן. (לימער און עטהעל שמייכלען סאַרקאַסטיש.) איך מיין טאַלאַנט. און די צייט האָט באַוויזן, אַז כ'בין אַ מבין, אַז כ'בין געווען גערעכט. היינט, צום אויפפירונג פון זיין דריטער דראַמע און צו זיין צוויי־און־דרייסיק יאָריקן געבורטסטאָג, ווינש איך אים נאָך גרעסערע זאַכן צו שאַפן און האָף, אַז אויף אַ ווייטער וועלן מיר אַרבעטן צוזאַמען!

די געסט (אַפּלאָדירן, לאַכן, טרינקען).

לימער (אַפּלאָדירט): אַ גאַנץ פיינע רעדע: אַ קורצע און אַ לייכטע!

שאַטער (לאַכט): הלוואי וואָלטן אייערע דראַמעס אָט די צוויי מעלות געהאַט.

עטהעל (שמייכלט קרום): עס ווענדט זיך ווער דער מבין איז.

בוירק (צו שאַטער'ן און לימער'ן): ניט איצט, פריינט!

קומט מאָרגן צו מיר אין סטודיאָ וועט איר זיך קענען אַרומ־רייזן וויפיל איר וועט נאָר וועלן.

סאָפי (צו פלאָרענס׳ן): שטענדיק מוזן זיי זיך קריגן.

גארטמאַן (צו סווינגער׳ן): טאָוסטמייסטער, אָרדנונג!

סווינגער (שטייט אויף): איצט, פריינט, וועל איך זיך אַליין נעמען דאָס וואָרט. (שווייגט אַ ווײַלע.) שוין 15 יאָר אַז איך בין אַף דער בינע, רעכן זיך איצט פאַר איינעם פון די בעסטע שוישפּילער, ווײַל, ווי מען זאָגט, פאַרמאָג איך טאַלאַנט און באַזיץ אינטעליגענץ. דעם שוישפּילער׳ס טאַלאַנט אַליין איז אָבער ווייניק צו שאַפן דעם ריכטיקן טיפּ. ס׳איז אויך נויטיק אַז דער שרייבער זאָל האָבן טאַלאַנט, און דאַן גיסן זיך זייערע שעפּפערישע כוחות צוזאַמען און סקומט אַרויס עטוואָס גרויסעס. איך קען מיט זיכערקייט זאָגן, אַז מיין איצטיקע ראָלע איז די גרעסטע, וועלכע איך האָב ווען ס׳איז געשפּילט, ווײַל איר באַשעפער איז דער טאַלאַנטפולסטער דראַמאַטורג, וועלכן מיר האָבן ווען עס איז אַף אונזער בינע געהאַט!

די געסט (אַפּלאָדירן שטורמיש, קוקן זיך איבער, צופרידן שאָקלענדיק מיט די קעפּ).

סווינגער (זעצט פאָר): דאָס וואָס איך האָב איצט געזאָגט האָט זיך באַצויגן בלויז צו גאַרטמאַנ׳ען דעם דראַמאַטורג, דעם קינסטלער. און וועגן גאַרטמאַנ׳ען פּערזענלאַך דענק איך אַט וואָס: נאָך מיין מיינונג, אַף וויפיל איך ווייס, איז ער איצט, מעגלאַך, דער איינציקער אַבסאָלוט גליקלאַכער מענטש אַף דער וועלט. (די געסט קוקן זיך איבער). יאָ, פריינט, איך מיין עס ערנסט, און אַט פאַרוואָס איך דענק אַזוי. וואָס שאַפט אונזער גליק? געלט, באַרימטקייט, ליבע, געזונט, טאַלאַנט. פעלט עפּעס גאַרטמאַנ׳ען פון אַט די אַלע גוטע זאַכן? ניין! ער פאַרמאָגט אַלץ! זאָל ער נאָר וועלן אַזוי פיל געלט וויפיל אונזער דירעקטאָר וועט אים געבן. אין באַרימטקייט באָדט ער זיך. (וואַרפט אַ בליק צו פלאָרענס׳ן). די שענסטע פרוי פון אונזער קרייז שענקט

אים איר ליבע און טרייהייט און צענדליקע אנדערע וואָלטן גליקלאך געווען איר פּלאַץ צו פאַרנעמען: ווייל גאַרטמאַן איז זייער אַ שיינער יונג און געזונט ווי אַ בער. פון טאַלאַנט, פון שאַפונגס־גליק, איז דאָך שוין אָפּגערעדט. און אַ שטאָלצער מיט זיין פריינטשאַפט, ליבנדיק אים, קען איך אים דאָך קיין גרעסערן גליק ניט ווינשן, ווייל איך קען זיך קיין גרעסערן גליק ניט פאָר־שטעלן. (הויבט אויף אַ גלאָז וויין) איך טרינק פאַר גאַרטמאַנ׳ען, דעם גליקלאַכסטן מענטשן אין דער וועלט!

די געסט: הורראַ! הורראַ! (איינ׳קע הויבן אויף די גלעזער, די צווייטע שפּרינגען אויף און דריקן גאַרטמאַנ׳ען די הענט, פאַרוואַרפן אים מיט סערפּאַנטין.)

גאַרטמאַן (הויבט זיך אויף, שמייכלט, דריקט זיי אַלעמען די הענט): איך דאַנק אייך! איך דאַנק אייך! און גלויבט מיר...

סווינגער (שלאָגט אים איבער): אַנטשולדיק, פריינט, כ׳האָב דיר נאָך דאָס וואָרט ניט געגעבן־ (נעמט פונ׳ם טיש אַ פּעקל טעלעגראַמעס) מען דאַרף די טעלעגראַמעס פריער דורכלעזן.

לימער: דאָס איז אַן ארבעט ביז אין דער פרי!

סאָפּי: עס איז שוין באַלד פיר אזייגער.

פלאָרענס: זאָל מען דורכלעזן בלויז עטלאכע.

בוירק: צוויי טעלעגראַמעס דורכלעזן איז גענוג. די איבעריקע וועט ער (ווייזט אָף גאַרטמאַנ׳ען) שוין אַליין איבער־קוקן.

עטהעל: דאָס איז דאָס בעסטע.

גאַרטמאַן: זאָל זיין אזוי.

סווינגער: אויסגעצייכנט! (גיט פלאָרענס׳ן דאָס פּעקל טעלעגראַמעס) זייט אַזוי גוט נעמט אַרויס צוויי פון דער מיט און לעזט זיי דורך.

פלאָרענס (לאַכט. נעמט אַרויס פונ׳ם פּעקל צוויי טעלעגראַמעס, עפנט די ערשטע, קוקט זיך איין אין איר.)

שאַטער: סווינגער האָט נאָר וואָס אָנגערופן גאַרטמאַנ׳ען אלס דער גליקלאַכסטער מענש אין דער וועלט, און מיר דאַכט

זיך, אז עפּעס אַ טרויער, אָדער אַן אומרואיקייט, ליגט באהאלטן אַ גאַנצן אָוונט אין זיינע אויגן.

פלאָרענס (וואַרפט אַ בליק צו גאַרטמאַנ׳ען): איך האָב עס אויך באַמערקט.

בוירק: איז עפּעס געשען, גאַרטמאַן?

די געסט: וואָס איז? וואָס איז געשען?

גאַרטמאַן: אָה גאָרניט, גאָרניט! (צו פלאָרענס׳ן) לעז!

שאַטער: אָבער פאָרט?

לימער: זאָג, וואָס איז?

גאַרטמאַן (אומצופרידן): אַך, גאָט מיינער! ס׳איז קיין שלעכטס ניט געשען. אַ קלייניקייט. כ׳וועל עס אייך שפּעטער דערציילן. (צו פלאָרענס׳ן) נו לעז!

פלאָרענס (לעזט): „מיר ווינשן אונזער פריינט און לערער גאַרטמאַנ׳ען גליק און אַ לאַנגן, שאַפנדיקן לעבן. די אַקטיאָרן פון בעלאַנ׳ס טעאַטער.“

די געסט (אַפּלאָדירן).

פלאָרענס (לעזט די צווייטע טעלעגראַמע): „טייערער פריינט גאַרטמאַן! אייער היינטיקע דראַמע האָט אונז קלאָר באַוויזן, וואָס פאַר אַ גרויסע קראַפט מיר האָבן אין אייך. און צום צוויי־און־דרייסיק יאָריקן געבורטסטאָג ווינשן מיר אייך, און אונז אויך, אַז אייער טאַלאַנט זאָל זיך קיינמאָל ניט אויסשעפּן און די זון פון אייער שאַפונג זאָל קיינמאָל ניט פאַרגיין. מיט אַכטונג, די דראַמאַטורגן ליג.“

די געסט (אַפּלאָדירן).

בוירק: קורץ און שאַרף!

סאָפי: זייער אַ שיינע באַגריסונג.

עטהעל: אויף דעם איז עס דאָך אַ ליג פון דראַמאַטור־גען.

שאַטער: איצט וועלן מיר הערן וואָס גאַרטמאַן אַליין האָט צו זאָגן!

ל י מ ע ר : ער האָט טאַקע עפּעס הײַנט אָוונט צופיל גע־שווינגן.

ס ו ו י נ ג ע ר : און איצט גיב איך דאָס לעצטע וואָרט דעם העלד פון היינטיקן אָוונט, און, איך האָף, אויך פון אַ גאַנץ יאָר — גאַרטמאַנ׳ען!

ד י ג ע ס ט (אַפּלאָדירן, שטעלן זיך אויף.)

ג אַ ר ט מ אַ ן (הויבט זיך אויף, טראַכט אַ ווײַלע) : ליבע פרײַנט, אויסרעכענענדיק אַלע מינים גליק וואָס איך באַזיץ, האָט סווינגער פאַרגעסן אָן איינעם, זייער, זייער אַ וויכטיקן : דאָס איז דאָס גליק פון פרײַנטשאַפט, דאָס גליק וואָס איר אַלע פאַר־שאַפט מיר מיט אייער אויפריכטיקער ליבע און איבערגעבנקייט. אייערע רייד האָבן מיר גערירט ביז צו טרערן, אייער גלויבן אין מיר מאַכט מיר פיל שולדיק קעגן אײַך, גיט מיר אָבער צו פליגל, וועט מיך טרײַבן האַסטיקער און פולבלוטיקער צו שאַפן. דאָס וואָס איך בין הײַנט ניט אַזוי פריילאַך, ווי כ׳וואָלט באַדאַרפט זײַן, שטאַמט פון אַ קלייניקייט. איר וועט אפשר לאַכן. עס שטאַמט פון אַ חלום וואָס האָט מיך הײַנט בײַנאַכט באַזוכט. אָבער איצט ווען דעם צו רעדן איז אַבסאָלוט ניט ווינשנסווערט.

ל י מ ע ר : פאַרוואָס ? עס וואָלט דווקא געווען אינטערע־סאַנט צו הערן, וואָס איז עס פאַר אַזאַ אויסערגעוויינלאַכער חלום ?

פ ל אָ ר ע נ ס (קוקט אים אין די אויגן) : האָט זיך דיר עפּעס שרעקלאַכעס גע׳חלום׳ט ?

ס אָ פ י : איז מען אויף אײַך אָנגעפאַלן ?

ע ט ה ע ל : אייך אפשר ערמאָרדעט ?

ג אַ ר ט מ אַ ן (שמייכלט) : דאָס וואָלט שוין גאָר שרעקלאַך ניט געווען.

ס אָ פ י (און ע ט ה ע ל (צוזאַמען) : נאָך שרעקלאַכערס ?

פ ל אָ ר ע נ ס (נעמט אים אַרום) : דערציילט, טײַערער, באַ־רואיק אונזער נייגעריקייט. (צו די איבעריקע) איך ציטער שוין פון שרעק!

שאטער (לאַכט): דאָס איז אַ ריכטיקער פּרויען־שטריך: זי שטאַרבט פון שרעק און מוז דאָך וויסן.

בוירק: דערציילט שוין, וואָס איז עס פאַר אַ חלום גע־ווען?

שאטער: יעדער חלום איז אַ נאַרישקייט!

סווינגער: דאָך אינטערעסאַנט. אפשר וועלן מיר גאָר קענען אים אויסטייטשן.

גארטמאַן (לייגט צו די לינקע האַנט צום שטערן, אַ פּאוזע): מיר האָט זיך געדאַכט, איך שטיי אין מיטן פון אַ גרויסן, מיט גרינעם מאָך באַדעקטן זומפּ. דער באָדן אונטער מיר ציטערט און בא דער קלענסטער באַוועגונג קריכן די פיס אַליין טיפער אין דעם זומפּ אריין. אין פילע ערטער האָבן פון'ם מאָך און גראָזן ארויסגעקוקט אַזעלכע וואונדערלאַכע בלומען וועלכע כ'האָב נאָך קיינמאָל אין מיין לעבן ניט געזען. זייער פאַרב איז געווען קרענקליך־געל, מיט שווארצע זוימען און בלוט־רויטע אָדער־לאַך אין דער מיט. זייערע ראָז־גרויע, העסלאַך אויסגעקרימטע זאָמען־שטעקעלאַך האָבן אויסגעזען ווי פּוילנדיקעס מענטשן־פלייש. געווען זיינען די בלומען פלאַכע, קיילעכיקע, האָבן אויס־געזען ווי פון איין שטיק און געמאַכט דעם איינדרוק פון עפּעס גע־פערלאַכעס, גיפטיקעס. לאַנג האָב איך זיך אָן די אויסטערלישע בלומען איינגעקוקט און ס'האָט מיך פלוצלינג אָנגעכאַפּט אַ וואונש אָפּצורייסן אַ פּאָר און גאָר פון דער נאָענט זיי באַטראַכטן. מיט גרויס מי, זינקענדיק אין זומפּ, האָב איך זיך צוגעשלעפּט צו די נאָענטסטע בלומען, אָפּגעריסן איינע פון זיי, אָבער גלייך ווי כ'האָב זי געוואָלט אַ שמעק טאָן, איז זי אין שטינקנדיקן שטויב פאַרוואנדלט געוואָרן. אַ פאַרוואונדערטער האָב איך נאָך עטלאַכע בלומען אָפּגעריסן, אָבער מיט די זעלבע פאָלגן. אַ מידקייט האָט מיך פלוצלינג ארומגעכאַפּט. ס'האָט זיך מיר פאַרוואָלט גלייך אפ'ן גראָז זיך אראָפּלאָזן, צושליסן די אויגן און איינשלאָפן. כ'האָב אָבער פאַרשטאַנען, אז כ'טאָר עס ניט טאָן, און אַ מידער געשלעפּט זיך ווייטער, טרעטנדיק אף די קרענקלאַך־געלע בלו־

מען. פלוצלינג האָב איך ניט ווייט פון זיך דערזען ליגן אַ מענטשן. איך בין שטיין געבליבן און זיך גענומען איינקוקן אין אים. זיין קערפּער איז געווען צוזאַמענגעקאַרטשעט, די הענט אויסגעשטערקט אַף פּאַראויס, פּונקט ווי זיי וואָלטן אין זייער לעצטער קאָנוואולסיע זיך אָן עפּעס געוואָלט אָנכאַפּן. זיין קאָפּ איז געווען עטוואָס אויפגעהויבן, דאָס פּנים גרין־געל און פון צווישן די פאַרקלאַסטערטע, פעך־שוואַרצע האָר האָט אַ לאָרבער־קראַנץ אַרויסגעקוקט. מיין האַרץ איז מיר פאַרגאַנגען פון שרעק, דאָך האָב איך געמאַכט נאָך עטלאַכע טריט צו אים און פּלוצלינג באַמערקט, אַז זיין פּנים באַוועגט זיך לייכט און עפּעס רירט זיך אונטער זייניע מלבושים. איך בין צוגעגאַנגען נאָענטער. דער ריח פון פאַדלע האָט מיר מיט אַמאָל אַ שלאָג געטאָן אין דער נאָז און איך האָב דערזען, אַז זיין פּנים איז פול מיט גרין־געלע, זיך באַוועגנדיקע ווערים. אַ פאַרגליווערטער פון שרעק און עקל האָב איך זיך נאָך אַ ווײַלע אין אים איינגעקוקט און פּלוצלינג זיך אַ וואָרף געטאָן אַף צוריק מיט אַ שווערן קרעכץ: אין טויטן קערפּער האָב איך.. (ווערט אַנטשוויגן, קוקט אַנגעשטרענגט פאַר זיך.)

(אַלע קוקן זיך דערשראָקן איבער).

פלאָרענס (כאַפּט זיך אָן דערשראָקן אָן גאַרטמאַנ'ען): גאָט מיינער, ווי שרעקלאַך!

עטהעל (ציטערט אויף): עס גרוילט מיר דאָס לייב!

סאָפי: עס קלאַפּט מיר אַ צאָן אָן אַ צאָן.

לימער: נו... און וואָס?

בוירק: ענדיק שוין!

גאַרטמאַן (לאַנגזאַם, שווער): אין טויטן קערפּער האָב איך זיך אַליין דערקענט.

(אַ דערשראָקענע באַוועגונג צווישן די געסט. אַ קליינע פּאַוזע.)

שאַטער (בייז): צום טייפל! בלויז אייך, האַלב־וואַנזיניקע קינסטלער, קענען זיך אַזעלכע זאַכן חלומ'ען! (גייט אַוועק פון'ם טיש אַן אומצופרידענער).

פלארענס (זעצט זיך אוועק דערשראקן אפ'ן שטול): שוידערלאך! (צו גארטמאנ'ען) ווי ביסטו עס ניט געשטארבן פון שרעק?

בוירק: דער חלום איז א גאנץ אינטערעסאנטער!

סווינגער: ניט פון מיינעט וועגן!

לימער: שוין אביסל צו אינטערעסאנט!

סאפי: איך וועל שוין זיכער א גאנצע נאכט ניט קענען איינשלאפן.

עטהעל: כ'האב נאך אזעלכעם ניט געהערט!

סווינגער (הויבט אויף א גלאז וויין): גענוג! דאס גאנצע לעבן איז א חלום און מיר דארפן זען אים וואס שענער מאכן! איך טרינק דעם לעצטן כוס פאר אונזער פריינט און שטאלץ — פאר אונזער גארטמאנ'ען!

אלע (אפלאדירן): הורראַ! הורראַ! (כאפן די גלעזער, טרינקען).

(דער זייגער קלינגט פיר).

בוירק: שוין צייט צו גיין!

גארטמאן (לאכט): ווארט טייוואלים: איר מוזט דאך מיר געבן א מעגלאכקייט אייך צו ענטפערן א די אלע גוטע זאכן, וואס איר האט מיר דא אנגעזאגט!

לימער: זאג, נאר מאך עס קורץ: איך שטארב שלאפן!

גארטמאן: איך דאנק אייך פאר אייער צוטרויען און האפ, אז...

בוירק (שלאגט איבער): ווער דארף עס האבן דיין דאנק?! (כאפט א גלאז וויין פון טיש.) הורא פאר גארטמאנ'ען, און קומט גלייך אהיים!

אלע (כאפן אונטער): הורראַ! הורראַ! (הויבן די גלעזער, טרינקען).

גארטמאן (גיט א מאך מיט'ן האנט. לאכט. קלינגט אן).

(א דינער ערשיינט מיט מלבושים אף די הענט. די מענער נעמען עס בא אים און העלפן די דאמען זיך אנטאן, פריילאך ריידנדיק צווישן

זיך. גאַרטמאַן טוט אָן פלאָרענס'ן דעם מאַנטל, קושנדיק זי דערביי אין האַלז.)

גאַרטמאַן (צום דינער, אָנווייזנדיק אַפּ'ן טיש): פירט דאָס גלייך אַרויס פון דאַנען! (צו שאַטער'ן) איך האָב ליב אַ שיין־געדעקטן טיש פאַר'ן עסן, אָבער נאָכ'ן עסן דערמאָנט ער מיך אימער אָן צוגעגעסענער, אָפּגעשטאָרבענער ליבע. (נעמט אַרום פלאָרענס'ן).

(דער דינער פירט אַרויס דעם טיש און בעת גאַרטמאַן באַגלייט נאָכער די געסט, מאַכט ער שנעל ריין אין צימער און גייט אַרויס.)

פלאָרענס (נעמט אַרום גאַרטמאַנ'ען): טייערער, דו וועסט היינט ניט גיין צו מיר: כ'פיל זייער מיד און דו אַליין נויטיקסט זיך אויך אָן אַביסל רו.

גאַרטמאַן (קושט זי): גוט, גוט. דערפאַר אָבער מאָרגן פונ'ם באָל פאָרן מיר גלייך...

פלאָרענס (וואַרפט אַף אים אַ בריענד־צוזאָגנדיקן בליק): יאָ, ליבער. גלייך צו מיר אַהיים... (דריקט זיך צו צו אים).

עטהעל (גייט צו, גיט אים די האַנט): אַ גוטע נאַכט, טייערער פריינט!

אַלע (גייען צו אים): אַ גוטע נאַכט! גאַרטמאַן, לייג זיך גלייך שלאָפן! מאָרגן דער באָל.

גאַרטמאַן (נעמט אַרום פלאָרענס'ן): קומט, איך וועל אייך באַגלייטן.

(אַלע גייען אַרויס. עס הערן זיך שטימען: אַ גוטע נאַכט! באַ־באַ־באַ! פאַרגעסט ניט מאָרגן דעם באָל! אַ גוטע נאַכט! אַ פּאַוזע).

גאַרטמאַן (קומט אַריין, קוקט זיך אַרום, שמייכלט צופרידן. גייט צו, שמעקט די בונטען רויזן. פאַררויכערט אַ סיגאַר. פאַרטראַכט זיך. נעמט אַראָפּ דאָס רעקל, טוט אויס דעם קאָלנער, נעמט פון שרייב־טיש דאָס פּעקל טעלעגראַמעס, זעצט זיך אַף דער סאָפע און נעמט זיי דורכלעזן, צושאָקלענדיק צופרידן מיט'ן קאָפּ. מיט אַמאָל הערט ער אויף צו לעזן, לאָזט מאַכטלאָז אַראָפּ די האַנט מיט די טעלעגראַמעס אַף די קני און פאַרטראַכט זיך.)

(דער צימער נעמט זיך אָנפילן מיט אַ פּיאָלעט־בלויען נעבל. אין רעכטן ווינקל ערשיינט דער יונגלינג. ער איז שלאַנק, כמעט איידל, אָבער זיין יעדער אבר איז ווי פון קופּער געגאָסן. ער איז נאַקעט. זיינע האָר זיינען לאַנג און שוואַרץ און די בלאָע אויגן קוקן קאַלט און פעסט פון אונטער די שוואַרצע ברעמען.)

גארטמאַן (קומט צו זיך, קוקט זיך פאַרוואונדערט איין אין בלויען נעבל. דערפילט דעם יונגלינג׳ס בליק. דרייט מיט אַמאָל אויס דעם קאָפּ, דערזעט אים, און שטעלט זיך האַסטיק אויף. ביידע קוקן זיך אָן אַ ווײַלע.)

דער יונגלינג (גיים צו נענטער): שרעק זיך ניט פאַר מיר, גארטמאַן.

גארטמאַן (נאָך אַ קורצן שווייגן): ווער ביסטו?

דער יונגלינג: אַ שליח פון די געטער.

גארטמאַן (פאַרוואונדערט): פון די געטער? צו מיר?

דער יונגלינג (בויגט לאַנגזאַם אָן דעם קאָפּ אַף יאָ.)

גארטמאַן (באַטראַכט אים): וואו זיינען דיינע פליגלען?

דער יונגלינג: מוזן דען געטער און פויגלען זיך באַוועגן אַפ׳ן זעלבן אופן?

גארטמאַן (נאָך אַ פּאוזע): וואָס ווילסטו מיר זאָגן?

דער יונגלינג: איך וויל דיך פרעגן, ווי דו פילסט איצט?

גארטמאַן: מיינער אַ גוטער פריינט האָט דאָ ניט לאַנג צוריק געזאָגט, אַז איך בין דער גליקלאַכסטער מענטש אין דער וועלט.

דער יונגלינג (שטיל, פעסט): איך האָב עס געהערט. ס׳איז אמת.

גארטמאַן: די איינציקע זאַך וואָס שטערט אָבער מיין גליק איז דער נעכטיקער חלום.

דער יונגלינג (קוקט אים גלייך אין געזיכט): דו געדענקסט אים?

גאַרטמאַן (זיפצט): דאָס בלוט גליווערט אין מיינע אָדערן, ווען כ'דערמאָן זיך אָן אים. קענסטו מיר, אפשר, זאָגן, וואָס ער באַדייט?

דער יונגלינג: דאָס האָבן דיר די געטער געוואָלט אָן עפּעס דערמאָנען.

גאַרטמאַן: דערמאָנען? אָן וואָס?

דער יונגלינג: אָן טויט!

גאַרטמאַן (טרעט צוריק דערשראָקן): שטאַרבן?!

דער יונגלינג (בויגט לייכט אָן דעם קאָפּ.)

גאַרטמאַן: שטאַרבן איצט, ווען כ'בין ערשט צוויי־און־דרייסיק יאָר אַלט געוואָרן, ווען מיין טאַלאַנט האָט זיך ערשט צעבליט, און די גאַנצע וועלט איז בא מיינע פיס?!

דער יונגלינג: יאָ! דאָס איז פּונקט די ריכטיקע צייט!

גאַרטמאַן (פאַרברעכט די הענט): פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ שרעקלאַכע שטראָף?

דער יונגלינג: די געטער ליבן דיך!

גאַרטמאַן: און דערפאַר ווילן זיי מיך טויטן? (פאַר־צווייפלט) אָה, זאָלן זיי מיך דאַן בעסער האַסן און ניט איבער־רייסן אַזוי האַרצלאָז די גאָלדענע קייט פון מיינע פריידן!

דער יונגלינג: דו רעדסט ווי אַ קינד: בלויז יענע גליקלאַכע, וועמען די געטער ליבן, זיינען זוכה צו שטאַרבן יונג, פּונקט דאַן, ווען זיי דערגרייכן דעם שפּיץ פון זייער גליק.

גאַרטמאַן: וואו איז דער זינען דערפון?

דער יונגלינג: דער פּריצייטיקער טויט באַפרייט די אויסדערוויילטע פון אַ סך אַנדערע טויטן.

גאַרטמאַן (קוקט אויף אים אַ ווײַלע): איך פאַרשטיי דיך ניט.

דער יונגלינג: שטאַרבנדיק יונג און גליקלאַך מיידן זיי אויס דעם טויט פון פריינטשאַפט, יוגנט, באַרימטקייט, ליבע.

גאַרטמאַן (מאַכט אַ שפּאַן צום גאַסט): איך בעט דיך, גיי פון דאַנען. זאָג די געטער, אַז גאַרטמאַן וויל נאָך ניט שטאַרבן, אַז ער איז איבערפילט פון אַ וואַנזיניק־שאַרפן פאַרלאַנג צו שאַפן און גליק צו געניסן. בעט זיי פאַר מיר. זאָג זיי, אַז מיין טויט האָט קיין זינען ניט, קיין באַרעכטיקונג, איז אַ פאַרברעכן קעגן אַלע געזעצן פון שיינקייט און נויטווענדיקייט.

(אַ פּאַוזע.)

דער יונגלינג (שטיל, פאַרטראַכט): הער גאַרטמאַן, איך האָב אַצינד באַשלאָסן דיין לעבן אין דיינע אייגענע הענט איבער־צוגעבן.

גאַרטמאַן (אויסציענדיק צו אים די הענט): האַ, איך דאַנק דיר!

דער יונגלינג (שטעלט אים אָפּ): וואַרט! פריער אָבער וועסטו מוזן מיט מיר זיך אַביסל דורכגיין און איך וועל דיר עפּ׳נס ווייזן.

גאַרטמאַן: אָבער... וועסטו מיך צוריקברענגען?

דער יונגלינג: יאָ. און וועסט דאַן אויך קענען בלייבן לעבן אויב דו וועסט נאָר וועלן.

גאַרטמאַן (מיט פרייד): איך גלויב דיר. איך דאַנק דיר! וואוהין ווילסטו מיך נעמען?

דער יונגלינג (ענטפערט ניט. לייגט אַרויף איין האַנט אויף גאַרטמאַנ׳ס אַקסל. קוקט פאַר זיך. דער פיאָלעט־בלויער נעבל נעמט ווערן אַלץ געדיכטער, ביז עס ווערט אינגאַנצן פינסטער. אַ פּאַוזע. רעכטס אַנטפּלעקט זיך אַ האַלב־טונקעלע סטודיאָ פון אַ סקולפּטאָר. אויף די ווענט בילדער, אויף טישלאַך אַרום סקולפּטורן. דער דאַך און די מיטלסטע וואַנט זיינען פון גלאָז. בײַ דער לינקער וואַנט אַ סאָפע און אַ שרייב־טיש מיט אַ שטול. רעכטס אַ טיר, פאַרהאַנגען מיט אַ פאָרהאַנג. אַ פּאַוזע. אין רעכטן ווינקל צינדט זיך אָן אַ לייכט־בלויע ליכטיקייט און אין איר ערשיינט גאַרטמאַן און דער יונגלינג נאָך אים.)

גאַרטמאַן (קוקט זיך פֿאַרוואונדערט אַרום. באַטראַכט די בילדער און סקולפּטורן. דרייט אוים דעם קאָפּ צום יונגלינג): וואו בין איך?

דער יונגלינג (ענטפֿערט ניט. זיין בליק איז געווענדעט צו דער טיר, וועלכע איז פֿאַרהאַנגען מיט אַ סאַמעטענעם פֿאַרהאַנג.)

גאַרטמאַן (פֿאָלגט נאָך זיין בליק.)

(אַ פּאַוזע. פֿון דער צווייטער זייט פֿאַרהאַנג הערן זיך לויפֿנדיקע טריט און אויפֿגערעגטע שטימען. באַלד לויפֿט אַריין סאָפֿי אין אַ צעריסענעם נאַכט־העמד, נאָך איר יאָגט זיך בוירק אין אַ שלאָף־ראָק. זי לויפֿט אַריבער אין צווייטן עק צימער און כאַפּט אָן איינע פֿון די סקולפּטור־גרופּן באַם פּוס.)

סאָפֿי (שרייט): גיי ניט צו, בוירק, אָדער איך שליידער אַרונטער די סקולפּטור.

בוירק (האַלט זיך צוריק אַ דערשראָקענער).

סאָפֿי (כאַפּט איבער דעם אָטעם, מאַכט צורעכט אַף זיך דאָס העמד): אָט אַזוי! שטיי פֿון דער ווייטנס ווי אַ קעצעלע.

(ביידע קוקן זיך אָן אַ ווילע אָנגעשטרענגט.)

גאַרטמאַן (קוקט זיך איין אין סאָפֿי'ן, דרייט פֿרעגנדיק אוים דעם קאָפּ צום יונגלינג און, ניט באַגעגנדיק זיין בליק, דרייט ער צוריק אוים דעם קאָפּ צו בוירק'ן.)

בוירק: גיב מיר אָפּ דעם בריף!

סאָפֿי: ביסט אַ פּייגלינג! טוסט אָפּ אונטן אַרום זאַכן, פֿאַר וועלכע דו האָסט מורא צו טראָגן די פֿאַראַנטוואָרטלאַכקייט.

בוירק: ס'איז ניט דיין זאַך! ווי נידערטרעכטיק ס'איז צו קריכן יענעם אין די קעשענעס און גנב'ענען פֿרעמדע בריף!

סאָפֿי: איך גיב עס צו. אָבער ניט דו קענסט עס מיר פֿאָרוואַרפֿן. דו, וועלכער האָט זיך ערשט דאָ ניט לאַנג גאַרט־מאַנ'ען אין ליבע ערקלערט, זיך געוואָרפֿן צו אים קושן, און אין קעשענע איז געלעגן אַ בריף מיט אַ ליבעס־ערקלערונג צו פֿלאָ־רענס'ן. איז דאָס ערהאַבן? האַנדלט אַזוי אַ „בעסטער פֿריינט"? (לאַכט) ווי האָסטו זיך אויסגעדריקט? „אונזערע נשמות זיינען

נאָך דאָן פאַראייניקט געווען, ווען די וועלט האָט נאָך פון אונז ביידן ניט געוואוסט!" אונזערע נשמות... (לאַכט).

בוירק (גיט זיך אַ לאָז פאַראויס): פאַרמאַך דיין מויל!

סאָפי: (גיט אַ כאַפּ דעם פוס פון דער סקולפּטור): די סקולפּ־טור, בוירק!

בוירק (האַלט זיך צוריק.)

סאָפי: מיך קען מען אויפהערן ליבן, אָבער נאַרן מיך האָבן קיין קליגערע פון דיר ניט געקענט.

בוירק: גיב מיר דעם בריף!

סאָפי (שפּאָטיש): עס שמעקט דיר ניט, כ'זאָל אים, האַרטמאַנ'ען, דיין „בעסטן פריינט", איבערגעבן, אַ? (גיט אים אַ וואָרף דעם בריף, וועלכן זי האַלט די גאַנצע צייט צוזאַמענגעדריקט אין איין האַנט.) נאַ, פּייגלינג, באַרואיק זיך! איך וועל קיין מינוט דאָ ניט פאַרבלייבן מיט דיר מער. איך האָב געמיינט דו ביסט אַ מאַן, צום סוף ביסטו אַ... גאָרניט! (גייט שנעל אַרויס).

בוירק (קוקט איר נאָך, הויבט אויף פון דיל דעם בריף, טראַכט אַ ווײַלע, גייט צו צום פאָרהאַנג, הערט זיך אַיין, גייט שנעל אַרויס.)

גאַרטמאַן (קוקט פאַר זיך אָנגעשטרענגט. דרייט אויס דערנאָך דעם קאָפּ, באַגעגנט דעם יונגלינג'ס קאַלטן בליק. ביידע קוקן זיך אָן אַ ווײַלע. דער יונגלינג לייגט אַרויף זיין האַנט אַף גאַרטמאַנ'ס אַקסל. עס נעמט טונקלען ביז עס ווערט פינסטער.)

(אַ פּאַוזע. לינקס אַנטפּלעקט זיך אַ שטיק פון אַ שלאָפצימער, באַ־לויכטן מיט ראָזעווע שיין. עטהעל זיצט אַן אויסגעטאָנענע אין בעט. אַף די קני האַלט זי אַ גרויס שאַכטל מיט טשאָקאָלאַד און עסט. באַ דער זייט שטייט לימער אין אַ שלאָפראָק, צוגעשפּאַרט צום שרייב־טיש און רויכערט אַ סיגאַר.)

לימער (מיט פאַרדרוס): איך קען קיין נאָמען צו דעם אפילו ניט צוטראַכטן. ס'איז איינפאַך אַ פאַרבלענדעניש, אַן אידיאָטסטוואָ!

עטהעל (שטופט אן א פולען מויל מיט טשאָקאָלאַד): הי־הי! וואָס דען? הי־הי!

לימער (קרימט זיך איר נאָך. בייז): הי־הי, הי־הי! גיי רעד מיט איר! האָט אָנגעשטאָפּט א מויל נאָר אף צופּלאַצט צו ווערן! ווי א קליין קינד.

עטהעל (קייט אַף שנעל, שלינגט אַראָפּ): אָך, ווי גע־שמאַק! עס זעט אוים גאָר פרישע טשאָקאָלאַדן, ערשט היינט געמאַכט. (כאַפּט זיך.) און איך זאָג דיר, אַז גאַרטמאַן האָט פּשוט מזל. דאָס אַלץ!

(פאַר דער טיר אין לייכט־בלויען שיין ערשיינט גאַרטמאַן. נאָך אים דער יונגלינג. גאַרטמאַן שפּאַרט זיך אָן מיט ביידע הענט אָן א קליין טישל, אַף וועלכן עס שטייט אַ סקולפּטור און קוקט זיך פאַר־וואונדערט — דערשראָקן איין אין די לימערס.)

לימער: איינס פון ביידע: אָדער די קריטיקער זיינען בלינד, אָדער זיי פאַרשטייען לחלוטין ניט וואָס אמת'ע קונסט איז!

עטהעל: און איך זאָג דיר, אַז דאָס העלפט אים פלאַ־רענס ארוים. ווער ווייסט ניט, אַז דער דיצרקטאָר שאַטער שטאַרבט נאָך אירע טריט? און אַז זי האָט געהאַט פאַרהעלט־נישן מיט אייניקע פון די קריטיקער, בין איך זיכער. פאַרוואָס טאָקע ניט א טובה טאָן א געליבטן? צו טייער קאָסט עס איר דאָך געוויס ניט. קיין געזעצליכע פרוי, זי זאָל איר כבוד דאַרפען היטן, איז זי אויך ניט. פאַרוואָס־זשע טאַקי ניט?

גאַרטמאַן (גיט זיך אַ ריס אַף פאָראויס. וואַרפט אַראָפּ די סקולפּטור אַפּ'ן דיל און זי ווערט צעשמעטערט. ציט זיך עטוואָס דער־שראָקן צוריק. די לימערס ציטערן אויף פונ'ם קלאַפּ, קוקן זיך פאַר־וואונדערט איבער.)

לימער (גייט צו, באַטראַכט די צעבראָכענע סקולפּטור): זאָנדערבאַר. פונקט ווי ס'וואָלט זי ווער א שטוים געטאָן.

עטהעל (לייגט אריין אַ טשאָקאָלאַד אין מויל): פופצן דאָלאַר ערשט מיט צוויי וואָכן צוריק באַצאָלט.

לימער: ס'איז געפאַלן אַ האַלבן יאַרד פון'ם טיש.

גאַרטמאַן (קוקט אים אָנגעשטרייגנט אין פּנים אַריין).

עטהעל (הערט אויף צו קייען): דו פאנגסט מיך אָן שרעקן. וואָס ווילסטו, איך זאָל אַ גאַנצע נאַכט שוין מורא האָבן צו שלאָפן?

לימער: די דינסט האָט זי, מן־הסתם, קרום אוועקגע־שטעלט.

עטהעל: זיכער. (עסט ווידער) איך וועל איר שוין מאָרגן אַ גוטן גאָב דערפאַר געבן.

לימער (רויכערט. שטעלט זיך צוריק אַפ'ן פריערדיקן פּלאַץ, טראַכט אַ ווײַלע): ניין, ניט דאָס. ער איז איינפאַך אַ גליק־לאַכער מענטש. אַלץ גילט אים.

עטהעל (קוקט זיך איין אין דעם שאַכטל טשאָקאָלאַד): און מיר געפעלט זײַן לעצטע פּיעסע לחלוטין גאָרניט. אחוץ עטלאַכע שיינע סצענעס איז אין איר גאָרניט פאַראַן.

לימער: גיי רעד אָבער מיט די קריטיקער! אין יעדער קליינינקייט זעען זיי עטוואָס נייעס, איבעראַשנדיקעס. האָסט געדאַרפט זען זייער באַגייסטערונג בײַ דער פאָרשטעלונג. וועסט שוין מאָרגן, מן־הסתם, לעזן זייערע לויב־געזאַנגען אין די צײַ־טונגען.

עטהעל (נעמט אַ שטיקעל טשאָקאָלאַד, צוברעכט עס פאַרזיכטיק און קוקט זיך איין אין דעם): איך צווייפל גאָרניט, אַז דײַנע דראַמען זײַנען פיל בעסער און שענער. (גיט אַ לעק דאָס געפילאַכץ פון איין זײַטל פון'ם טשאָקאָלאַד.) איך בלײַב בײַ מײַנעם, אַז פלאָרענס העלפט אים דאָ אַרויס.

גאַרטמאַן (שפּאַרט זיך צו צום טיש, לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ.)

לימער: נאַרישקייטן! (שפּאָטיש.) אויב אין אַזאַ גרויסע זאַך האַנדלט זיך בלויז וועגן אַזאַ קליינער טובה, פאַרוואָס זאָלסטו עס ניט טאָן פון מײַנעטוועגן?

עטהעל (באַליידיקט): איך בין אַ געזעצלאַכע פרוי, ניט

קיין געליבטע! (רוקט אריין ביידע שטיקלאך טשאַקאַלאַד אין מויל אריין).

לימער (נאָך אַ קליינער פּאוזע): ווערסט באַלד שרייען, אַז די ציין טוען דיר וויי!

עטהעל (קייט): ווען מען זאָל שוין אפילו צוגעבן, אַז זיינע דראמען זיינען אויסגעצייכנט, איז דאָך פון זיין זייט אַ גרויסע חזיר'ײַי, וואָס ער זעט ניט דיר, זיין בעסטן פריינט, ארויסצוהעלפן. ווען ער וויל נאָר שטאַרק, וואָלט ער שוין גע־פונען אַ וועג ווי צו צווינגען איינעם פון די טעאַטער־דירעקטאָרן דיינע אַ פּיעסע צו קויפן. (לייגט אריין נאָך אַ פּאָר טשאָקאָלאַדס אין מויל אריין.)

לימער: ער האָט שוין יאָ צוויי מאָל מיינע פּיעסן גע־נומען און זיי פאָרגעלעזן פאַר איינינקע דירעקטאָרן. (זיפצט.) זיי זיינען אָבער ניט געפעלן. אַלענפאַלס, אַזוי האָט ער מיר געזאָגט.

עטהעל (בייז): ס'איז אַ ליגן! ער האָט זיי, מן הסתם, פאַר קיינעם ניט פאָרגעלעזן, מורא האָבנדיק דו זאָלסט אים פון זיין גרויסקייט ניט אַראָפּשטויסן.

לימער (שווייגט אַביסל): כ'ווייס ניט... כ'גלויב ער האָט זיי יאָ געלעזן. ווייסט, צייטנווייז האָס איך אים איינפאַך. בפרט, ווען זיין שמייכל ווערט אַזוי זיכער, שטאָלץ, נו פּונקט ווי ער וואָלט אַ קעניג געווען. ער מיינט, אַז זיין גרויסקייט איז שוין אויף אייביק! האָסטו באַמערקט, ווי זיגרייך ער האָט היינט געהאַלטן דאָס דיקע פּעקל באַגריסונגס־טעלעגראַמען?

עטהעל (צוברעכט נאָך אַ טשאָקאָלאַד, קוקט אריין אין אים): גאַנץ מעגלאַך, אַז פילע פון זיי האָט ער זיך אַליין געשיקט, אום אונז די אויגן צו פאַרבלענדן.

לימער: און ווי ער האָט זיך עם אַ גאַנצן אָוונט גע־האַלטן אַזוי קאַלטבלוטיק, אַביסל טרויעריק.

עטהעל (קייט): און איך גלויב, אַז די גאַנצע שרעקלאַכע געשיכטע מיט'ן זומפּ, וואו ער האָט זיין אייגענעם קערפּער גע־

זען, איז ניט מער ווי אַן אָנשטעל. (נעמט דעם פּודל טשאַקאַלאַד, קוקט אריין אין דעם).

לימער (נערוועז): הער שוין אַמאָל אויף צו עסן די זיס־קייטן. די ציין וועלן דיר דאָך באַלד כאַפּן! ווי ווערט עס דיר ניט מיאוס?

עטהעל: באַלד... יאָ... אַלץ איז בא אים אַן אָנשטעל. (שטופּט אַן דאָס מויל מיט טשאָקאָלאַד).

לימער: מיט דער געשיכטע האָט ער געוואָלט ארויס־ברייננען, אַז ער שאַפט בלויז ווייל ער מוז עס טאָן, אַז ער גע־דענקט שטענדיק דאָס נישטיקייט פון׳ם מענטשן מיט׳ן לאַרבער־קראַנץ און שמוץ.

עטהעל (קייט): הי־הי — זיכער... הי־הי!

לימער: אָבער איין זאַך מוז איך אים נאָך ווען עס איז פרעגן: פאַרוואָס . . .

עטהעל (כאַפּט זיך פאַר דער באַק): אַך גאָט מיינער, די ציין! לאָז מיך צורו מיט דיינע פריינט! (שטעלט האַסטיק אַוועק דאָס שאַכטל.) איך וויל שוין מער פון זיי ניט הערן! (לייגט זיך אַוועק.)

לימער (צו זיך): פרעסט טשאָקאָלאַד ווי אַ חזיר פּוילע באַנאַנעס און וויל נאָך די ציין זאָלן איר ניט וויי טאָן! (פאַר־רויכערט.)

(אין שלאָף־צימער פאַנגט אָן צו טונקלען, ביז ס׳ווערט פינסטער. פאַר דער טיר האַלט אָן די זעלבע ליכט ווי פריער).

גאַרטמאַן (דרייט זיך אויס צום יונגלינג): פירסטו מיך שוין צוריק?

דער יונגלינג (שאָקלט מיט׳ן קאָפּ אַף ניין.)

גאַרטמאַן (מיט שרעק): וואָס נאָך ווילסטו בא מיר אָוועקנעמען?

דער יונגלינג: די צוקונפט וויל איך דיר ווייזן. בלויז אַ פּאָר בליקן אין דער צוקונפט. (לייגט זיין האַנט אַף גאַרטמאַנ׳ס אַקסל. עס ווערט לאַנגזאַם פינסטער.)

(אַ פּאַוזע. אין דער טיפקייט פון דער מיטלסטער וואַנט אַנטפּלעקט זיך אַ רייך אויסגעפּוצטער בודואַר, באַלויכטן מיט אַ רויטן ליכט. אַף אַ סאָפע רעכטס ליגט פלאָרענס אין אַ לייכטן הויז־קלייד, רויכערט אַ סיגאַרעט און קוקט אין אַ בוך. קעגנאיבער אין טונקעלן ווינקל ערשיינט גאַרטמאַן, נאָך אים דער יונגלינג.)

גאַרטמאַן (קוקט זיך אַרום, באַמערקט פלאָרענס'ן, ציטערט אויף, טרעט צוריק, דרייט זיך אויס און וויל אַרויס פון צימער.)

דער יונגלינג (שטרעקט אויס די האַנט און שטעלט אים אָפּ.)

גאַרטמאַן (קוקט אָן דעם יונגלינג מיט האַס): דאָ אין צימער האָב איך ניט וואָס צו טאָן.

דער יונגלינג (ענטפערט ניט, קוקט אים גלייך אין געזיכט אריין).

גאַרטמאַן: איך וועל עס דיר קיין מאָל ניט גלויבן!

דער יונגלינג (ענטפערט ניט.)

גאַרטמאַן (קוקט זיך איין אין פלאָרענס'ן, דרייט זיך האַסטיק אויס צום יונגלינג): ס'א ליגן!

דער יונגלינג (שטיל, פעסט): עס וועט זיין אמת!

גאַרטמאַן (בויגט אָן דעם קאָפּ, לאָזט זיך אַראָפּ אַף אַ שטול.)

(אַ פּאַוזע.)

די דינסט (ערשיינט שטיל. גייט צו צו פלאָרענס'ן): ער איז שוין דאָ, מאַדאַם.

גאַרטמאַן (ציטערט אויף. הויבט אויף דעם קאָפּ.)

פלאָרענס): (לייגט אַוועק דעם, זעצט זיך אויף): וואו איז ער?

די דינסט: אין עס־צימער.

פלאָרענס (שטייט אויף): האָסטו אליין אים דאָס טירל פון גאָרטן געעפנט?

די דינסט: יאָ, מאַדאַם.

פלאָרענס (לעשט אויס דעם סיגאַרעט): ביסטו זיכער, אז קיינער פון גאַס האָט אים ניט באַמערקט אריינגייענדיק?

די דינסט: פּאָלקאָמען זיכער.

פלאָרענס (גייט שנעל צו צום שפּיגל, מאַכט צורעכט דאָס פּנים): לאָז אים אַריין!

די דינסט (מאַכט איר צורעכט די האָר פון הינטן און דאָס קלייד. גייט אַרויס.)

סווינגער (ערשיינט, שטייט אַ ווײַלע בײַ דער טיר, שטרעקט אויס צו פלאָרענס'ן די הענט): טייערע מיינע!

גאַרטמאַן (שפּרינגט האַסטיג אויף, קוקט זיך איין אין סווינגער'ן ציטערענדיק מיט'ן גאַנצן קערפּער.)

פלאָרענס (וואַרפט זיך אין סווינגער'ס אָרעמס): ליבער! (זיי קושען זיך).

גאַרטמאַן (זיין פּנים נעמט צוקן און קרימט זיך אויס אין אַ געוויין. ער פאַרדעקט עס מיט ביידע הענט).

סווינגער: ווי שרעקלאַך לאַנג עס האָט זיך היינט דער אָוונט געצויגן! כ'האָב ניט געקענט שפּילן זעענדיק דיך זיצן צוזאַמען מיט גאַרטמאַנ'ען.

פלאָרענס (גלעט זיינע האָר): אַך, דו נאַרישער אינגל!

סווינגער (פירט זי צו דער סאָפע): ווייסט, איין געדאַנק האָט מיך די גאַנצע צייט פאַרפאָלגט: אַראָפּצולויפן פון דער בינע, דיך אַרומנעמען און זיי אַלעמען ערקלערן, אַז דו ביסט מיין געליבטע, אַז כ'וועל דיך אַף דער גאַנצער וועלט ניט אויסבייטן! (דריקט זי צו זיך.)

פלאָרענס (לאַכט שטיפעריש): נאַרישער אינגל! דו וואָלסט דאַן די גרעסטע נאַרישקייט באַגאַנגען. בלויז אַזוי זיך טרעפנדיק קענען מיר אמת גליקלאַך זיין.

סווינגער (זעצט זיך אַף דער סאָפע, ציט זי אַרויף צו זיך אַף די קני). אָבער איך קען ניט איבערטראָגן, ווען ער נעמט דיך אַרום, קושט דיך.

פלאָרענס (שויבערט אים די האָר. לאַכט): אין יעדן מאַן איז אַזוי פיל קינדערשעס פאַראַנען. נו, וואָס קימערט דיך,

ווען ער קריגט אויך אביסל ליבע? צו האָסטו אים שוין אינ־גאַנצן פיינט? איך גלויב עס ניט. כ'ווייס, ער איז בעסער פון מיר. (ציט זיך ליידנשאַפטלאַך.) אין מיר איז פאַראַנען ליבע פאַר אַ גאַנצער וועלט און כ'וואָלט גאָר קיין מאָל ניט מיד גע־וואָרן שיינע אינטערעסאַנטע מענער מיט איר איינצוטיילן. (לאַכט שטיל, פאַרפירעריש. נעמט אַרום זיין האַלז.) דיך, ליבער, דאַרף אָבער קיין זאַך ניט אַרן, אַזוי לאַנג ווי צו דיר ציט מיין האַרץ, ווי דיך וויל איך. (ציט זיך מיט'ן גאַנצן קערפער צו אים.)

סווינגער (ציטערט): דו ביסט אַ שלאַנג, פלאָרענס, אַ צויבערנדע, גיפטיקע שלאַנג! (בייסט זיך איין מיט די ליפּן אין איר ברוסט.)

פלאָרענס (קרעכצט ליידנשאַפטלאַך): אַך, דו אינגל — ליבער מיינער! (דריקט צו זיין קאָפּ צו זיך).

גאַרטמאַן (הויבט אויף דעם קאָפּ און קוקט אַף זיי. זיין פּנים איז ווי אַלט געוואָרן, די באַקן איינגעפאַלן, די אויגן טיף און אויסגעלאָשן.)

סווינגער (אויפגערעגט): דו קענסט משוגע מאַכן!

פלאָרענס (פאַרוואַרפט דעם אויבערשטן האַלבן קערפער אַף הינטן. די האָר צופאַלן זיך): יאָ, יאָ... משוגע דאַרף מען זיין ווען מען ליבט. משוגע, משוגע!

סווינגער: איך וועל דיך צורייסן! אַף שטיקער צו־רייסן! אַף שטיקער! ביסט אַ שלאַנג! אַ גיפטיקע שלאַנג! (דריקט זי צו זיך.)

(אין צימער ווערט טונקל, בלויז דער ווינקל, וואו גאַרטמאַן גע־פינט זיך בלייבט אין פריערדיקן האַלבן־שיין. אַ קורצע פּאַוזע.)

גאַרטמאַן (רירט זיך ניט פון אָרט, קוקט גלייכגילטיק פאַר זיך.)

דער יונגלינג: גאַרטמאַן!

גאַרטמאַן (ענטפערט ניט. רירט זיך ניט פון אָרט.)

דער יונגלינג: גאַרטמאַן, קום ווייטער.

גאַרטמאַן (שאָקלט מיט'ן קאָפּ אַף ניין): מען דאַרף ניט.

ד ע ר י ו נ ג ל י נ ג: כ'האָב דיר נאָך ניט אַלעס געוויזן.

ג אַ ר ט מ אַ ן: מען דאַרף ניט. דו קענסט שוין באַ מיר איצט קיין זאַך מער ניט צונעמען: איך פאַרמאָג שוין גאָרניט, איך בין דער אָרימסטער אַף דער גאַנצער וועלט.

ד ע ר י ו נ ג ל י נ ג: איין שעה נאָך דעם ווי דו ביסט דער גליקלאַכסטער געווען?

ג אַ ר ט מ אַ ן: אַלץ איז ניט מער ווי אַ נאַרעריי. פיר מיך אהיים!

ד ע ר י ו נ ג ל י נ ג: באַלד. נאָך איין זאַך אָבער מוזטו זען, זיך נאָך פון איין צווייפל באַפרייען. (ער לעגט אַרויף זיין האַנט אַף האַרטמאַן'ס אַקסל. עס נעמט טונקלען.)

(גאַרטמאַן (לאָזט טיף אַראָפּ דעם קאָפּ.)

(עס ווערט פינסטער. אַ פּאַוזע. עס אַנטפּלעקט זיך אַ ראָג פון אַ לאַנגער, שמאָלער פינסטערער גאַס מיט אָרימע, הויכע הייזער. איבער'ן וועג געפינט זיך אַ העל־באַלויכטענער שענק פון וואַנען עס רייסן זיך אַרויס שכור'ע געשרייען און געזאַנגען. אַפ'ן ראָג אונטער אַ לאַמטערן שטייט גאַרטמאַן און הינטער אים דער יונגלינג.)

ג אַ ר ט מ אַ ן (קוקט זיך מיד אַרום, דרייט אויס דעם קאָפּ צום יונגלינג): נאָך וואָס האָסטו מיך אַהער געבראַכט? וואָס פאַר אַ שוידער קען נאָך דאָ אַף מיר וואַרטן?

ד ע ר י ו נ ג ל י נ ג (ענטפערט ניט. קוקט אַף אַ טונקעלן שאָטן באַ דער וואַנט קעגנאיבער, וועלכער גיסט זיך ווי צוזאַמען מיט'ן שאָטן וואָס פאַלט פון גאַרטמאַנ'ען.)

ג אַ ר ט מ אַ ן (פאָלגט נאָך זיין בליק, קוקט זיך איין אין שאָטן.)

ד י ג אַ ס ן פ ר וי (ערשיינט פון דער גאַס רעכטס. גייט לאַנג־זאַם צו, קוקט אַריין אין שענק. פון לינקס קומט אָן אַ פאַרבייגייער. זי באַמערקט אים, ברענגט זיך אַביסל אין אָרדנונג, גייט אים אַנטקעגן. שטעלט אים אָפּ): אַ גוטער אָוונט, הער!

ד ע ר פ אַ ר ב יי ג יי ע ר (וואַרפט אַף איר אַ שנעלן בליק): איך האָב קיין צייט ניט.

די גאסן־פרוי (לאכט אנציענדיק): ווי קלוג איר האט עס געזאגט! אבער ווער פירט עס געשעפטן אזוי שפעט באנאכט?

דער פארבייגייער (קוקט זי אן): האב איך עס טאקע אין אן אמת'ן אזוי קלוג געזאגט?

די גאסן־פרוי: האט איר עס אליין ניט באמערקט?

דער פארבייגייער (שאקלט מיט'ן קאפ): ניין.

די גאסן־פרוי: ס'איז ווייל איר זייט א קלוגער מענטש. (גייט צו, נעמט אים אן פאר'ן ארים): קומט אביסל מיט מיר. אפילו די קליגסטע מענטשן נויטיקן זיך צייטנוויים אין א ביסל פארגעניגן.

דער פארבייגייער (טראכט א ווײלע): אבער... וויפיל וועט עס קאסטן?

די גאסן־פרוי (קוקט אים פארפירעריש אין געזיכט אריין): דאס איז שוין גאר א קלייניקייט. פאר א גוטן מאמענט לוינט זיך שטענדיק גוט צו באצאלן. (ציט אים מיט זיך.) נו, קום, טייערינקער!

דער פארבייגייער (האלט זי אפ): אבער פארט, וויפיל?

די גאסן־פרוי (קוקט אף אים): ביסט א יונגער און א שיינער, ווי איך זע, אויך. נו קום, קום! דו געפעלסט מיר. מיר וועלן שוין דארטן זען. (פירט אים מיט זיך.)

דער פארבייגייער (גייט איר נאך): אבער איך מוז דאך וויסן... איך וועל דיר... (ביידע פארשווינדן ערגעץ־וואו הינטער'ן שענק.)

(פונ'ם שענק פראלן ארויס צוויי שכורים, שרייענדיק און לאכנדיק. זיי נעמען זיך ארום, פארציען א ליד און גייען, זיך וואקלענדיק, אוועק. ווייט, אין דער טיפעניש פון גאס לויפט דורך מיט א רויש א טראמוויי.

דער שאטן (קעגנאיבער גארטמאנ'ען פאנגט זיך אן רירן, צעלאכט זיך מיט אן אלטער, כארכלדיקער שטימע.)

גארטמאן (צום יונגלינג): צו וואס מיך נאך קוועלן? איך גלויב דיר שוין. איך קען שוין ניט מער.

דער יונגלינג (ענטפערט ניט).

דער שאטן (קומט צו נענטער, זיך האלטנדיק די גאנצע צייט אין שאטן פון גארטמאנ'ס פיגור. צעלאכט זיך ווידער.)

גארטמאן (קוקט זיך איין אין אים): פון וואס לאכסטו אזוי, אלטער?

דער שאטן: פון דער וועלט לאך איך. פון דער גאנ־צער וועלט!

גארטמאן (ביטער): אפשר, אויך אמאל א גליקלאכער מענטש געווען?

דער שאטן: יא, א דומער קערל געווען, גלייך מיט אלע אנדערע.

גארטמאן: ווער ביסטו, אלטער?

דער שאטן (שאקלט טרויעריק מיט'ן קאפ): דו דער־קענסט מיך ניט, גארטמאן?

גארטמאן: דו ווייסט מיין נאמען?

דער שאטן (לאכט): יא, יא. איך ווייס דיין נאמען. אזוי פיל יארן מיט דיר צוזאמען פארבראכט. אזוי פיל יארן.

גארטמאן (קוקט זיך איין אין אלטן): צוזאמען, זאגסטו? ביזטו זיכער?

דער שאטן: יא, צוזאמען... זיך אפילו ניט שיידנדיק קיין איין רגע.

גארטמאן (מאכט א שפאן פראאויס): איך פארשטיי דיך ניט!

דער שאטן: כא־כא־כא... אז מען איז יונג, פארשטייט מען אזוי פיל גאנץ איינפאכע זאכן ניט.

גארטמאן: ווי שרעקלאך דו זעסט אוים! ווי...

דער שאטן: כא־כא־כא! מעגסט ענדיקן, דארפסט מיך ניט שאנעווען. ווי שרעקלאך און ווי אפשיילאך! כא־כא־כא... איך ווייס עס אליין זייער גוט. ארימקייט, ברודערל מיינס,

פאַרדרוס, בראָנפּן און האַס צו דער וועלט טוען אָן אַ שרעקלאַכע מאַסקע אַפ'ן מענטשנס געזיכט. כאַ־כאַ־כאַ. און דאָך בין איך אַמאָל געווען אַ באַרימטער דראַמאַטורג, און מיין געליבטע איז אָן שום צווייפל די שענסטע פרוי אין שטאָט געווען. כאַ־כאַ־כאַ. די שענסטע און די גרעסטע און שמוציקסטע בהמה איז זי געווען!

ג אַ ר ט מ אַ ן (טרעט צו גאָר נאָנט צום אַלטן, קוקט זיך איין אין זיין פּנים).

ד ע ר ש אָ ט ן: דו דערקענסט מיך נאָך אַלץ ניט?

ג אַ ר ט מ אַ ן (ענטפערט ניט, קוקט זיך איין אין שאָטן).

ד ע ר ש אָ ט ן: ס'איז ווייל מיר געדענקען די פאַרגאַנגענהייט, קענען אָבער ניט פאָראויסזען די צוקונפט.

(אַ פּאַוזע.ביידע קוקן זיך אָן).

ג אַ ר ט מ אַ ן: זאָג מיר ענדלאַך ווער ביסטו?

ד ע ר ש אָ ט ן (שאַרף): איך בין דו... דער שפּעטערדיגער גאַרטמאַן!

ג אַ ר ט מ אַ ן (גיט אַ קרעכץ, טרעט צוריק, כאַפּט זיך אָן פאַר'ן לאַמטערן.)

ד ע ר ש אָ ט ן (טרעט צו גאָר נאָענט צו אים, רעדט ביטער און שפּאָטיש און עפּעס זידט און קלאַקאָטשעט אין זיין ברוסט): כאָ־כאַ־אַ מענטש האָט זיך אַליין ניט דערקענט! כאַ־כאַ־כאַ!

ג אַ ר ט מ אַ ן (לאָזט זיך מאַכטלאָז אַראָפּ אַף דער ערד, נו: אַרויסלאָזנדיק דעם סלופּ פון לאַמטערן פון זיינע הענט.)

ד ע ר ש אָ ט ן (שפּאַנט אַף צוריק): אַזוי איז שוין דאָס לעבן פון תמיד און אַף שטענדיק. כאָ־כאַ־כאָ... (ווערט פאַרשוואונדן אַפ'ן זעלבן פלאַץ ווי ער איז דערשינען.)

ד ע ר י ו נ ג ל י נ ג (קוקט אַ ווײַלע אַף גאַרטמאַנ'ען.)

ג אַ ר ט מ אַ ן (הויבט אויף דעם קאָפּ צום יונגלינג, פון זיין האַרץ רייסט זיך ארויס אַ טיפער קרעכץ): אהיים! איך קען שוין ניט מער! פיר מיך גלייך אהיים!

ד ע ר י ו נ ג ל י נ ג (בויגט לייכט אָן דעם קאָפּ, לייגט אַרויף זיין האַנט אַף גאַרטמאַנ׳ס אַקסל.)

(ס׳ווערט פינסטער. אַ פּאוזע. עס אַנטפּלעקט זיך גאַרטמאַנ׳ס צימער. אַלעס ווי פריער. גאַרטמאַן שטייט אין מיט׳ן צימער, האַלט ביידע הענט צוגעדריקט צו די אויגן. דער יונגלינג שטייט קעגן אים.)

(אַ פּאוזע.)

ד ע ר י ו נ ג ל י נ ג: פאַרשטייסטו שוין איצט ווי שטאַרק די געטער ליבן דיך? פון וויפיל טויטן דיין יונגער טויט וועט דיך באַפרייען? שטאַרבן אין צייט האָט ניט יעדער איינער דעם זכות. איצט, גאַרטמאַן, גיב איך איבער דיין לעבן אין דיינע אייגענע הענט. מיין וואָרט איז הייליק. אויב דו ווילסט — קענסטו ווייטער לעבן און וואַרטן אַף די קומענדיקע געשעענישן, אַף די קומענדיקע טויטן. אויב אָבער ניט... (ער טרעט אָפּ צוריק, קוקט אַף גאַרטמאַנ׳ען אַ ווײַלע און ווערט פאַרשוואונדן אין רעכטן ווינקל, פון וואַנען ער איז דערשינען. דער נעפּל אַרום בלײַבט נאָך הייגען אין דער לופטן.)

(אַ פּאוזע.)

ג א ר ט מ א ן (נעמט אַוועק די הענט פונ׳ם געזיכט, גייט שווער און לאַנגזאַם צו צום שרייב־טיש, עפנט אַ קעסטל, נעמט אַרויס אַ רעוואָלווער, לייגט אים צו צו דער ברוסט, שטייט אַזוי אַביסל. ציטערט באַלד אויף, כאַפּט דעם רעוואָלווער אַוועק פון זיך, שטייט האַלטנדיק אים אין דער אויסגעשטרעקטער האַנט און זיך אַרומקוקנדיק מיט בלאָנדזשענדיקע אויגן. אין דער טיפעניש פון צימער ווערט האַלב־טונקל. אַ פּאוזע. אין דער נעבלדיקער טונקלקייט גייען פאַרביי גאַרט־מאַנ׳ס פריינט. דער ערשטער קומט לימער, אין שלאָף־ראָק, מיט׳ן סיקאַר אין מויל. ער בלײַבט שטיין, קוקט אַף גאַרטמאַנ׳ען מיט אַ שפּאָטישן בליק, לאַכט סאַרקאַסטיש, פאַרשווינדט. נאָך אים דערשיינט בוירק. קוקט אַף גאַרטמאַנ׳ען מיט אַ בייזן, ביט־פאַרגינענדיקן בליק. פאַרשווינדט. נאָך אים גייט טרויעריק, מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, פאַרביי סאָפי. דער־נאָך שוועבן דורך, פעסט צוגעדריקט איינער צום צווייטן, סווינגער מיט

פלאָרענס׳ן. ביידע קוקן אַף אים מיט שפּאַט, לאַכן. דער לעצטער קומט גאַרטמאַנ׳ס שאָטן. ער לאַכט ניט, זיין בליק איז טרויעריק, שאָקלט אומ־צופרידן מיט׳ן קאָפּ. צענעמט די הענט, פּונקט ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגן: „פאַרפאַלן, אַלץ פאַרפאַלן.״ די שאָטנס פאַרשווינדן. גאַרטמאַן גלייכט זיך אויס און דריקט צו דעם רעוואָלווער צום האַרצן. אַ קליינע פּאַוזע. פון זיין ברוסט רייסט זיך פלוצלינג אַרויס אַ פאַרצווייפלטער יאָמער־קרעכץ און באַלד נאָך דעם שיסט ער אויס. פאַלט און שטאַרבט. אַ פּאַוזע.)

(דער פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם.)

צווי פּאָטערס

(אַ דראַמע)

פערזאָנען:

הענרי מילער, 54 יאָר.

אַדאָלף, 20 יאָר } זיינע זין.
איזידאָר, 21 יאָר

דר. לענסער, 50 יאָר.

אַ רייכער פרויען־שלאָפצימער. אין דער מיטלסטער וואַנט צוויי פענסטער. די טיר רעכטס. לינקס אַ בעט. אין ווינקל אַ קאָמאָד מיט קליינינקייטן פון פרויען־טואַלעט. נעבן בעט אַ קליין טישל און צוויי שטולן בײַ די זייטן. אַפּ'ן טישל און קאָמאָד — בלומען. אַף די ווענט צוויי גראַוויורן און אַ גרויסע בילד פון אַ יונגער, שיינער פרוי, באַפּוצט מיט טרויער־קרעפּ. אַף איין שטול ליגט אַ קלייד. פון אונטער'ן בעט קוקן אַרויס פרויען־שיך.

די בינע איז ליידיק. אַ קליינע פּויזע. עס הערט זיך ווי מען שליסט אויף די טיר. זי עפנט זיך לאַנגזאַם. מר. מיללער ערשיינט מיט ביידע זין. אַדאָלף האַלט אַרומגענומען דעם פאָטער, איזידאָר גייט נאָך פון הינטן.

מ ר. מ י ל ע ר (בלייבט שטיין בײַ דער טיר, קוקט זיך אַרום טרויעריק, שאָקלענדיק מיט'ן קאָפּ) : ס'איז דאָ איצט פּוסט, קינ־דער מיינע. ניטאָ מער אייער האַרציקע מוטער און וועט שוין קיינמאָל מער ניט זיין. (ווישט די טרערן.)

א י ז י ד אָ ר (קערט אָפּ דעם קאָפּ, ווישט אוים די טרערן).

אַ ד אָ ל ף (זיפצט) : נו גענוג, פּאַפּאַ. גענוג, כ'בעט דיך. אונזערע הערצער ווערן אין שטיקער צוריסן, אָבער אונזער מוטער וועט עס צוריק לעבעדיק ניט מאַכן. קום פון דאַנען : דאָס פּלאַץ רעגט דיך אויף. דו ביזט נאָך צו שוואַך.

א י ז י ד אָ ר : די מוטער האָט אונז עטלאַכע מאָל אָנגע־זאָגט אַף דיר אַכטונג צו געבן. זי האָט געבעטן, מיר זאָלן דיך איינגאַנצן צו איר אין צימער ניט אַריינלאָזן און נאָך איר טויט זען וואָס גיכער אַף אונזער פאַרם אַוועקפאָרן.

מ ר. מ י ל ע ר (זיפצט) : יאָ... ביז דער לעצטער מינוט איז זי פאַרבליבן די זעלבע גוטע, איבערגעגעבענע נשמה, וואָס זאָרגט און קימערט זיך בלויז פאַר אַנדערע.

אדאלף: מיר דארפן שטאַלץ זיין מיט אונזער מוטער!

איזידאָר: און איר וואונש מוז בא אונז הייליק זיין. (לעגט ארויף די האַנט אַפ׳ן פאַטער׳ס אַקסל.) קום, פּאַפּאַ, פון דאַנען.

אדאָלף: יעדע קלייניקייט דאַ אין צימער דערמאַנט אַן עפּעס און טוט וויי. (נעמט פונ׳ם קאָמאָד די צוויי קליינע בילדלאך.) אָט בין איך מיט אדאָלפ׳ן נאָך אַלס קינדער אין קורצע הייזלאך. די מוטער האָט זייער ליב געהאַט די בילדער.

איזידאָר: גענוג, אדאָלף! פּאַפּאַ, אַלץ איז שוין פאַר־טיק און מאָרגן פרי פאָרן מיר אַף אונזער פאַרם.

אדאָלף: יאָ, מאָרגן פרי. כ׳בין זיכער, די פרישע לופט, די פרייע פעלדער און וועלדער וועלן אונז אַלעמען בארוהיקן, אין אָרדנונג ברענגען אונזערע צורודערטע נערוון.

מר. מילער: גוט, קינדער, מאָרגן פאָרן מיר. אָבער איצט לאָזט מיך אביסל אַליין. זייענדיק דאָ אין צימער פיל איך דייטלאך, אַז אייער מוטער לעבט. זי שטייט אין יעדן ווינקל, אָטעמט פון יעדער קלייניקייט, און די לופט איז פול מיט איר שטימע, מיט אירע שמייכלען און באוועגונגען. ווען מיר וועלן צוריקקומען וועט שוין אַלץ זיין אויסגערייניקט און איר גייסט וועט זיך שוין דאָ מער ניט פילן. לאָזט מיך אביסל אַליין.

אדאָלף (קוקט זיך איבער מיט׳ן ברודער): גוט, פּאַפּאַ. מיר וועלן דיך לאָזן דאָ אַליין, אָבער אַף א האַלבע שעה, ניט מער. דאָקטאָר לענסער האָט אונז אָנגעזאָגט דיך וואָס ווייניקער אַליין צו לאָזן אין . . .

איזידאָר (ענדיקט): און דיך וואָס ווייטער פון דער מוטער׳ס צימער צו האַלטן. און ס׳איז זעלבסטפאַרשטענדלאך. מיך כאַפּט אָן א געוויין, ווען כ׳גיי בלויז פאַרביי דעם צימער.

אדאָלף (צום ברודער): קום! (צום פאָטער.) מיר וועלן באַלד זיין צוריק. (גייען ארויס).

מר. מיללער (שטייט א ווײַלע באַוועגלאָז, הערט זיך צו. קוקט זיך אַרום, גייט לאַנגזאַם צום בילד אַפ׳ן וואַנט, ציט אַראָפּ דעם טרויער־טוך, קוקט זיך איין, שטרעקט אויס צו דעם די הענט מיט א

קרעכץ: „סאָפּי, טייערע!” פאַרדעקט דאָס פּנים מיט די הענט. אַ קליינע פּויזע. לאָזט זיך גיין צום בעט, באַמערקט אַפ׳ן שטול דער פרוי׳ס קלייד. נעמט עס, באַטראַכט עס, דריקט עס צו צו די ליפּן, לעגט עס אַוועק. גייט איבער דאָס צימער, בלייבט שטיין באַם קאָמאָד. נעמט פאַרשידענע קלייניקייטן, באַטראַכט זיי זאָרגפעלטיק, בלאָזט אָפּ פון זיי דעם שטויב. קוקט זיך איין אין די צוויי קליינע בילדלאַך און רעמלאַך. שטייט אַ ווײַלע פאַרטראַכט. רוקט נאָכהער צו אַ שטול, זעצט זיך, הויבט אָן אַרויסרוקן די שופלאָדן פון׳ם קאָמאָד און דורכקוקן די זאַכן. נעמט איין מאָל אַרויס אַ פּאַק ווייסע וועש און פאַרגראָבט אין דעם דאָס פּנים. פון׳ם לעצטן שופלאָד נעמט ער אַרויס אַ קליין קעסטעלע. באַקוקט עס נייגעריק, עפנט עס, נעמט אַרויס דריי בריוו, קוקט דורך דעם ערשטן און שפּרינגט אויף אַ דערשראָקענער. קוקט זיך פאַרלאָרן אַרום. לעזט דורך די איבעריקע צוויי בריוו און כאַפּט זיך אָן פאַר׳ן קאָפּ. לויפט האַסטיק צו צום בילד, וואַרפנדיק מיט די הענט, און שרייט מיט צאָרן: „סאָפּי! סאָפּי!” דריקט צוזאַמען די בריוו מיט די הענט, כאַפּט פון׳ם שטול דער פרוי׳ס קלייד און שליידערט עס אַוועק. פאַנגט אָן האַסטיק צו קלינגען. די זין לויפן אַריין דערשראָקענע.)

אַדאָלף (כאַפּט אָן דעם פאָטער פאַר׳ן האַנט): פּאַפּאַ, וואָס איז געשען?

איזידאָר: וואָס איז מיט דיר, פּאַפּאַ?

מר. מיללער (לעגט שנעל אַריין די בריוו אין קעשענע, כאַפּט אָן דעם עלטערן זון פאַר׳ן אַקסל, נאָכהער דעם אינגערן, קוקט זיך איין מיט ברייט־אָפענע אויגן אין זייערע פּנימ׳ער.

אַדאָלף: פּאַפּאַ, קום צו זיך!

איזידאָר (לעגט אַרויף זיין האַנט אַפ׳ן פאָטער׳ס קאָפּ): פּאַפּאַ, אום גאָטעס ווילן!

מר. מילער (וואַרפט אַראָפּ איזידאָר׳ס האַנט פון׳ם קאָפּ, קוקט זיך איין אין די קינדער׳ס פּנימ׳ער): וועלכער? וועלכער? מיין גאָט, וועלכער?

אַדאָלף: דו דערקענסט אונז ניט?

איזידאָר: גאָט, ער האָט זיין פאַרשטאַנד פאַרלוירן!

מר. מילער (ברעכט די הענט): האַ, שרעקלאַך, שרעק־לאַך! (קוקט זיך ווידער איין אין די קינדער.) וועלכער? וועלכער?

אדאָלף (צום ברודער): רוף אָפּ דאָקטאָר לענסער! שנעל!

איזידאָר (לויפט ארויס און לאָזט הינטער זיך די טיר אָפן).

אדאָלף (רוקט צו אַ שטול): זעץ זיך, פּאַפּאַ. ציטער ניט אַזוי. דער דאָקטאָר וועט באַלד זיין דאָ. (וויל אים אונטער־האַלטן).

מר. מיללער (לאָזט זיך ניט אָנרירן): גיי אַוועק פון מיר! (שליידערט אַוועק דעם שטול, זעצט זיך אין בעט און פאַרדעקט דאָס פּנים מיט די הענט).

איזידאָר (רעדט הינטער דער בינע אַפּ'ן טעלעפאָן): יאָ, דאָקטאָר! קומט די מינוט. יאָ. מיט'ן פּאַפּאַ. כ'ווייס גאָרניט. קומט וואָס גיכער! (קומט שנעל אריין אין צימער. די ברידער קוקן זיך דערשראָקן איבער און אַדאָלף צונעמט אומפארשטענדלאך מיט די הענט. אַ קליינע פּויזע).

איזידאָר (שטיל): פּאַפּאַ...

מר. מילער (נעמט אַוועק די הענט פונ'ם פּנים און הויבט זיך ווידער אָן איינקוקן אין די קינדער'ס געזיכטער).

אדאָלף: וואָס קוקסטו אַזוי, פּאַפּאַ? זאָג, וואָס איז געשען?

איזידאָר: האָסט זיך פאַר עפּעס דערשראָקן?

מר. מיללער (לאַכט שטיל און ביטער. אַדאָלף גייט לאַנגזאַם איבער'ן צימער. איזידאָר שפּאַרט זיך אָן אין זייטל פונ'ם בעט. אַ קליינע פּויזע. אַדאָלף באַמערקט אַפּ'ן דיל דאָס קליינע קעסטעלע. ער ווייזט אויף דעם אָן דעם ברודער. ביידע גייען צו, עפענען עס, קוקן זיך איבער. שטעלן עס צוריק אַוועק. עס הערט זיך דאָס צופאָרן פון אַן אויטאָמאָביל. אַדאָלף גייט שנעל אַרויס, קומט גלייך אַריין מיט דאָקטאָר לענסער.)

דר. לענסער (קוקט זיך שנעל ארום): וואָס איז געשען? (קוקט זיך אָנגעשטרענגט איין אין אַדאָלפ'ן).

אדאָלף (צונעמט די הענט): איך ווייס ניט. דער פּאַפּאַ

האָט היינט אַ גאַנצן טאָג זייער שלעכט געפּילט. מיט אַ האַלבע שעה פריער זיינען מיר אריינגעגאַנגען אהער אין צימער און ער האָט אונז געבעטן אים דאָ לאָזן אביסל אליין. מיר זיינען ארויס און באַלד דערהערט זיין האַסטיקן קלינגען. מיר זיינען אריינ־געלאָפן און אים געטראָפן אַ שרעקלאַך אויפגערעגטן. ער רעדט אזעלכע אומפארשטענדלאַכע רייד, פּונקט ווי...

איזידאָר: ער האָט אונז אָנגעכאַפּט ביידן פאַר די פּלייצעס, זיך גענומען איינקוקן אין אונזערע פּנים'ער און היס־טעריש פרעגן: „וועלכער, גאָט מיינער, וועלכער?" מיר פאַר־שטייען ניט פון וואָס ער רעדט.

אַדאָלף (ווייזט אויף דעם קעסטל אַפּ'ן פלאָר): די מאַמע פלעגט אין דעם קעסטעלע האַלטן אירע בריוו. אפשר האָבן אייניקע פון זיי אזוי געווירקט אַפּ'ן פּאַפּאַ?

דר. לענסער (וואַרפט אַ בליק אַפּ'ן קעסטעלע): גוט, לאָזט אונז אביסל אליין און איך וועל שוין זען, וואָס איז מיט אים.

אַדאָלף: טאָמער איז וועניק צרות געווען... (זיפצט.)

איזידאָר: מיר וועלן וואַרטן אין עס־צימער. (ביידע אָפּ.)

דר. לענסער (גייט צו, הויבט אויף דאָס קעסטעלע. עפנט עס שנעל, קוקט אַריין און פירט גלייך איבער דעם בליק אָף מיללער'ן. זיפצט שווער אָפּ. שטעלט אַוועק דאָס קעסטעלע אויפ'ן קאָמאָד, רוקט צו אַ שטול צום בעט, זעצט זיך. זאָגט שטיל, נאָר פעסט): הערריו!

מר. מיללער (גיט זיך אַ לייכטן באַוועג, אָבער הויבט ניט אויף דעם קאָפּ.)

דר. לענסער: הערריו, זעץ זיך אַוועק און דערציייל מיר רואיק, וואָס האָסטו צווישן דיין געשטאָרבענער פרוי'ס בריוו געפונען?

מר. מילער (זעצט זיך האַסטיק אויף, נעמט ארויס פון קעשענע און דערלאַנגט אים די בריוו): נאַ, לעז!

דר. לענסער (גלייכט אויס די בריוו, ציטערט אויף, קוקט

זיי לייכט דורך, דריקט צוזאַמען די שליפן מיט איין האַנט) : האָבן די קינדער באַמערקט די בריוו?

מר. מילער: ניין.

ד״ר. לענסער (זיפצט אָפּ פריי. טראַכט אַ ווײַלע. רוקט עטוואָס צו דעם שטול.) איצט, הערי, הער מיך אויס.

מר. מילער: פריינט, דו האָסט מיר גאָרניט וואָס צו דערציילן. מיט קיינע ווערטער קענסטו מיך ניט בארואיקן. כ׳בעט דיך בלויז איין זאַך: העלף מיר אויסגעפינען וועלכער, וועלכער פון מיינע צוויי זין איז מיין אייגענער און וועלכער איז אירער, אַ פרעמדער?

ד״ר. לענסער: כ׳פארשטיי זייער גוט, הערי, דיין שמערץ, און דאָך מוזטו מיר רואיק אויסהערן.

מר. מילער (ברעכט די הענט): אַזוי פיל יאָרן שווער געהאָרעוועט, העלפט פון מיין לעבן אַ פרעמדנ׳ס קינד אויפגעגעבן!

ד״ר. לענסער: ס׳איז זייער טרויעריק, אָבער, גלויב מיר, ניט אַזוי שרעקלאַך ווי עס דאַכט זיך דיר פון דער ערשטער מינוט אויס.

מר. מילער: שוידערלאַך! מיט אַן אומטרייער פרוי אַזוי פיל יאָרן געלעבט, זי פאַר אַ הייליקע געהאַלטן.

ד״ר. לענסער (קערט זיך אומצופרידן אָפּ צוזאַמען מיט׳ן שטול): גוט! אָט אַזוי וועל איך זיצן און געדולדיק וואַרטן ביז דער שטראָם פון דיינע באַליידיקטע מענערשע געפילן וועט זיך אויסשעפּן, און עס וועט זיין מעגלאַך מיט דיר, ווי מיט אַ מאַן, זיך דורכצורעדן.

מר. מילער (קוקט אַ ווײַלע אויף לענסער׳ן): דו קענסט עס ניט באַגרייפן.

ד״ר. לענסער (לאַכט ביטער): האַ, כ׳קען עס שוין צו גוט באַגרייפן!

(אַ פּאַוזע).

מר. מילער: וואָס האָסטו מיר געוואָלט זאָגן?

ד״ר. לענסער (דרייט זיך אום צוזאַמען מיט׳ן שטול):

לאָגיק און געפילן זיינען צוויי גאַנץ באַזונדערע זאַכן. באַ אַ פּאָל־קאָמענעם מאָן מוז די לאָגיק שטענדיק רעגירן איבער די געפילן. דאָס, הערדי, זיינען דיינע אייגענע ווערטער און אין נאָמען פון זיי וויל איך דיר איצט שטעלן עטלאַכע פראַגעס און דיינע ענטפערס מוזן זיין קורץ און דייטלאַך: יאָ, אָדער ניין. קיינע געפילן־געפילדערס וויל איך איצט פון דיר ניט הערן.

מ ר. מ י ל ע ר (זיפצט).

ד ר. ל ע נ ס ע ר: איך וועל אָנפאַנגען פון אָנהויב. איך וועל זיך באַנוצן בלויז מיט דעם, וואָס דו האָסט מיר אַליין וועגן זיך דערציילט: צו דיין חתונה ביסטו אַלט געווען 32 יאָר און סאָפי 19. ביזט עלטער געווען פון איר מיט 13 יאָר. איז עס אמת?

מ ר. מ י ל ע ר: יאָ.

ד ר. ל ע נ ס ע ר: דו האָסט זיך פאַרליבט אין סאָפי'ן, און מיט דער מאַכט פון דיין גאָלד געצוואונגען אירע אָרימע עלטערן זי דיר פאַר אַ ווייב צו פאַרקויפן. (אַ קליינע פּאַוזע.) זעקס חדשים נאָך דיין חתונה, זיך אָנזעטנדיק מיט איר, האָסטו זיך אומגעקערט צו דיינע פריערדיקע חברים און ווידער גענומען פאַרברענגען די צייט אין הוליאַנקעס מיט בראָדווייער טענצערינס. אָן דיין פרוי האָסטו אינגאַנצן פאַרגעסן.

מ ר. מ י ל ע ר: גוט, גוט! וואָס ווילסטו ענדלאַך זאָגן?

ד ר. ל ע נ ס ע ר: סאָפי איז פון מיידלווייז געווען פאַרליבט אין אַן אָרימען דאָקטאָר, איינעם מיט'ן נאָמען לענסמאַן. דו האָסט עס אַלץ געוואוסט, און זיך ווייניק קימערנדיק פאַר'ן ווייב, זיך ניט אינטערעסירט מיט דעם. אַזוי זיינען אַריבער דריי יאָר, ביז ס'האָט זיך איינמאָל געמאַכט, אַז דיין אויטאָמאָביל האָט זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט אַ צווייטן און מען האָט דיך אַהיים געבראַכט אַ האַלב־טויטן. און דאַן האָט דיין פאַרלאָזענע פרוי, געגן אַלעמענ'ס ערוואַרטונג, אָנגעווענדט אַלע מיטלען דיין לעבן צו רעטן. דאָס האָט געהאַט אַף דיר אַ טיפע ווירקונג און פון דאַן אָן ביזטו געוואָרן דער איבערגעבענסטער מאַן.

מר. מילער: צו וואָס דערציילסטו עס מיר? וואָס ווילסטו?

דר. לענסער: לאָגיק, מיין פריינט, בלויז לאָגיק! זאָג אליין, איז דען ניט גאַנץ נאַטירלאַך, אַז סאָפי, אַ פאַרלאָזענע, אַ באליידיקטע, ליב האָבנדיק די גאַנצע צייט אַ צווייטן, האָט זיך דאָן גענומען טרעפן מיט איר פריערדיקן געליבטן?

מר. מילער: יאָ. איך אנערקען אַז איך בין דער איינ־ציקער שולדיקער אין דעם וואָס עס איז געשען. כ'האָב צו איר גאָרניט, זי איז טויט און אַלץ איז פאַרפאַלן. כ'מוז דאָך אָבער וויסן ווען ס'איז געשען. אַנדערש וויים איך דאָך ניט, וועלכער פון די צוויי זין איז מיין אייגענער. און אַף די בריוו איז קיין דאַטע ניטאָ! (אַ קליינע פּאַוזע).

דר. לענסער (קוקט אין אַ זייט, ברעכט אומבאַמערקט די פינגער): כ'בין זיכער, אַז ביידע זין זיינע דיינע! (הויבט זיך אויף, גייט לאַנגזאַם צו צום קאַמאַד, קוקט זיך איין אין די צוויי קליינע בילדער).

מר. מילער: ווי קענסטו עס וויסן? כ'האָב דיך נאָך דאַמאָלסט אַפילו ניט געקענט.

דר. לענסער (זיך ניט אומקערנדיק): דאָס ווייזט נאָך גאָרניט. דו מיך ניט, אָבער איך האָב דיך אפשר יאָ געקענט.

מר. מילער: וואָס ווילסטו זאָגן? (אַ קליינע פּאַוזע).

דר. לענסער (דרייט אויס דעם קאָפּ): האָסטו ווען גע־זען יענעם, וועמען דיין פרוי האָט ליב געהאַט?

מר. מילער: ניין, נאָך וואָס פרעגסטו עס?

דר. לענסער: געדענקסטו זיין נאָמען?

מר. מילער: האָסט אים נאָר וואָס אָנגערופן לענס־מאַן. (אַ קליינע פּאַוזע).

דר. לענסער (גיט אַ שטילן הוסט): דענקסטו אַז ס'איז פאַראַן אַ גרויסער חילוק צווישן מיין נאָמען און יענעמס? צווישן לענסמאַן און לענסער?

מר. מ י ל ל ע ר (ציטערט אויף, קוקט זיך איין אין זיין פּרוינט, הויבט זיך אויף, גייט האַסטיק צו צו אים): דו?!

ד ר. ל ע נ ס ע ר (קערט זיך שנעל אום): יאָ!

מר. מ י ל ע ר (קוקט זיך אָנגעשטרענגט איין אין לענסער'ס פּנים): דיינע דריי בריוו?

ד ר. ל ע נ ס ע ר (שאָקלט מיט'ן קאָפּ אַף יאָ. קוקט אים גלייך אין פּנים).

מ ר. מ י ל ל ע ר: צו מיר אין הויז האָסטו זיך אריינ־גע'גנב'עט? מיך די גאַנצע צייט גענאַרט?

ד ר. ל ע נ ס ע ר (פעסט): ס'איז ניט אמת! אלס פריינט האָב איך קיין איין מאָל ניט מיסברויכט מיט דיין צוטרויען. דו הערסט? קיין איין מאָל ניט! נאָענט זיינען מיר געווען, ווען דו האָסט אין די בראָדווייער קאַבאַרעטן דיינע נעכט מיט די טענ־צערינס פאַרבראַכט. אָבער פון יענעם טאָג אָן, ווען מען האָט דיך א האַלב־טויטן אהיים געבראַכט און זי האָט גענומען גיין אַרום דיר, האָבן זיך אונזערע אינטימע באַציאונגען אָפּגעבראָכן אַף שטענדיק. און ליב האָבנדיק זי מער ווי מיין לעבן, בין איך איינגעגאַנגען אַף דעם. דו האָסט געהאַט אין איר די פיינסטע און איבערגעבנסטע פרוי. צוערשט האָב איך דיך גע־האַסט, אָבער זעענדיק ווי דו ביסט גוט צו איר, ווי שטאַרק דו ווילסט דיינע אמאָליקע זינד אויסקויפן, האָב איך דיר אויך מוחל געווען, און געפינענדיק אין דיר אַן איידעלע נאַטור — איך בּיסלאַכווייז דיין פריינד געוואָרן. און איך קען דיר איצט, נאָך אכצן יאָר פריינטשאַפט, מיט א ריינעם געוויסן גלייך אין די אויגן קוקן!

מ ר. מ י ל ל ע ר (קוקט אַף אים אָנגעשטרענגט. א קליינע פּאַוזע. זאָגט שטיל): כ'גלויב דיר, לענסער. איך בין איבער־צייגט, אז דיין וואָרט איז הייליק. (גיט א שפּאַן צו אים, כאַפּט אים אָן פאַר'ן אַקסל) לענסער, אָבער אין גאָטעס ווילן, וועלכער? וועלכער איז מיינער?

ד ר. ל ע נ ס ע ר (קוקט אים אַ ווײַלע אין פּנים, זאָגט לאַנג־זאַם און פעסט): ביידע, הערדי... ביידע זיינען דיינע!

מ ר. מ י ל ל ע ר: ביידע? נו, און וואו איז דאָס קינד מיט וועלכן זי האָט געשוואַנגערט?... פון וועלכן דו שרייבסט אין איינעם פון די בריף?

ד ר. ל ע נ ס ע ר: זי האָט עס ניט אויסגעטראָגן. געדענקסטו ווי קראַנק זי איז געווען באַלד נאָכדעם, ווי דו דאָסט גענומען צו זיך קומען נאָכ'ן אומגליק מיט'ן אויטאָמאָביל?

מ ר. מ י ל ל ע ר (טראַכט אַ ווײַלע): יאָ, כ'געדענק...

ד ר. ל ע נ ס ע ר: דריי וואָכן איז זי דאָן צו בעט געלעגן. איך האָב איר אַ געלונגענע אָפּעראַציע געמאַכט אזן זי איז געזונט געוואָרן. דו ביסט געלעגן אַ קראַנקער אין אַ צווייטן צימער.

מ ר. מ י ל ל ע ר: יאָ, כ'געדענק עס.

ד ר. ל ע נ ס ע ר (פעסט): ביידע זין, הערדי, ביידע זיינען זיי דיינע!

מ ר. מ י ל ל ע ר (קוקט אָף אים אַ ווײַלע, הויבט אויף די האַנט צום הימל): שווער מיר בא גאָט און מאָפּי'ן! (קוקט אים אין פּנים).

ד ר. ל ע נ ס ע ר (הויבט אויף די האַנט, וועלכע ציטערט לייכט): איך שווער!

מ ר. מ י ל ל ע ר (גיט אַ שטילן דערלייכטערונגס־קרעכץ): כ'דאַנק דיר! (דורך טרערן) מיינע זין, מיינע קינדער! (גייט ארוים מיט אויסגעשטרעקטע הענט).

ד ר. ל ע נ ס ע ר קוקט אים נאָך, שטייט אַ ווײַלע באַוועגלאָז, די אויפגעהויבענע האַנט פאַלט מאַכטלאָז ארונטער. ער גייט צו צום קאָמאָד, נעמט איינע פון די צוויי בילדער, קוקט זיך ווייטאָקדיק איין אין איר, דריקט זי צו צו דער ברוסט און לאָזט טיף אַראָפּ דעם קאָפּ. אַ פּאַוזע).

(פאָרהאַנג)

דאָס פייער פון אונזערע היימען

פּערזאָנען:

אַ מאַן.
ערשטע פרוי.
צווייטע פרוי.
ערשטער שאָטן.
צווייטער שאָטן.
דריטער שאָטן.
פערטער שאָטן.
נאָך פיר שאָטנס.

(די פּנימ׳ער פון אַלע שאָטנס זיינען ווייס, די פאַרב פון זייערע לייבער טונקל־גרוי, די באַוועגונגען — שטיל און פלינק. זיי רוען קיין רגע ניט. טראָגן זיך איבער׳ן צימער, קלייבן זיך צונויף אין די ווינקלען, קייקלען זיך איבער׳ן דיל און שפרינגען איינער איבער׳ן צווייטן.)

אַ יעגער־הייזקע אין די בערג. אַ גרויסער, פיר־עקיקער צימער. די ווענט פון ניט־געהובלטע בוימער־שטאַמען. אין דער מיטלסטער וואַנט אַ ברייטער קאַמין, פון ביידע זייטן פענסטער. אין לינקן ווינקל אַ שראַנק מיט ביכער, אין רעכטן אַ גרויסער זייגער, פונ׳ם דיל. רעכטס די אַריינגאַנג־טיר, ניט ווייט אַ ווייכע סאָפע. לינקס אַ טיר אין אַ צווייטן צימער, נעבן איר אַ וויקטראָלאַ. פון ביידע זייטן — צוויי ווייכע פאָטעלן. דער דיל באַדעקט מיט אַ טעפּיך. פאַר׳ן קאַמין אַ טיפער וויג־שטול, באַ דער זייט אַ טישל. אַף דער וואַנט איבער׳ן קאַמין זיינען אַף אַ טעפּיך אויסגעהאַנגען פאַרשידענע מינים געווער. אַף דער רעכטער וואַנט הענגען די בילדער פון קאַרל מאַרקס און שאָפּענהאַוער, אויף דער לינקער — פון היינריך היינע און לעוו טאָלסטאָי. אַפ׳ן טישל אַ לאָמפּ אונטער אַ בלאָען לאָמפּ־שירם. אַף די ביינקלאַך און אַף דער וויקטראָלאַ זיינען אָנגעוואָרפן צייטונגען. אַלץ אַרום איז אָפּגעלאָזן און פאַרשטויבט.

פאַרנאַכט. אין צימער איז בלויליך־טונקל. אַ פּאַוזע. פון אונטער׳ן וויג־שטול דערשיינט דער ערשטער שאָטן.

ערשטער שאָטן (קוקט פאָרזיכטיק ארויס אין שטול. זאָגט שפּאָטיש): ער איז נאָך אַלץ ניטאָ!

צווייטער שאָטן (דערשיינט פון אונטער דער וויקטראָלא): ער איז ווידער אוועק זוכן זיין באַשערטע: די פרוי, וועלכע זאָל קענען אָנצינדן דאָס הימלאַכע פייער אָט דאָ, אין קאַמין. (לאַכט לאַנג און שטיל).

פערטער שאָטן (שפּרינגט אַרײַן פון דער טיר לינקס): ער וועט זיך ווידער אָפּנאַרן און די אמת'ע באַשערטע ניט געפינען.

(ערשטער שאָטן שפּרינגט צו צום פערטן. ביידע שפּאַרן זיך אָן מיט די הענט אָן די קני, קוקן זיך איין אין די פּנים'ער, שאָקלען זיך).

ערשט. שאָטן: ס'איז ליגן! ניטאָ קיין אמת'ע אָדער פאַלשע באַשערטע. פאַראַנען בלויז געליבטע, וועלכע ליבן שטאַרקער פון אַלעמען זיך אַליין.

פערטער שאָטן: ניט אמת! עס זיינען פאַראַן פאַרבן און קלאַנגען, וואָס גיסן זיך אינגאַנצן צוזאַמען. עס זיינען פאַראַן פאַרבן וואָס פּאַסן זיך. אַנדערע אָבער שרייען מיט באַנומענע קולות, ווען מען לעגט זיי צוזאַמען. זיי קענען זיך ניט דולדן. זיי האַסן איינער דעם צווייטן.

ערשטער שאָטן: נו, איז וואָס?

פערטער שאָטן (לאַכט): גאָרניט! דעם מענטשנ'ס נשמה איז אַ קאָמבינאַציע פון קלאַנג און פאַרב. אונזער בעל־הבית ווייסט עס. זוכט ער יענע פרוי, וועמעס פאַרבן און קלאַנגען זאָלן זיך צוזאַמענגיסן מיט זיינע!

(ביידע שיסן אויס מיט אַ געלעכטער, שפּרינגען אָפּ איינער פונ'ם צווייטן.)

צווייטער שאָטן: ניט אַנדערש ער איז קראַנק. אויף דער וועלט זיינען דאָך אַזוי פיל פרויען פאַראַן.

דריטער שאָטן: ווי אַזוי וועט ער זי דערקענען?

צווייטער שאָטן: ער דאַרף זי דערפילן, ברייננגען אַהער, און אויב זי וועט זיין פייער אָנצינדן, איז דאָס זי.

(דורך די פענסטער שפּרינגען אַריין נאָך פיר שאָטנס און פלעכטן זיך איין אין די באַוועגונגען פון די ערשטע פיר.)

ערשטער שאָטן: מיט אַ צייט צוריק האָט ער אַ יונגע פרוי פון אַ ניט ווייטן דאָרף געבראַכט.

דריטער שאָטן: איך געדיינק זי. זי איז געווען זייער א שיינע.

פערטער שאָטן: שלאָג ניט איבער!

צווייטער שאָטן: נו און וואָס?

ערשטער שאָטן: גאָרניט. ער האָט זי זייער ליב געהאַט, זי אים נאָך מער. אָבער גליק אים געבן האָט זי ניט געקענט.

פערטער שאָטן: פאַרוואָס?

ערשטער שאָטן: ווער ווייסט? ער האָט זיך אָפּגע־נאַרט: ניט די ריכטיקע פרוי געבראַכט. אכט חדשים האָבן זיי זיך געמאַטערט. זי האָט אַלע טאָג געריבן מיט הייסע וואַסער דעם דיל, געוואַשן די ווענט, געיאָגט דעם שטויב, אים דריי מאָל אין טאָג געקאָכט די בעסטע מאכלים. זי האָט אָראָפּגע־נומען פון די ווענט אָט די אַלע בילדער און אויפגעהאַנגען אירע דאָרפיש־איינפאַכע, העל־פאַרביקע מענטשעלאַך. ער פלעגט איר אָפט לעזן ביכער, ריידן וועגן קונסט און וויסנשאַפט. זי פלעגט אים אָבער ווייניק וואָס פאַרשטיין און גיך מיד ווערן. דאָס פייער אין קאַמין האָט ניט געברענט און איך בין געשטאַנען אַלע אָוונט אין ווינקל און זיך געקייקלט פון געלעכטער. כאַ־כאַ־כאַ!

אַלע: כאַ־כאַ־כאַ!

צווייטער שאָטן: און דער פייער האָט ניט גע־ברענט.

דריטער שאָטן: זיך בלויז געדויכערט, בלויז גע־טשאַדעט!

פערטער שאָטן: און אין הויז איז קאַלט געווען.

ערשטער שאָטן (לאַכט): קאַלט און פינסטער. און זי האָט אָפט געוויינט. געוואָלט ער זאָל איר מעשות פון זיין ליבע דערציילן, און זי קושן.

אַלע: כאַ־כאַ־כאַ!

צווייטער שאַטן: נו און דערנאָך?

ערשטער שאַטן: ער האָט גענומען אַנטלויפן פון הויז. זי האָט גאַנצע נעכט געוויינט, און ווען ער פלעגט צוריק־קומען, איז גאָר קיין סוף ניט געווען צו זייער קריגן זיך.

דריטער שאַטן: דאָס געדיינק איך אויך.

פערטער שאַטן: שלאָג ניט איבער!

ערשטער שאַטן: ביז איינמאָל נאָך אַ גאַנצער נאַכט קריגערײ און טרערן, האָט זי צוזאַמענגעלייגט אירע זאַכן און איז גאַנץ פרי אַוועק צום באַן.

פערטער שאַטן (לאַכט צופרידן): זי איז אַוועק צום באַן!

צווייטער שאַטן: נו און ער?

ערשטער שאַטן: ער האָט אויפגעהערט שלאָפן און פלעגט גאַנצע נעכט איינער אַליין שפּאַנען איבער׳ן צימער. אָט איבער דעם צימער. ש־ש־ש! הערט זיך צו, אויב איר ווילט. עס קלינגען נאָך אין די ווינקלען זיינע טריט.

(אַלע הערן זיך אויף צו באַוועגן, הערן זיך איין. עס הערן זיך רעגלמעסיקע טריט. פּאַוזע. די שאָטנס נעמען זיך ווידער טראָגן איבער׳ן צימער.)

ערשטער שאַטן: אָט אַזוי האָט ער געשפּאַנט נאַכט איין, נאַכט אויס און גערעדט צו זיך און גערעדט צו גאָט, און איין מאָל אַפילו געוויינט.

די שאָטנס (צווישן זיך): געוויינט! ער האָט גע־וויינט!

ערשטער שאַטן: און איין מאָל גאַנץ פרי האָט ער צוזאַמענגעלייגט זיינע זאַכן און איז אַוועקגעפאָרן.

צווייטער שאַטן: ווידער זוכן?

ערשטער שאַטן: יאָ.

פערטער שאַטן: ווען אים געלינגט זי צו געפינען, וואָלט זי אונז אַלעמען פאַריאָגט פון דאַנען!

צווייטער שאָטן: העל־באַלויכטענע הייזער זיינען נים פאַר אונזערט וועגן!

דריטער שאָטן: איך האָס די זון!

פערטער שאָטן: דעמרונג און נאַכט, דאָס איז די בעסטע צייט!

אַלע: דעמרונג און נאַכט! דעמרונג און נאַכט!

(טראָגן זיך אין אַ ריטמישן טאַנץ איבער'ן צימער. דער זייגער קלינגט ניין. אַלע בלייבן שטיין, הערן זיך איין, צושאָקלענדיק זיך אין טאַקט.)

דריטער שאָטן: איך הער דאָס קלאַפּן פון רעדער!

(אַלע לויפן צו די פענסטער, הערן זיך איין.)

ערשטער שאָטן: אימיצער פאָרט! (שפּרינגט אַרויס דורכ'ן פענסטער, שרייט באַלד אַריין) דער באַלעבאָס קומט!

(די שאָטנס בויגן זיך אַרויס פון די פענסטער.)

צווייטער שאָטן: נעבן אים זיצט אַ פרוי!

דריטער שאָטן: זי איז זייער אַ שיינע.

פערטער שאָטן: דאָס איז זי — זיין באַשערטע!

ערשטער שאָטן: דאָס וועלן מיר שפּעטער זען!

פערטער שאָטן: זי וועט אַנטלויפן פון דאַנען פונקט ווי די פריערדיקע! כאַ־כאַ־כאַ!

אַלע: כאַ־כאַ־כאַ! (צעלויפן זיך אין די ווינקלען און פאַרשווינדן.)

(פּאַוזע. עס הערט זיך אַ רויש פון רעדער און באַלד טריט. עס קומט אַריין דער מאַן מיט דער ערשטער פרוי. ער פירט זי פעסט צו־געדריקט צו זיך. ביידע בלייבן שטיין אין מיט'ן שטוב.)

דער מאַן: איין רגע, טייערע, און כ'מאַך ליכטיק. (פאַנגט אָן אָנצינדן דעם לאָמפּ, רעדט.) די בערג אַרום זיינען איינ־זאַם, נאָר שיין, און דו וועסט זיין ווי אַ פאַר'כשופ'טע פרינצעסין אין אונזער קליינעם פּאַלאַץ!

די פרוי (לאַכט): פּרינץ, דיין פּאַלאַץ שמעקט מיט שטויב און אַביסל מיט שימל.

דער מאַן (לאַכט): דאָס איז גאָרניט. מיר וועלן באַלד עפענען אַלע פענסטער און דער פּאַלאַץ וועט זיך אָנפילן מיט'ן דופט פון בלומען.

די פרוי (קוקט זיך אַרום): דאַכט זיך, דער צימער איז אַ גאַנץ קליינער!

דער מאַן: אויך אַ קלייניקייט. די וועלט איז גרויס און איז אינגאַנצן אונזערע.

די פרוי (באַטראַכט די ווענט): וואָס פאַר אַ מאָדנע ווענט. זיי קוקן אַזוי כמורנע.

דער מאַן: זיי זיינען געראָטן אין מיר. איך האָב אויך געקוקט כמורנע ביז כ'האָב דיך געטראָפן. גיב זיי אַ מעגלאַכ־קייט דיך צו דערקענען, וועסטו זען ווי זיי וועלן מאָרגן שיינען.

די פרוי (לאַכט): דיינע ענטפערס זיינען פון אַ פאַר־ליבטן.

(דער לאָמפּ צעברענט זיך.)

דער מאַן (גייט צו, נעמט זי אַרום): נו, און דיינע פראַ־געס?

די פרוי (לאַכט): פון אַ נאַר.

דער מאַן: צי אפשר האָסטו מיך שוין ניט ליב? שוין צוויי וואָכן, אַז מיר זיינען פאַרהייראַט.

די פרוי (לאַכט): ניין, טייערער, נאָך צו פרי. (זיי קושן זיך).

דער מאַן (נעמט אַראָפּ זיין וועג־מאַנטל): איצט טו זיך אויס און ווער היימיש.

די פרוי (גייט צו צו דער וואַנט, באַטראַכט מאַרקס'עס בילד): וואָס פאַר אַ מערדערישע צורה!

דער מאַן (לאַכט): דאָס איז קאַרל מאַרקס, דער גרינ־דער פון סאָציאַליזם.

די פרוי: געהערט. ס'איז מיר אָבער קיין מאָל ניט אויסגעקומען צו לעזן זיינע שריפטן. (ווייזט אָן אַף שאָפּענהויער'ן) און ווער איז דער, מיט'ן פּנים פון אַ גייסטלאַכן?

דער מאַן: דאָס איז שאָפּענהויער, דער גרינדער פון פילאָסאָפישן פּעסימיזם.

די פרוי: איך האָב געלעזן זיין הויפּט־ווערק: „די וועלט אַלס ווילן און פאָרשטעלונג". אין געוויסע פּונקטן בין איך איינפאַרשטאַנען מיט אים, אָבער אין אַלגעמיין בין איך צו אָפּטי־מיסטיש. (ווייזט אַף דער דריטער בילד) דאָס איז טאָלסטאָי. אים קען איך זייער גוט. און ווער איז דער? (ווייזט אַף היינע'ן) דער פּנים איז מיר גאַנץ באַקאַנט.

דער מאַן: דער דייטשער פּאָעט העגריך היינע.

די פרוי: געלעזן אייניקע פון זיינע לידער. ער איז פאָלקאָמען. (קוקט אַריין אין ביכער־שראַנק): האָסט גאַנץ גוטע ביכער. אַ שאָד, וואָס כ'האָב געקויפט באָקל'ס געשיכטע פון דער ציוויליזאַציע אין ענגלאַנד. איך זע עס באַ דיר. נעכטן, פאַר'ן אַוועקפאָרן, האָב איך איינגעקויפט אַ גאַנצן קאַסטן נייע ביכער. ער וועט, מן־הסתם, מאָרגן, איבערמאָרגן אָנקומען אַהער. כ'וועל האָבן צום לעזן אַף אַ האַלב יאָר צייט. אין קאַסטן האָב איך אויך די פּאָרטרעטן פון מיינע באַליבטע שרייבער. וועל איך טאַקע צווישן אָט דיינע פריינט (ווייזט אַף די בילדער) אויך אויס־הענגען מיינע. דו וועסט דערלויבן?

דער מאַן: זיכער! וואָס פאַר אַ פראַגע? (נעמט זי אַרום) ווי גוט ס'איז צו האָבן אַ פרוי — אַ גלייכן חבר, מיט וועמען מען זאָל קענען לעזן, ריידן, דיסקוטירן, וועלכע זאָל אָנ־פילן די היים מיט הארציקייט און וואַרימקייט. (קושט זי) נו, טו זיך אויס.

די פרוי (טוט אויס דעם מאַנטל. גיט אַ קוק אַפ'ן טיש און די שטולן): גאָט, וואָס פאַר אַ שטויב!

דער מאַן: שוין דריי חדשים דאָ ניט געווען. וואַרט, וועל איך עפּעס קריגן דעם שטויב אָפּצואווישן. (גייט אין גיך).

די פרוי: זאָל שוין זיין אַזוי. (וואַרפט אַוועק איר מאַנטל און הוט אַפ'ן טיש).

דער מאן: ווערסט דיינע זאכן ניט קענען שפעטער דער־רייניקן.

די פרוי: עס מאכט ניט.

דער מאן (קוקט זי פארוואונדערט אן. גייט צוריק): מיר וועלן זיך מארגן א נעם טאן צו דער ארבעט, און אלץ וועט אויפ־לעבן.

די פרוי (לאכט): ניין, טייערער, ווערסט עס אליין טאן.

דער מאן (שמייכלט): אין צווייען איז פריילאכער.

די פרוי: ווען דו זאגסט מיר וועגן דעם אין שטאט, ברענג איך מיט זיך א דינסט.

דער מאן: דו שפאסט.

די פרוי: ניין, ליבער, איך מיין עס גאנץ ערנסט. קיין זאך אין דער וועלט האס איך ניט אזוי, ווי וואשן, ראמען, קאכן.

דער מאן: איך האב עס אויך ניט איבעריק ליב. מען קען אבער ניט לעבן אין שמוץ, מען מוז געבן דעם קערפער וואס אים קומט.

די פרוי: קריגט מען א דינסט.

דער מאן (שאקלט מיט'ן קאפ אף ניין): איך האב עס ניט ליב. קליינע קינדער, קאליקעס און אלטע לייט דארפן האבן מענטשן זאלן ארום זיי גיין, אבער ניט מיר. סיידן מיר טוען אן אנדער ארבעט. אבער ווערסט זיך צוגעוואוינען.

די פרוי: וואו איז מיין שאל? (ציטערט אויף) ס'איז דא קאלט.

דער מאן (ווייזט אפ'ן קאמין): אט איז א פראכטפולער פייער־פלאץ. בא דער זייט ליגן קלעצער און שוועבעלאך. אין דער צייט וואס איך וועל צופאקן דיינע זאכן, מאך א פייער און ווערסט זען, ווי ווארים און היימלאך עס וועט דא ווערן.

די פרוי (אומצופרידן): מען האט באדארפט א דינסט מיט זיך ברענגען.

דער מאן (גייט צו, נעמט זי ארום, קוקט איר אין פנים אריין, זאגט פעסט): דאס פייער, ארום וועלכן עס שאפט זיך

אַ היים, קען בלויז די באַלעבאָסטע פון הויז אַליין אָנצינדן. פון איר האַנט מוז די וואַרימקייט קומען.

די פרוי (ניט זיכער): וואָס איז מיט דיר? וואָס ווילסטו זאָגן?

דער מאַן: דו פאַרשטייסט מיך.

די פרוי (לאַכט ניט־זיכער): וואָס מיינסטו, איך קען קיין פייער ניט מאַכן?

דער מאַן (זיכער): וועסט קענען, אויב דו וועסט נאָר וועלן.

די פרוי: און אויב ניט?

דער מאַן (זיפצט): דאַן... דאַן האָסט מיך ניט ליב.

די פרוי: איך האָב דיך אָבער ליב. שטאַרק ליב.

דער מאַן (נעמט זי אַרום, קושט זי): דאַן וועט אַלעס זיין גוט. (פירט זי צום קאַמין) איצט, טייערע, וועסטו דעם ערשטן מאָל פּרוּוון מאַכן אַ פייער. וועסט זען, ווי אַלץ וועט באַלד גאָר אַנדערש אויסזען.

די פרוי (לאַכט נערוועז): באַ אונז און באַ אַלע אונזערע באַקאַנטע טוען עס די דינסטן.

דער מאַן: און דערפאַר איז טאַקע באַ אייך אין די הייזער אַזוי קאַלט. ניטאָ דאָרטן קיין גליק, קיין האַרציקייט.

די פרוי (זעצט זיך אַראָפּ נעבן קאַמין, צינדט אַלע מאָל אָן אַ שוועבעלע, ברענט פּאַפּיר, ליגט אַריין עטלאַכע שייטלאַך האָלץ, נאָר דער פייער, וואָס זי צינדט יעדע מינוט אָן, ווערט גלייך פאַרלאָשן. דער מאַן שטייט באַ דער זייט און קוקט אַף איר. די שאָטנס דערשיינען אין די פענסטער און טירן, קוקן זיך אָנגעשטרענגט איין אין איר אַרבעט. אַ פּאַוזע.)

די פרוי: דאָס האָלץ איז נאַס.

דער מאַן: ס'איז טרוקן.

(אַ קליינע פּאַוזע.)

די פרוי: די שוועבעלאַך טויגן ניט.

(אַ קליינע פּאַוזע.)

די פרוי: דאָס פּאַפּיר ברענט צו שנעל אוים. (מאַכט ווידער אַ פייער. ברענט זיך אָפּ אַ פינגער, שפּרינגט אויף אַ בייזע, וואַרפט מיט דער אָפּגעברענטער האַנט.) אַך, גאָט מיינער! איך בין ניט געקומען אַהער צו ווערן קיין דינסט! (גייט אויפגערעגט איבער׳ן צימער. בלייבט שטיין, שפּאַרט זיך צו צו דער וויקטראָלאַ.)

דער מאַן (קוקט אַף איר פאַרטראַכט. זיפצט אָפּ): נו, באַרואיק זיך. אַט וועל איך מאַכן דעם פייער. קוק אַהער, ווֹעסטו זיך אויסלערנען. (גייט צו, בויגט זיך אָן איבער׳ן קאַמין. די פרוי רירט זיך ניט פון אָרט.)

(עס ווערט ביסלאַכווייז טונקל, ביז עס שטעלט זיך איין אַ בלוילאַכע דעמערונג שיין. די שאָטנס גיבן זיך אַ לאָז אין אַן אויסטערלישן טאַנץ איבער׳ן צימער. פּאַוזע. דער זייגער קלינגט עלף מאָל. די שאָטנס בלייבן שטיין, הערן זיך איין, צושאָקלענדיק מיט די אויבערשטע טיילן פון זייערע קערפּערס.)

ערשטער שאָטן: זי קען ניט מאַכן דעם פייער!

צווייטער שאָטן (שפּאָטיש): דאָס האָלץ איז נאַס!

דריטער שאָטן: די שוועבעלאַך זיינען ניט גוט!

פערטער שאָטן: דער קאַמין טויג ניט!

ערשטער שאָטן: דאָס איז ניט זי!

דריטער שאָטן: זי וועט קיין פייער ניט מאַכן!

צווייטער שאָטן: זי וועט אונז ניט פאַרטרייבן פון דאַנען!

פערטער שאָטן: כאַ-כאַ-כאַ! דינסטן דאַרף זי!

דריטער שאָטן: כאַ-כאַ-כאַ! זיי זאָלן אָנצינדן דעם פייער פון איר היים.

ערשטער שאָטן: זי דאַרף קיין היים ניט!

צווייטער שאָטן: צו וואָס-זשע האָט ער זי אַהער געבראַכט?

דריטער שאָטן: זיך ווידער אָפּגענאַרט.

פערטער שאָטן: איינע האָט צופיל די דילס געוואַשן און די צווייטע לעזט אַ סך ביכער.

אַלע שאָטנס (פּור'ן איבער, לאַכן): זי לעזט אַ סך ביכער! אַ סך ביכער! כאַ־כאַ־כאַ!

דריטער שאָטן: אוןביידע זיינען זיי פאַר אים פרעמדע.

ערשטער שאָטן: מיר קענען זיין רואיק, זי וועט אונז שוין פון דאנען ניט פאַרטרייבן!

אַלע שאָטנס (צוזאַמען): זי וועט אונז ניט פאַרטרייבן! ניט פאַרטרייבן! (פאַרשווינדן לאַכנדיק און טאַנצנדיק. פּאַוזע.)

(עס ווערט פינסטער און באַלד ווידער ליכטיק. די פרוי ליגט אַף דער סאָפע מיט אַ בוך אין האַנט און לעזט, קייענדיק אַ שטיקל ברויט. אַ קליינע פּאַוזע. זי הויבט זיך אויף, גייט צו צום טיש, שניידט זיך אָפּ נאָך אַ שטיקל ברויט, לעגט זיך ווידער אַוועק און לעזט. זי טראָגט אַ לייכט הויז־קלייד. אין צימער איז ניט ריין און אָנגעוואָרפן. אַ פּאַוזע. דער מאַן קומט אָן פון רעכטס, מיט אַ קליין פּעקל אין האַנט.)

דער מאַן (גייט צו, בויגט זיך צו צו איר): וואָס מאַכסטו, טייערע?

די פרוי (הויבט אויף די האַנט, ער זאָל שווייגן): איין מאָמענט. באַלד ענדיק איך דאָס קאַפּיטל!

(ער שטייט מיט אַ שמייכל איבער איר. זי ענדיקט לעזן. זעצט זיך אויף, כאַפּט אים אַרום, גיט אים אַ קוש. ציט אים צו זיך אַף דער סאָפע).

די פרוי (לאַטשטשעט זיך): נו, ווי פילסטו, טייערער? היינט שווער געאַרבעט אין שטאָט?

דער מאַן: יאָ. ס'איז פאַר מיר אָבער גענוג איין געדאַנק וועגן דיר, וועגן אונזער היים, די שווערסטע אַרבעט זאָל ווערן לייכט.

די פרוי (באַמערקט דעם פּעקל): האָסטו מיר עפּעס געבראַכט?

דער מאַן: וואָס פאַר אַ פראַגע. טרעף וואָס. (ווייזט איר דאָס פּעקל).

די פרוי (קוקט נייגעריק): וואָס קען איך טרעפן? וויי־ניק גוטע זאכן זיינען אין שטאָט פאַראַן? (ציט זיך צום פעקל). נו ווייז, טייערער!

דער מאַן (לאַכט): פאַר קיין זאַך ניט.

די פרוי (טראַכט אַ ווײַלע): האָסט געבראַכט אַ פלעשל פאַרפיומען.

דער מאַן: ניט געטראָפן.

די פרוי: אַ טוץ נאָזטיכלאַך? אַ בלוזקע? אונטער־וועש?

דער מאַן (שאָקלט מיט'ן קאָפּ אָף ניין): ניט געטראָפן.

די פרוי: אפשר גאָר אַ שאַכטל טשאָקאָלאַד?

דער מאַן (לאַכט): געטראָפן!

די פרוי: גיב אהער, וועל איך טאַקע באַלד פאַרזוכן.

דער מאַן: נייע, טייערע. צוערשט וועלן מיר אָפּעסן.

די פרוי (דרייט אומצופרידן אָפּ דעם קאָפּ): איך האָב היינט גאָרניט געקאָכט. כ'האָב קיין צייט ניט געהאַט.

דער מאַן (ערשטוינט): דו שפּאַסט ניט?

די פרוי (ענטפערט ניט).

דער מאַן (לעגט אַוועק דאָס שאַכטל טשאָקאָלאַד אָף דער סאָפע, הויבט זיך אויף, שפּאַנט אומצופרידן איבער'ן צימער): שוין אזוי פיל מאָל וועגן דעם גערעדט, זיך אפילו געקריגט און... גאָרניט.

די פרוי: כ'האָב זיך אין דער פרי פאַרלעזן מיט לעאָנאַרד־דא־ווינטשי'ס ביאָגראַפיע און פאַרגעסן צושטעלן עפּעס קאָכן. און... גאָט מיינער, וואָס ווילסטו? קריג זיך אַ דינסט און וועסט שטענדיק זיין פאַרזיכערט מיט'ן עסן.

דער מאַן (בלייבט שטיין): דיינקסטו ניט, אַז דו האַנ־דעלסט ניט ערלאַך אין באַצוג צו מיר? באַשטייט דען ניט דאָס צוזאַמענלעבן פון מאַן און פרוי אויך אין זייער קעגנזייטיקער הילף? איז דען ניט מער ווי רעכט, אַז נאָך אַ טאָג אַרבעט אין שטאָט, וועלכעס ווערט געטאָן פאַר אונז ביידן, זאָל איך אהיים־קומענדיק טרעפן אַ ריינע הויז, ניט אַזאַ שמוץ ווי דאָ טוט זיך,

און עפּעס אָפּצועסן? באַקל און וועלס זיינען גוט, ספּענסער, ראָמען ראָלאָן, לעאָנאַרד־דע־ווינטשי זיינען פּראַכטפול, אָבער דו אַליין (ווייזט אָפּ׳ן ברויט וואָס ליגט אָפּ׳ן טיש) רייסט דאָך שטיקער ברויט און קייסט.

די פּרוי: באַ מיר איז גוט, וואָס איך עס. איך מאַך נים קיין קולט פון דעם.

דער מאַן: פון די זעכצן פריייע שטונדן, וואָס דו האָסט אַלע טאָג, ווילסטו נים אָפּרייסן קיין צוויי שעה די הויז ריין צו האַלטן און פאַר דיין בעסטן פריינט מאַכן עפּעס צום עסן. און דו רופסט עס ליבע!

די פּרוי: איך בין נים קיין קעכין. כ׳האָב עס דיר נאָך אין אָנהויב, מיט זעקס חדשים פריער, געזאָגט.

דער מאַן (גייט פאַרטראַכט איבער דעם צימער, בלייבט שטיין נעבן איר, זאָגט שטיל, ווייך): עס טוט מיר וויי, וואָס מיר מוזן זיך קריגן איבער אַזעלכע קלייניקייטן. זאָגסטו מיר צו, אַז עס וועט שוין מער נים פּאַסירן?

די פּרוי: איך קען דיר קיין זאַך נים צוזאָגן. די גאַנצע קומענדיקע וואָך וועל איך זיין פאַרנומען אין שטעטל מיט׳ן „באַזאַר" און מיט דער פאַרשטעלונג פאַר די אָרימע. און דערנאָך... אַז עס עקלט מיך פאַרט פון הויז־אַרבעט!

(עס הויבט אָן צו ווערן טונקל. די שאָטנס דערשייענען פון אַלע זייטן, צוערשט פאַרכאַפּן זיי די ווינקלען און הויבן באַלד אָן זייער טאַנץ צווישן דעם מאַן מיט דער פּרוי.)

דער מאַן: גוט. אויב אַזוי וועל איך פון מאָרגן אָן אָנהויבן צו עסן אין שטאָט.

די פּרוי (נאָך אַ קליינער פּאַוזע): וועסטו דאָך מוזן אַהיים קומען מיט דער שפּעטער טריין?

דער מאַן: וואָס קען איך מיר העלפן?

די פּרוי (סאַרקאַסטיש): אויב אַזוי, וועסטו זיך שוין באַלד אויך דאַרפן אַ צימער דאַרפן זוכן?

דער מאַן: גאַנץ מעגליך. (שפּאַנט איבער׳ן צימער).

די פרוי (מיט שפּאָט): פיין. זייער פיין. (לאַכט סאַר־קאַסטיש).

ערשטער שאָטן: עס איז דער אָנפאַנג פונ'ם סוף.

צווייטער שאָטן: ניין! דער אָנפאַנג איז געווען נאָך דעם ערשטן אָוונט, ווען זי האָט דעם קאַמין ניט געקענט אָנצינדן.

דריטער שאָטן: עס וועט שוין ניט דויערן לאַנג!

פערטער שאָטן: דער סוף קלאַפּט שוין אין טיר.

ערשטער שאָטן: ער קוקט אַרויס פון זייערע ביידנס בליקן.

צווייטער שאָטן: ציטערט אין זייערע רייד.

דריטער שאָטן: דער סוף איז געקומען! דער סוף!

פערטער שאָטן: דער באַלעבאָס האָט זיך ווידער אָפּ־גענאַרט.

ערשטער שאָטן: אַ פרעמדע פרוי אין הויז געבראַכט.

צווייטער שאָטן: אַלע זיינען פרעמדע.

דריטער שאָטן: פאַראַן אויך אייגענע!

פערטער שאָטן: ניט אמת! ווען עס טוט איינעם וויי, קרעכצט קיין מאָל ניט אַ צווייטער! כאַ־כאַ־כאַ!

אַלע שאָטנס (בלייבן שטיין, שפּאַרן אונטער מיט די הענט די זייטן און לאַכן, זיך בויגנדיק לינקס און רעכטס): כאַ־כאַ־כאַ!

(עס ווערט פינסטער. אַ פּאַוזע. עס הערן זיך דעם מאַנ'ס און פרוי'ס שטימען).

זי (מיט אַ קרעכץ): איך קען שוין ניט אויסהאַלטן מער! האָסט מיינע טעג און נעכט אין קאַשמאַרן פאַרוואַנדלט!

(עס הערן זיך דעם מאַנ'ס טריט איבער'ן צימער. אַ פּאַוזע).

זי: שלאָג מיך בעסער, נאָר פייניק מיך ניט מיט דיין שווייגן!

ער: וואָס איז די נוץ פון רייד, ווען זיי קענען שוין קיין זאַך ניט ענדערן?

זי: ס'איז דיין שולד!

ער: וואָס איז דער אונטערשיד?

זי: האָסט מיך אָפּגענאַרט! (וויינט).

ער: מיר האָבן זיך ביידע אָפּגענאַרט.

זי: האָסט געזוכט אַ קעכין, אַ דינסט, ניט קיין גלייכן פריינט.

ער: כ'האָב געזוכט אַ פאָלקאָמענעם מענטשן און געפונען בלויז אַ פרוי, וואָס לעזט אַ סך ביכער.

זי: אַלע דיינע תירוצים האָבן קיין ווערט. דו זוכסט מיט זיי צו פאַרדעקן דיין געמיינע האַנדלונג.

ער: דו ווייסט, אַז ס'איז ניט אמת!

זי: הייסט עס, האָסטו מיך מער ניט ליב?

ער (נאָך אַ פּאַוזע): ניין!

זי (שפּאָטיש): ווייל כ'האָב דיר קיין קעכין ניט געוואָלט זיין?

ער: ניין, ווייל דו האָסט מיך ניט ליב.

זי: זאָלן דיך שוין אַנדערע ליב האָבן!

ער (שפּאַנט איבער'ן צימער. זיפצט): אַך, ווי שווער! (אַ פּאַוזע).

זי (דורך טרערן): גאָט, דער פרימאָרגן זאָל שוין גיכער קומען, איך זאָל קענען אַוועק פון דעם פאַרשאָלטענעם הויז! (וויינט שטיל).

(אַ פּאַוזע. עס פּאַנגט אָן טאָגן. זונען שטראַלן רייסן זיך דורך די פאַרהאַנגענע פענסטער. דער זייגער קלינגט זיבן. פּאַוזע. עס ווערט ליכטיק. אַף דער סאָפע שטייט דער פרוי'ס פאַרבונדן רענצל, איר מאַנטל ליגט בא דער זייט).

זי (קומט אַריין פונ'ם צווייטן צימער, האַלט אין אָנטאָן איר הוט): כ'האָף וועסט מיך ניט וואַגן בעטן דאָ לענגער צו פאַר־בלייבן.

ער (קומט לאַנגזאַם נאָך איר, בלייבט שטיין צוגעשפּאַרט צו דער טיר): ניין.

זי (שפּאָטיש): דאָס אַליין ווייזט שוין די ביליקייט פון דיינע געפילן.

ער (צענעמט די הענט): אַזוי איז עס שוין: מענטשן קענען זיך נאָך ניט צעגיין, ווי מענטשן. מען מוז צוערשט גוט אָנשפּייען אין פּנים אריין איינער דעם צווייטן.

זי: ווי ליכט דו רעדסט! ווי גרינג דיר קומט אַלץ אָן! ליבע איז דאָך פאר דיר בלויז א צייט־פאַרטרייב.

ער: ס'איז ניט אמת!

זי (טוט אָן דעם מאַנטל): ביסט א געמיינער ליגנער!

ער (צענעמט הילפלאָז מיט די הענט. זיפצט שווער).

זי (קוקט אַף אים אַ ווײַלע): אַך, ווען דו קענסט פילן, ווי שטאַרק איך האָס דיך!

ער (שווייגט).

זי: איך האָס דיך פונקט אַזוי טיף, ווי כ'האָב דיך פריער ליב געהאַט!

ער (קוקט אַף איר טרויעריק. שווייגט).

זי (נעמט דאָס רענצל, גייט צו צו דער טיר).

דער מאַן (גייט איר נאָך): וואַרט, איך וועל דיך צו־פירן צום באַן.

די פרוי (וואַרפט אַף אים אַ בייזן בליק): כ'וועל זיך באַגיין אָן דיין הילף! (גייט שנעל ארויס).

דער מאַן (קוקט איר נאָך. גייט עטלאַכע מאָל איבער דעם צימער. לאָזט זיך אַראָפּ מיט אַ פאַרשטיקטן קרעכץ אין וויג־שטול. פּאַוזע. עס נעמט טונקלען, ביז דער צימער פילט זיך אָן מיט דעמערונג שיין. די שאָטנס קריכן אַרויס פון די ווינקלען, גייען צו פאַרזיכטיק צום מאַן, קוקן זיך איין אין אים, נעמען זיך אָן פאַר די הענט און דרייען זיך אַרום אים אין אַ קאַראַהאָד. דער זייגער נעמט לאַנגזאַם און מאָנאָטאָן, ווי פון ווייטנס, שלאָגן).

ערשטער שאָטן: און אָט אַזוי איז דער סוף גע־קומען!

צווייטער שאָטן: שנעל און קורץ.

דריטער שאָטן: פרעמדע מענטשן געווען!

פערטער שאָטן: ניטאָ קיין אייגענע. מען נארט זיך בלויז אָפּ אַף אַ קורצער צייט.

אַלע שאָטנס (צוזאַמען): און איצט וועט דאָ ווידער זיין שטיל. ווידער זיין פינסטער! פינסטער! אַף שטענדיק פינסטער!

(אין דרויסן הערט זיך אַ קנאַל פון אַ דונער. עס נעמט גיסן אַ רעגן. די שאָטנס הערן זיך צו, לויפן צו די פענסטער. עס בליצט און עס דונערט).

די שאָטנס (טראָגן זיך איבער'ן צימער): ס'רעגנט! ס'בליצט! ס'דונערט! ס'איז גוט! ס'איז פינסטער!

ערשטער שאָטן (צו די איבעריקע): וואַרט, אָט וועל איך אים אַ מעשה'לע דערציילן. (שטעלט זיך אונטער'ן מאַן'ס בלויצעס. די איבעריקע שטאָנס שטעלן זיך אויס אין אַ האַלבן ראָד ארום זיי, שאָקלען זיך צו.)

ערשטער שאָטן (בויגט זיך צו צום מאַן'ס אויער): מענטש, געדיינקסטו נאָך דיין שכן בערטאַנ'ען? ער האָט געוואוינט דאָ ניט וויט, פון יענער זייט בארג. ער איז געווען אַ מאַן אין פולען זינען פון וואָרט. געדיינקסט? ווען זיין יונגע, שיינע ווייב האָט אים אַף אַ צווייטן פארביטן, האָט ער ניט דערלויבט דעם לעבן פון זיך אַ שפּילצייג צו מאַכן. ניט דער שיקזאַל אים, נאָר ער האָט דעם שיקזאַל באַזיגט, אים מוטיק אַ שליידער געטאָן זיין לעבן אין פנים אריין. נאַ, ווארג זיך! זיין האַנט האָט ניט געציטערט אין צייט ווען ער האָט דאָס רערל פונ'ם רעוואָלווער צוגעדריקט צום שלייף. ער איז געווען אַ מאַן! ניט יעדער קען אַזוי. (לאַכט).

(דער מאַן שפרינגט אויף, שפּאַנט אַן אויפגערעגטער איבער'ן צימער. די שאָטנס טראָגן זיך ארום אים אין אַ געהיימניספולן טאַנץ. פון גאַס הערט זיך דער רויש פונ'ם רעגן און דאָס קנאַלן פון די דונערן. פּאַוזע. מען קלאַפּט אין טיר. דער מאַן בלייבט שטיין, הערט זיך איין. מען קלאַפּט שטאַרקער. דער זייגער הערט אויף קלינגען).

א פרויען־שטימע: אום גאָטעס ווילן, עפנט די טיר!

דער מאַן (שטייט אַ ווײַלע אונאַנטשלאָסן, צינדט אָן דעם לאָמפּ, עפנט די טיר. די שאָטנס טרעטן אָפּ אין די ווינקלען).

די צווייטע פרוי (קומט אַרײַן אײַנגעהילט אין אַ רעגן־מאַנטל. קוקט זיך אַרום): וועט איר מיר דאָ אפשר ערלויבן איבערצוואַרטן דעם רעגן?

דער מאַן (נאָך אַ קורצער פּאַוזע): איר קענט איבערוואַרטן. (זעצט זיך אַרײַן אין וויג־שטול. קערט זיך גלײַכגילטיק אָפּ און נעמט פאַרויכערן די פּיפּקע).

די פרוי (נעמט אַראָפּ פון זיך דעם נאַסן מאַנטל, וואַרפט אים אַוועק נעבן דער טיר, נעמט אַראָפּ און באַטראַכט איר צוקנייטשטן הוט, שאָקלט אומצופרידן מיט׳ן קאָפּ. זאָגט צו אים): ערשט לעצטע וואָך אַ הוט געקויפט. זעט וואָס פון אים איז געוואָרן.

ער (זיך ניט אומקוקנדיק): וואָס גייט מיר אָן אײַער הוט?

זי (שמייכלט, קוקט אויף אים אַ ווײַלע): נו, און איך?

ער: פּונקט ווי אײַער הוט.

זי (צעלאַכט זיך הילכיק): איר רעדט און האַלט זיך ווי אַ ווילדער, ווי אַ גזלן, אָדער גאָר ווי אַן אנטוישטער.

ער (שווייגט).

זי: אַ שאָד, וואָס איר האָט באַהאַלטן אײַער פּנים. נאָר אַזוי רעדט אַ מאַן, וועמען דרײַ־פיר פרויען האָבן שוין אָפּגענאַרט. (גייט צו און קוקט אַרויס דורכ׳ן פענסטער.) דער רעגן קען גיין אַ גאַנצע נאַכט. (קוקט זיך אַרום.) קענט איר מיר אפשר זאָגן, פאַרוואָס בײַ אײַך איז אַזוי כמורנע, שמוציק און קאַלט? וואָלט איר אפשר געמאַכט אַ פײַער אין אײַער שיינעם קאַמין אָדער מיר דערלויבן עס צו טאָן?

ער (שפּאָטיש): איר וועט זיך אומזיסט אויסשמירן די הענט.

זי: איך האָב אַ שטיקל זייף זײַ אָפּצוואַשן.

ער: דאָס האָלץ איז פײַכט.

זי: דאָס קען מען אויך בייקומען.

ער (נאָך אַ פּאַוזע): מיין קאַמין האָט ניט קיין מזל צו פרויען: קיינער פון זיי קען אים ניט אָנצינדן.

זי (לאַכט): ער איז, ווי ס'ווייזט אויס, געראָטן אין בעל־הבית. וועט איר מיר אפשר דערלויבן אויך מיין מזל אויס־פּרואוון?

ער (נאָך אַ פּאַוזע): דאָס האָלץ ליגט שוין אין קאַמין. איר קענט פּרואוון. (רוקט זיך אָפּ אָן אַ זייט מיט'ן שטול).

זי (גייט צו, לעגט איבער דאָס האָלץ, זינגט זיך אונטער): אָט וועלן מיר פּרואוון. דאָס האָלץ איז ניט נאַס. עס ליגט בלויז זייער שלעכט. (שטעלט זיך אויף, קוקט זיך ארום, נעמט פונ'ם טיש און ביינקלאך די אָנגעוואָרפענע צייטונגען, שטופּט זיי אריין אין קאַמין, צינדט אונטער און באַלד צעברענט זיך דאָרטן אַ פרייליכער פייער).

ער (פאַרוואונדערט): עס ברענט!

זי (לאַכט): הע־הע! פאַרוואָס זאָל עס ניט ברענען?

ער (קוקט זי פאַרשנדיק אָן).

זי (גייט איבער דעם צימער, באטראכט די בילדער אַף די ווענט, שמייכלט): זאָגט מיר נאָר, בייזער מענטש, צי האָט איר אַב־זיכטלאך צונויפגעפּאָרט אַף איין וואַנט דעם רויט־בלוטיקן קעמ־פער פאַר דער מענטשלאַכער פרייהייט קאַרל מאַרקס'ן מיט'ן קעניג פון פעסימיזם שאָפּענהויער'ן, און אַף דער צווייטער וואַנט דעם ציניש־קלוגן, אין גאַרניט גלויבנדיקן הײנע מיט'ן אַפּאָס־טאָל טאָלסטאָי?

ער (הויבט זיך אויף, קוקט זי פאַרוואונדערט אָן): ווי האָט איר זיי עס אַלעמען גלייך דערקענט?

זי: ווער קאָן זיי דען ניט?

ער: פאַראַנען אַזעלכע.

זי (באטראכט די ביכער אין שראַנק, לאַכט): קיין ווילדער מענטש זיינט איר, ווי ס'ווייזט אויס, ניט. (לעגט ארויף די הענט אַפּ'ן ביכער־שראַנק.) אך, גאָט מיינער, וואָס פאַר אַ שרעקלאַכער

שטויב בא אייך איז! (טרייסלט אָפּ די הענט.) גיט מיר א שמאַטע.

ער (רירט זיך ניט. קוקט זי אָן).

זי: וואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן? גיט מיר גלייך א שמאַטע!

ער (רייסט זיך אָפּ פונ׳ם פּלאַץ, לויפט אום זוכט ארום, גייט אין צווייטן צימער, ברייננגט איר אַ ווייסע שמאַטע).

זי (נעמט די שמאַטע, באַטראַכט זי, צולאַכט זיך הילכיק): ס׳איז דאָך אייערס אַ ריין העמד.

ער: עס מאַכט ניט אויס. כ׳האָב אַ סך אנדערע.

זי (לעגט אַוועק דאָס העמד): ברענגט מיר אַ שמאַטע דעם שטויב אָפּצואווישן.

ער (לויפט ווידער אין צווייטן צימער, קומט באַלד אַריין מיט אַ שמאַטע).

זי: אָט דאָס איז גוט. (נעמט די שמאַטע, ווישט אָפּ דעם שטויב פון דער שאַפע, פונ׳ם טיש און די בוינקלאַך.) איצט קען מען זיך אַוועקזעצן. (זעצט זיך.) נו, זייט אַזוי גוט, גיט אַ קוק, עס רעגנט נאָך? אויב ניט, ווערט איר גלייך פון מיר פּטור.

ער (דערשרעקט זיך. גייט צו צום פענסטער, קוקט ארויס, קומט צוריק): עס רעגנט שטאַרק, זייער שטאַרק. עס וועט אַזוי רעגענען ביז אין דער פרי.

זי: פון וואנען ווייסט איר עס?

ער: אַזוי. (מיטאַמאָל.) וועט איר אפשר טיי טרינקען?

זי (שמייכלט): ווי איך זע לעבט אין אייך ביסלאַכווייז צוריק אויף דער ציוויליזירטער מענטש.

ער (איילט זיך): כ׳וועל צושטעלן וואסער. (לויפט אין צווייטן צימער, קומט גלייך צוריק מיט אַ טשייניק, וועלכן ער שטעלט אַוועק באַם פּייער.) ווילט איר אפשר עפּעס עסן?

זי (שפּאַסנד): אַך, גאָט, וואָס פאַר אַן איידלקייט! וואו האָט איר זי פּלוצלונג אויפגעזוכט? (צעלאַכט זיך.)

ער (לאַכט מיט): ענטפערט, איר וועט לאַכן שפּעטער.

זי (קוקט אַף אים): ערשט אַצינד זע איך, אַז אייער פּנים איז אַ גאַנץ סימפּאַטיש-מענטשלאַכער.

ער (פרייליך): אום גאָטעס ווילן, מאַטערט מיך ניט! וואָס ווילט איר עסן?

זי (הויבט מיט די אַקסלען): גאָט'ס נסים, ניט צום דער־קענען.

ער (לאַכט): נו, וואָס ווילט איר עסן?

זי: קיין זאַך ניט. כ'וויל בלויז אַ פּאָר גלעזער טיי מיט איינגעמאַכטס אָדער מיט אַ שטיקל ציטרין, אויב איר האָט נאָר. די פייכטקייט פונ'ם דרויסן האָט מיך דורכגענומען.

ער (לויפט אין קיך, קומט צוריק מיט אַ גלאָז און ציטרין אין איין האַנט און אין דער צווייטער האַלט ער דריי סלויעס אײַנגעמאַכץ. שטעלט זיי אַלע אַוועק אַפ'ן טיש).

זי (שמייכלט): מער קיין סלויעס האָט איר שוין ניט?

ער: ניין.

זי (לאַכט): נו, און וואו איז אייער גלאָז?

ער (לייכט צעטומלט): כ'האָב פאַרגעסן! (לויפט אין קיך, קומט צוריק מיט נאָך אַ גלאָז).

זי (באַטראַכט ביידע גלעזער דורכ'ן שיין): איר וועט מיר אַנטשולדיקן. די גלעזער זיינען שוין אַ וואָך צייט ניט געוואַשן געוואָרן. גייט, שווענקט זיי גוט דורך.

ער: אויב איין וואָך בלויז, איז נאָך נישקשה. (נעמט די גלעזער, גייט אין קיך. קומט באַלד צוריק, שטעלט אַוועק די גלעזער אַפ'ן טיש).

זי: דאַכט זיך, דאָס וואַסער זידט שוין.

ער (בויגט זיך צו צום טשייניק): קומט זעצט זיך בעסער נעבן קאַמין. איר וועט זיך דערוואַרימען. (קוקט אַפ'ן פייער.) מיין קאַמין האָט שוין יאָרן-לאַנג אַזוי העל ניט געברענט.

זי (קאַקעטיש): דאָס האָלץ איז ביז איצט, ווייזט אויס, נאַס געווען.

ע ר: ניין. די הענט, וואָס האָבן איצט דעם פייער געמאַכט, זיינען האַרציקע, פּאַר'כשוף'טע.

ז י (לאַכט): ווי שנעל איינקע ווילדע ווערן ציוויליזירט!

(זעצט זיך אין וויג־שטול, וואָס ער רוקט עטוואָס אָפּ אַן אַ זייט. ער זעצט זיך אַנטקעגן איר, ביידע מיט די פּראָפילן צום פייער. ער גיסט אָן און דערלאַנגט איר אַ גלאָז טיי, לויפט שנעל אין קיך, ברענגט אַ טעלער מיט ביסקוויטן און אַ וואַזע מיט פרוכטן, שטעלט זיי אַפ'ן דיל פאַר איר).

נו, טרינקט, עסט ביסקוויטן, פרוכט. (דערלאַנגט איר דעם טעלער).

ז י (נעמט אַ ביסקוויט): קוקט ניט אַף מיר אַזוי מאָדנע. נעמט אייער גלאָז טיי און טרינקט.

ע ר (נעמט די טיי, טרינקט. פּאַוזע. די שאָטנס רוקן זיך צונויף אין רעכטן ווינקל).

ערשטער שאָטן: דאָס איז זי!

פערטער שאָטן: זע, ווי העל דער פייער ברענט!

צווייטער שאָטן: דאָס האָט זי דעם קאַמין אָנגעצונדן!

דריטער שאָטן: דער בעל־הבית וועט שוין קיינעם מער ניט לויפן זוכן.

פערטער שאָטן: זי וועט בלייבן דאָ.

ערשטער שאָטן: ער ציטערט פון גליק און שרעק.

צווייטער שאָטן: דאָס האָט זי דער רעגן אַהער אַריינגעבראַכט.

דריטער שאָטן: זי וועט אונז אַרויסיאָגן פון דאַנען!

פערטער שאָטן: קיין צווייפל ניט. (זיי דריקן זיך ענגער צונויף).

ע ר (שטעלט אַוועק זיין גלאָז): איך קען איצט ניט טרינקען. כ'פיל אַזוי ניט געוויינלאַך. ווי מאָדנע זאַכן געשעען אַף דער וועלט. אָט דאָ ניט לאַנג צוריק בין איך געווען איינער פון די אומגליקלאַכסטע מענטשן אַפ'ן ערד־קוגל, געטראַכט וועגן זעלבסטמאָרד און אַלץ דערפאַר, ווייל כ'האָב ניט געקענט געפינען יענע פרוי, וואָס זאָל קענען אָנפילן מיין הויז מיט האַרציקייט

און וואָרימקייט; וועלכע זאָל זיין ניט נאָר אַ פֿרוי, נאָר אויך אַ פֿריינט אין אַלע הינזיכטן. און פּלוצלינג האָט וואָר מיין תּפֿילה דערהערט, ס'איז געשען אַ נס: דער רעגן האָט אייך צו מיר אריינגעטריבן. ערשט דאָ ניט לאַנג האָב איך ניט געוואָלט מיין טיר פֿאַר אייך עפֿענען און איצט ווערט מיין האַרץ צוריסן באַם געדאַנק וועגן אייער אַוועקגיין. מיר ווילט זיך צופֿאַלן צו אייערע פֿיס און וועמען דאַנקען, דאַנקען.

זי (בויגט זיך עטוואָס צו, קוקט אים אויפֿמערקזאַם אָן).

ער (רוקט זיך צו עטוואָס נענטער): איין זאַך בעט איך אייך: נעמט מיך ניט אָן פֿאַר איינעם פֿון יענע, וואָס... איר ווייסט וואָס איך מיין. ניט איך רייד איצט, נאָר דאָס שרייט פֿון מיר ארויס די איינזאַמקייט פֿון אַ מענטשן, וואָס זוכט זיין גליק אין אַ צווייטנ'ס לעבן און ווערט יעדעס מאָל אָפּגענאַרט.

זי (אָנגעשטרענגט): נו, און איצט? מעגלאַך, ס'איז ווידער אַ נאַרעריי?

ער (שאָקלט זיבער מיט'ן קאָפּ אָף ניין. ווייזט אָפּ'ן פֿייער): ניין, כ'האָב שוין לאַנג אַזוי ניט געפֿילט. (קוקט מיט דערוואַרטונג איר אין די אויגן אריין).

זי (רעדט פֿאַרטראַכט): ווער ווייסט? ניטאָ קיין גליק אָף דער וועלט אַלס אַ באַשטימטע דערגרייכונג פֿון עפּעס. ניטאָ קיין באַשערטע. עס איז אָבער פֿאַראַן אַ וועג פֿון אייביקן שטרעבן, אַ וועג פֿון צושטערטע און אויפֿבליענדיקע האָפֿנונגען, פֿון פֿאַלן און זיך אויפֿהויבן. דאָס איז דער וועג פֿון יענע, וואָס זיינען קראַנק מיט דער אומרו פֿון דער וועלט. קיינער קען זיי ניט העלפֿן. איך ווייס עס פֿון זיך אַליין.

ער: איר זיינט גערעכט. איך ווייס עס אויך. גליק איז בלויז אין זוכן. אַזוי שנעל ווי עס קומט, ווערט עס פֿאַרשוואונדן. ס'איז אמת. מיר איז אָבער אויך באַקאַנט דער וואָנזין פֿון דערגרייכן דאָס גליק און די הייליקייט פֿון דער צייט, ביז די גרויע געוואוינהייט טויטעט אָפּ דאָס יונגע געפֿיל. און איך לעב איצט איבער עטוואָס ענלאַכעס. אַ ווילד־פֿרעמדע, אַ ניט־

געבעטענע, זיינט איר אריין צו מיר אין הויז, געזאָגט אַ פּאָר ווערטער, געגעבן אַ שמייכל, אָנגעצונדן דאָס פייער אין מיין פאַרפרוירענעם קאַמין און איינגעשטילט מיין אומרו, מיך ווי איבערפילט מיט אַ געפיל ענלאך צו עקסטאַז. איך בעט אייך, טייערע אומבאַקאַנטע, בלייבט דאָ מיט מיר, אויב איר איילט זיך ניט צו וועמען, אויב אייער האַרץ איז פריי און זאָגט אייך אונטער, אַז איר קענט אויך אייער גליק דאָ מיט מיר געפינען. זאָל קומען דער מאָרגן און איינעם פון אונז ווידער ארויסטרייבן אַפ'ן לעבנס-וועג זוכן זיין פאַרשוואונדענע רו. זאָל ער קומען! וועט דער צווייטער ביז דער טיר אים באַגלייטן, צום האַרצן צודריקן און מיט טרערן דאַנקען פאַר דעם גליק, וואָס ער האָט אים געשענקט. (קוקט איר אין די אויגן אריין).

זי (קוקט אַף אים אַ ווײַלע, לייגט לאַנגזאַם ארויף איר האַנט אַף זיין קאָפּ).

ער (ציטערט אויף, דריקט צו מיט ביידע הענט איר האַנט צו זיין קאָפּ).

ערשטער שאָטן: זי בלייבט שוין דאָ!

צווייטער שאָטן: און אַלע אָוונט וועט העל ברענען דער קאַמין.

דריטער שאָטן: און אַ סך מענטשן וועלן ארומגיין, הויך ריידן און פריילאך לאַכן!

פערטער שאָטן: מיר קענען זיך שוין דאָ מער ניט געפינען!

אַלע שאָטנס (צוזאַמען) ניין! מיר קענען ניט! ס'איז צו ליכטיק! צו פריילאך! מיר קענען ניט! (צעלויפן זיך אין פאַרשיידענע זייטן. פּאַוזע. דער מאַן נעמט פּראָזיכטיק אַראָפּ דער פרוי'ס האַנט פון זיין קאָפּ, קוקט איר אַ ווײַלע אין די אויגן, דריקט לאַנגזאַם צו איר האַנט צו זיינע ליפּן. זי לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ. פּאַוזע).

דער פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם.

ווי מיר זיינען

(א בריוו)

פ ע ר ז אָ נ ע ן:

גאָרסקי.

אננאַ.

ראָבען.

סילוויאַ.

זייערע געדאַנקען אין פיר מענטשן־געשטאַלטן.

אַ געדיכט פֿאַרוואַקסענער ווינקל אין אַ שטאַטישן גאָרטן. עטוואָס רעכטס — אַ לאַנגע באַנק, פֿאַר װעלכער עס לויפֿט לינקס־צו אַ ווײַסע סטעזשקע. פֿאַרנאַכט. ווײַט צווישן די בוימער זעצט זיך גאָלדיק די זון.

אויף דער באַנק זיצן גאַרסקי און אַנאַ. ער קוקט אַרײַן אין אַ מאַגאַזין־שריפֿט. זי לעזט אַ בוך. זי איז שוין אין די הויכע חדשים. פּאַוזע.

גאַרסקי (לאָזט אַראָפּ די שריפֿט אויף די קני): פּראָפֿעסאָר סטאַמבער האָט דאָ אַן אויסגעצייכנטן אַרטיקל איבער דער פֿראַגע, ווי אַזוי אַ שוואַנגערע פֿרוי דאַרף זיך אויפֿפֿירן ביז זי ווערט אַ מוטער.

אַנאַ (פֿאַרמאַכט דעם בוך): זײַ אַזוי גוט, ליבער, לעז עס פֿאַר מיר דורך.

גאַרסקי: ס׳איז ניט נייטיק: איך וועל עס דיר איבערגעבן אין עטלעכע זאַצן. ער הייסט גיין אַלע טאָג ניט ווייניקער ווי דרײַ מײַל, טאָן די טעגלעכע הויז־אַרבעט, ניט הייבן קיין שווערע זאַכן, עסן אַלץ, וואָס עס גלוסט זיך, וואָס ווייניקער זיך אויפֿרעגן און זיך געפֿינען וואָס מער אויף דער פֿרישער לופֿט.

אַנאַ (צופֿרידן): איך טו דאָס אַלץ.

גאַרסקי: און וועסט זיכער האָבן אַ געזונט, שיין קינד. (וואַרפֿט אַ בליק אויף איר בויך). אַ וואונדערבאַרע זאַך, ווי באַגריפֿן בייטן זיך. פֿון תּמיד אָן האָב איך פֿיינט געהאַט שוואַנגערדיקע פֿרויען: זייערע גרויסע בייכער האָבן באַליידיקט מײַנע עסטעטישע געפֿילן. און איצט קוק איך אָפּט אויף דיר, און מיר דאַכט זיך, אַז שוואַנגערשאַפֿט איז גאָר אַ שיינקייט,

אַז פון יעדן פּעלדל פון דיין קלייד, פון דיין יעדער באַוועגונג רייסט זיך דער סוד פון דעם קליינעם באַשעפעניש, וואָס דאַרף דורך אונז שוין באַלד אין לעבן אַריין קומען.

אַ נ נ אַ (שמייכלט): אַך, ווי דיין פּאָטערשאַפט האָט זיך אַזוי פּאָעטיש אין דיר צעברענט.

גאַ ר ס ק י (לאַכט): פּאָטערשאַפט מיי־איי. געדענקסט דאָך סטרינדבערג'ס פּאָטער?

אַ נ נ אַ: כ'האָף, דו שטעלסט זיך נאָך ניט אין זיין לאַגע?

גאַ ר ס ק י: דערווייל נאָך ניט. אָבער אַזוי לאַנג, ווי דאָס קליינע נפש'ל וואַקסט ניט אויס אין דער טיפעניש פון אונזערע מענערשע קערפּערס, קענען אונזערע געפילן אפילו ניט פאַר־גליכן ווערן צו דער מוטער'ס.

אַ נ נ אַ: דאָס איז ריכטיק.

גאַ ר ס ק י (שמייכלט): שטעל זיך פאָר אַזאַ פאַל: נעכטן, פאַרבייגייענדיק אַ מעבל־קראָם, בין איך אומבאַוואוסטזיניקערייד שטיין געבליבן בײַ אַ פענסטער און גענומען קלייבן אַ קינדער־בעטעלע.

אַ נ נ אַ: ס'איז ניט מער ווי נאַטירלאַך. איך האָב שוין פאַר'ן קינד אויסגעקליבן טויזנטער זאַכן. דאָס איינציקע, וואָס שטערט מיר, איז, וואָס כ'ווייס ניט, צי ס'וועט זיין אַ אינגל אָדער אַ מיידל.

גאַ ר ס ק י (קוקט אָפּ'ן זייגער): מיר איז אַלץ איינס. שוין באַלד זיבן. פילסטו ניט ווי אַהיים צו גיין?

אַ נ נ אַ: באַלד. מיר וועלן זיצן נאָך אַביסעלע. (קוקט זיך אַרום). דער ווינקל איז אַ פּראַכטפול־שיינער!

גאַ ר ס ק י: און אַ גאַנץ באַהאַלטענער. בלויז פאַרליבטע מיט'ן חוש פון זייערע געפילן קענען אים אויסזוכן.

אַ נ נ אַ (טוליעט זיך צו אים): ווי שיין דו רעדסט צייטנ־ווייס!

(רעכטס באַווייזן זיך ראָבען און סילוויאַ, ענג צוגעדריקטע איינער צום צווייטן. רעדן עפּעס שטיל צווישן זיך.)

גארסקי: זע, אט קומט ראבען מיט סילוויא!

אננא (קוקט זיך אנגעשטרענגט איין): האסט, דאכט זיך, א טעות.

גארסקי: דאס זיינען זיי זיכער.

(דאס פארל דערנענטערט זיך.)

גארסקי (שטייט אויף, זאגט צום פארל): ס'איז איינפאך א בושה, מענטשן זאלן צין מאנאטן נאך דער חתונה זיך נאך אלץ נאריש מאכן, ווי אין די ערשטע האניק־טעג.

סילוויא (לאכט): זע, ראבען, גארסקי איז דא!

ראבען: און אננא, ווי געוויינלאך, מיט אים!

סילוויא (צום מאן, מיט א באהאלטענער איראניע): זעלבסטפארשטענדלאך! (גייט צו, צוקושט זיך מיט אננא'ן). נו, וואס מאכסטו, אננעלע טייערע? דיך שוין אזוי לאנג ניט געזען!

אננא (איינגעהאלטן): יא, שוין לאנג.

סילוויא: און ס'איז דיין שולד! איך בין צוויי מאל בא דיר געווען, און דו בא מיר קיין איין מאל ניט. כ'האב פעסט באשלאסן, אז ביז דו וועסט מיר ניט אפגעבן קיין וויזיט, זעסטו מיך ניט מער בא זיך. און ווי ס'ווייזט אויס הארט עס דיך גאנץ ווייניק.

גארסקי: אום גאטעס ווילן, סילוויא, גיט אף מיר אויך א קוק!

סילוויא (גיט אים די האנט): וואס ווייניקער מען קוקט אף אייך, מענער, אלץ געזינטער איז!

ראבען (ניט הויך): וואס מאכט איר, אננא?

אננא (ווארפט אף אים א זייטיקן בליק, גיט אן אומ־באשטימטן בויג מיט'ן קאפ. זאגט סילוויא'ן): און דו ביסט די זעלבע קאקעטקע ווי שטענדיק.

סילוויא (לאכט): צום באדויערן איז דאס דער איינ־ציקער מיטל, דורך וועלכן מען קען זיי אלע (ווייזט אן אף די מענער) צווינגען ארויסצוווארפן א ווייסע פאן.

גארסקי: איך רײַכן, סילוויא טײערע, איר דאַרפט שוין האָבן אַ גאַנצע היבשע קאָלעקציע ווײַסע פּאַנעס?!

אננא (סאַרקאַסטיש): וואָס פאַר אַ פראַגע!

סילוויא (לאַכט. זאָגט צו אַננאַ, אַ ביסל שטילער): בייס זיך ניט, מען קען דיך! (צו גאַרסקי'ן): ניט צו פאַרזינדיקן.

אננא (אָנווײַזנדיק אױף ראָבענ'ען): איך האָף, זײַן ווײַסע פּאָן איז שוין די לעצטע?

גארסקי (לאַכט): איין גאָט ווייסט!

סילוויא (לאַכט): אַננאַ, ביסט הײַנט שוין עפּעס צו סאַרקאַסטיש. קען איך דיר, אפשר, מיט עפּעס העלפן? (זעצט זיך אױף גאַרסקי'ס פּלאַץ. ער פאַרנעמט דעם פּלאַץ נעבן איר).

אננא: איך צווייפל ניט אין דײַן גוטסקייט.

גארסקי (צו ראָבענ'ען): וואָס שטייסטו עפּעס אַזוי ווי אַ נײַבטיקער?

ראָבען (זעצט זיך נעבן אַננאַ'ן): אָ, גאָרניט. ווען פרויען ריידן צווישן זיך, איז פאַר אונז דאָס געזונטסטע צו הערן און שווײַגן.

(אַלע רעדן עפּעס שטיל צווישן זיך. פון אונטער דער באַנק רוקן זיך ארויס זייערע געדאַנקען אין געשטאַלט פון פיר נאַקעטע מענטשן. אַלע זײַנען זיי אין מאָס קלענער פון זייערע בעלי־בתים און האָבן אין זיך עטוואָס ענלאַכעס צו זיי. זיי טראָגן געשטריקטע אַנצוגן פון דער זעלבער פאָרם ווי די קליידער פון די, וועמען זיי שטעלן פאָר. סילוויא'ס קלייד איז רויט, אַננאַ'ס — בלוי. גאַרסקי'ס אַנצוג לייכט־ברוין, ראָבענ'ס — שוואַרץ. אַ ווײַלע ליגן זיי אויסגעצויגן אױף זייערע בײַכער, מיט די קעפּ פאָראויס, באַטראַכטן זיך, נאָכדעם קריכן זיי אָרויס און זעצן זיך אוים נעבן די פיס פון זייערע בעלי־בתים. אַ פּאַוזע. זיי פאַנגען אָן ריידן צווישן זיך.)

(דער געשפּרעך פון די געדאַנקען.)

גארסקי'ס געדאנק: סילוויא, דו ביסט פּראַכט־פול!

ס י ל ו ו י א ׳ ס ג — ק: שענער פון דיין אננא׳ן בין איך זיכער!

ג א ר ס ק י ׳ ס ג — ק: אָן צווייפל. איך קען פון דיר מיינע אויגן ניט אָפּרייסן.

ס י ל ו ו י א ׳ ס ג — ק (בויגט זיך צו קאָקעטיש): וואָלסטו זי פארלאָזן צוליב מיר?

ג א ר ס ק י ׳ ס ג — ק: יאָ, אָבער ניט איצט, אין אזא לאגע.

ס י ל ו ו י א ׳ ס ג — ק: איך האָב זי פיינט, פונקט ווי זי מיך!

ג א ר ס ק י ׳ ס ג — ק: נו, און דו וואָלסט פארלאָזן דיין ראָבענ׳ען?

ס י ל ו ו י א ׳ ס ג — ק: יאָ. מיט א ביסל אָנשטרענגונג. ער איז זיכער ניט מיין לעצטער.

ג א ר ס ק י ׳ ס ג — ק (נעמט זי ארום): איך וויל דיך אזוי שטארק, אז יעדער אבר ציטערט אין מיר!

ס י ל ו ו י א ׳ ס ג — ק (לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ אַף זיין אקסל): ס׳איז גוט מיט דיר. (לאכט שטיל, אויפרעגנדיק).

ר אָ ב ע נ ׳ ס ג — ק: ווי שווער מיר איז איצט, אננא!

א נ נ א ׳ ס ג — ק (זיפצט שווער): פונקט ווי מיר!

ר אָ ב ע נ ׳ ס ג — ק: דיין שוואנגערשאפט האָט מיך ווי צודריקט.

א נ נ א ׳ ס ג — ק: און מיך שטיקט אן עקל פון דיין הייסער ליבע צו דער אויסגעלאסענער סילוויא׳ן!

ר אָ ב ע נ ׳ ס ג — ק: פארוואָס זיינען מיר זיך אזוי פּלוצלינג און נאריש צעגאנגען?

א נ נ א ׳ ס ג — ק: ווייל דיין ליבע צו מיר איז אָפּגעשטאָרבן.

ר אָ ב ע נ ׳ ס ג — ק: ניין, דאָס האָט זיך דיין ליבע געענדיקט. איך בענק נאָך איצט נאָך דיר.

אננא'ס ג—ק (שטיל): איך אויך. (ביידע קוקן זיך איין אײנער אין צווייטן). וואָס־זשע איז פּאַרט געשען, ראָבען?

ראָבענ'ס ג—ק (נעמט אננאַ'ס האַנט, דריקט זי צו צום האַרצן): מיר האָבן איבערגעטראָטן אימיצנס געזעצן פון מענטשלאַכן צוזאַמענלעבן און זיינען באַשטראָפט געוואָרן.

אננא'ס ג—ק: אַלע לעבן פּונקט אַזוי.

ראָבענ'ס ג—ק: און אַלע מאַטערן זיך און טראָגן די שטראָף?

אננא'ס ג—ק (דורך טרערן): ווי אַזוי־זשע פּאָרט דאַרף מען לעבן, כדי דאָס גליק ניט אָפּצוטויטן אַזוי גיך?

ראָבענ'ס ג—ק (שאָקלט טרויעריק מיט'ן קאָפּ): כ'ווייס ניט, קיינער ווייס ניט... צו דעם זיינען מיר נאָך ניט דערגאַנגען. (ביידע זיצן מיט טיף־געבויגענע קעפּ).

(די פּערזאָנען ריידן).

גארסקי (אויפגעלעגט): הער, ראָבען, אויב מיר האָבן זיך שוין יאָ היינט געטראָפן, זאָלן מיר אויך דעם זונטיק פאַר־ברייגנגען צוזאַמען.

ראָבען: אויסגעצייכנט! (צו סילוויאַ'ן) ווי געפעלט דיר דער פּלאַן?

סילוויא: זייער.

ראָבען (צו אננאַ'ן): איך האָף, איר, אננא, האָט אויך גאָרניט דאַגעגן?

אננא: זיכער ניט. די פראַגע איז בלויז, ווי אַזוי איך וועל פילן.

גארסקי (צו אננאַ'ן): איך האָף, וועסט פילן גוט.

סילוויא (צו אננאַ'ן, אָנווייזנדיק אַף איר גרויסן בויך): זעסט, טייערע, צו אַזאַ נאַרישקייט וואָלט איך שוין ניט דער־לאָזט. זאָלן זיך אַנדערע זאָרגן פאַר דער פּאָרטזעצונג פונ'ם מענטשלאַכן דור. איך קימער זיך בלויז פאַר מיין געזונט און שיינקייט.

ראָבען (מיט אַ באַהאַלטענעם זיפץ): איז אַ קינד ניט איינע פון די גרעסטע שיינקייטן?

סילוויא (לאַכט): אָ, ליבער מיינער, איך גיב עס צו. און ווען דו וויליגסט נאָר איין עס אויסצוטראָגן און האָבן, וואָלט איך מיט פאַרגעניגן געוואָרן אַ מוטער און דיר ארויס־געהאָלפן אויסצוכאַווען עס.

גאַרסקי (לאַכט): דאָס איז אַ שפּאַס! איך שטעל זיך נאָר פאָר, ווי ראָבען פאַרגייט עס אין טראָגן פון סילוויא'ן, ווי די גרויסע דאָקטוירים קומען צופאָרן אים אונטערזוכן.

סילוויא (פריילאך): דאָס זיינען מיינע קאָנדיציעס.

אננא: ביסט קלוג, סילוויא, גאָר ניט נאָך די יאָרן.

סילוויא (שטעכיק): מיר מוזן אָבער פריער עפענען דעם סוד פון אונזער עלטער.

ראָבען: מיר זיינען אַוועק אָן אַ זייט. ווי בלייבט עס מיט'ן זונטיק?

אננא: כ'דענק, מיר זאָלן עס אָפּלעגן אויף שפּעטער.

ראָבען: ניין, ניין. דאָס טויג ניט!

סילוויא: אננא, שלאָג ניט אָפּ! זאָלן אונזערע שונאים — די מענער, ניט זאָגן, אז מיר זיינען שטערער.

גאַרסקי (בויגט זיך צו צום ווייב): איך האָף, טייערע, ועסט פילן גוט. לאָמיר זיך אַביסעלע אויפמונטערן: מיר זיינען זיך שוין צופיל פאַרזעסן אין דער היים. מיר וועלן זיין זייער פאַרזיכטיק.

אננא: גוט, איך שטיי ניט אין וועג.

סילוויא (פריילאך שפּאָטיש): לאַנג לעבן זאָל יענע פרוי, וואָס שטייט ניט אין וועג!

אננא: צי אפשר יענע, וועלכע שטייט אין פילע וועגן?

סילוויא: אינטערעסאַנטער איז זיכער די לעצטע.

אננא: ווי פאַר וועמען.

סילוויא: פאַר אַ גרעסערן טייל מענער אַלענפאַלס!

אננא: פאַר'ן ביליגערן — זיכער!

גארסקי: מיין גאָט, עס שמעקט מיט פּולווער! ראָבען, שווייג ניט! שנעל באַשלים וואוהין מיר פאָרן היינטיקן זונטיק אָדער... (אַלע לאַכן, רעדן צווישן זיך. באַלד ווי זיי ווערן אַנט־שוויגן, פאַנגען זייערע געדאַנקען אָן צו רעדן.)

(דער געשפּרעך פון די געדאַנקען).

גארסקי'ס ג—ק (קושט סילוויאַ'ן): דו ביסט איין שטיק ליידנשאַפט! דיינע ברוסטן רייסן זיך אַנטקעגן יעדן מאַן און דיינע קיילאַכדיקע פּלייצעס רופן און זאָגן צו, אַז ס'וועט ניט זיין אומזיסט.

סילוויאַ'ס ג—ק (לאַכט שטיל, אַנציענד): איך ווייס עס. איך האָב עס ליב.

גארסקי'ס ג—ק: איך שטעל זיך פאָר, וויפיל מענער דו האָסט שוין געהאַט!

סילוואַ'ס ג—ק: זיכער וויינִיקער, ווי דו פרויען!

גארסקי'ס ג—ק (לאַכט): דאָס געווים. (קושט זי.) זאָג, טייערע, ווען ביסטו אליין אין הויז?

סילוויאַ'ס ג—ק: אָ, ווי אומגעדולדיק דו ביסט! נו, און וואָס איז מכח דיין שוואַנגערדיקער פרוי?

גארסקי'ס ג—ק: דאָס זעלבע, וואָס מכוח דיין וואוילן, אָבער אַביסל נאַרישלאַכן מאַן.

סילוויאַ'ס ג—ק: ער איז קליגער פון אונז ביידן און זיכער ערלאַכער פון דיר!

גארסקי'ס ג—ק: אָבער דו דאַרפסט אָפט פילן גאַנץ לאַנגווייליק מיט אים.

סילוויאַ''ס ג—ק: זיכער פריילאַכער ווי דו, מיט דיין נודנע־ערלאַכער ווייב.

גארסקי'ס ג—ק (דריקט זי צו זיך): וואָס איז דער חילוק! קיין זאַך גייט מיר איצט ניט אָן אחוץ דיר. ווען קען איך דיך זען?

סילוויאַ'ס ג—ק: ביסט אַן אונטרייער הונט, אָבער געפעלסט מיר זייער. איך וויל זיך אויך נוקם זיין אָן דיין גע־

שוואַלענער ווייב, אָבער כ'האָב פיינט צו שפּילן אַ צווייטע פידל.

גאַרסקי'ס ג—ק: איך גלויב, ביסט צו קלוג, זאָלסט וועלן אַ צווייטענדיקע טראַגעדיע, ווען מען קען זי לייכט אויס־מיידן? פאַרשטייסטו אַליין ניט, אַז אַזעלכע ווי מיר, מוזן האָבן נעבן זיך באַשעפעניש, וואָס זאָלן זיין בעסער און ערלאַכער פון אונז אַליין? צוזאַמען וואָלטן מיר ביידע קיין צוויי וואָכן ניט אויסגעהאַלטן.

סילוויא'ס ג—ק: ביסט אַ גאַנצער פסיכאָלאָג.

גאַרסקי'ס ג—ק: אפילו קיין האַלבער אויך ניט. איך וויל דיך, בין גרייט צו צאָלן דעם פולסטן פּרייז, אָבער עס זאָל האָבן אַ געדאַנק.

סילוויא'ס ג—ק: אין גרונט גענומען זיינען די מערסטע מענטשן קליינלאַכע באַשעפענישן.

גאַרסקי'ס ג—ק: ווי ס'ווייזט אויס, ביסטו עס דער פּסיכאָלאָג, ניט איך. אָבער וואָס גייט מיך דאָס אַלץ אָן? (דריקט זי צו זיך.) ווען קען איך דיר זען?

סילוויא'ס ג—ק: פרייטיק 9 אַזייגער גייט ער אוועק אַף אַ פאַרזאַמלונג.

גאַרסקי'ס ג—ק (קושט זי): כ'וועל זיין אין צייט. (דריקט זי צו זיך.)

ראָבענ'ס ג—ק (הויבט אויף דעם קאָפּ. זיפצט): דאָס קינד, וואָס דו, אננא, טראָגסט, האָט באַדאַרפט זיין פון מיר.

אננא'ס ג—ק: פריער ביסטו געווען דאַגעגן דעם. געדענקסט, איך האָב דיך ניט איינמאָל געבעטן?

ראָבענ'ס ג—ק: ווי פאַרברעכעריש־נאַריש פילע זאַכן פון יענער צייט זעען בא מיר איצט אויס!

אננא'ס ג—ק: דאָס קינד, וואָס מיר האָבן אַמאָל פאַרניכטעט, וואָלט שוין איצט זיבן יאָר אַלט געווען.

ראָבען'ס ג—ק (טרויעריק): אַ אינגעלע פון זיבן יאָר.

(ביידע זיפצן שווער).

אננא׳ס ג—ק: זאָג, ביסטו כאָטש גליקלאך מיט דיין האלב־אויסגעלאָסענער פרוי?

ראָבען׳ס ג—ק: איך האָב זי ליב.

אננא׳ס ג—ק: ווי פיינט איך האָב זי!

ראָבען׳ס ג—ק (לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ).

אננא׳ס ג—ק: זי וועט דיך צו יעדער צייט פארבייטן אַף א רייכערן, א אינגערן, א שענערן.

ראָבען׳ס ג—ק (צונעמט די הענט): איך ווייס עס.

אננא׳ס ג—ק: כ׳וואָלט געוואָלט זי זאָל שטארבן!

ראָבען׳ס ג—ק: וואָס וואָלט דיר פון דעם ארויסגע־קומען?

אננאס ג—ק: אזעלכע ווי זי טאָרן ניט עקזיסטירן!

ראָבען׳ס ג—ק: ווי טרויעריק אלץ איז!

אננא׳ס ג—ק (ווישט די אויגן): ווי שוידערלאך!

סילוויא׳ס ג—ק (דרייט אוים דעם קאָפּ צו אַננאַ׳ן): איך האָב דיך, אננא ליב פונקט ווי דו מיך! ביסט א זיס־נודניצ לעקאכל, פון וועלכן עס קערן זיך איבער די קישקעס!

אננא׳ס ג—ק: און דו ביסט א גאסן־פרוי!

סילוויא׳ס ג—ק: און פון דיין צווייפלהאפטער ערלאכקייט טראָגט מיט שימל פאר דריי מייל.

אננא׳ס ג—ק: און דיך דערקענט מען פאר צען מייל, ווער דו ביסט!

סילוויא׳ס ג—ק: מיין ערלאכקייט האָט די זעלבע ווערט ווי דונע, אָבער קיין מעלקעדיקע קו, ווי דו, בין איך זיכער ניט!

אננא׳ס ג—ק: עס עקלט מיך אָפּט צו קוקן אַף דיר!

סילוויא׳ס ג—ק: זע בעסער דיין מאן זאָל ניט אוועק מיט מיר!

אננא׳ס ג—ק: וועסט עס ניט דערלעבן!

סילוויא׳ס ג—ק: כ׳קען עס שוין גאָר דערלעבן און גאנץ גיך אויך. כ׳דארף נאָר ווען.

אננא'ס ג—ק (קוקט זי אָן מיט האַס. קערט זיך אָפּ).

גאַרסקי'ס ג—ק (בויגט זיך איבער צו ראָבענ'ען):

ביסט אַ גרויסער נאַר, ראָבען. צו וואָס האָסטו געדאַרפט האָבן אַזאַ ווייב, ווי סילוויאַ?

ראָבען'ס ג—ק: צוליב דער זעלבער אורזאַכע וואָס דו האָסט גענומען אַזאַ, ווי אננאַ.

גאַרסקי'ס ג—ק: אפשר וואָלטן מיר זיך גאָר גע־ביטן מיט די ווייבער?

ראָבען'ס ג—ק: דיינע איז שוין געווען אַמאָל מיינע. זיך צוגאַנגען.

(די געדאַנקען זעצן שטיל פאָר זייער געשפרעך. די פּערזאָנען פאַנגען אָן רעדן).

גאַרסקי: הערט, איך דענק, מיר זאָלן זיך דורכפאָרן אויף שבת און זונטיק קיין ראַקאַוויי־ביטש.

סילוויאַ: צו שמוציק און צופיל מענטשן.

ראָבען: אויב אַזוי, פאָרן מיר קיין לאָנג ברענטש.

סילוויאַ: דאָס איז שוין פיל בעסער.

גאַרסקי (בויגט זיך צו צו אננאַ'ן): ווי געפעלט דיר לאָנג־ברענטש?

אננאַ: ניט שלעכט.

גאַרסקי: בלייבט עס, הייסט עס, לאָנג ברענטש!

(וואַרפט אַ זייטיקן בליק אויף סילוויאַ'ן, וואָס ענטפערט אים מיט אַ שעלמישן שמייכל.)

סילוויאַ: מען מוז זיך אָבער פריער באַוואָרענען מיט אַ פּלאַץ, וואו צו שטיין.

ראָבען: אָן צווייפל. איך וועל מאָרגן פרי אָפּרופן מיינעם אַ פריינט און ער וועט אונז שוין באַזאָרגן מיט צוויי צימערן.

גאַרסקי: אויסגעצייכנט. הייסט עס, שבת צוויי אַ זייגער טרעפן מיר זיך בא מיר אין הויז. מיר וועלן כאַפּן אַ קיי און זיך לאָזן אין וועג אריין. באַשלאָסן?

ר אָ ב ע ן: באַשלאָסן!

ס י ל ו ו י א (נעמט ארום אַננאַ'ן): ווי בלייך דו זעסט אוים! (ווייזט אָן אַף איר בויך.) ס'איז, אַפּנים, ניט גרינג מיטצושלעפּן אַזאַ פּעקל?

אַ נ נ אַ: גאָט וועט דיר העלפן, וועסטו אַליין וויסן.

ס י ל ו ו י א: ביים דיר אָפּ אַ האַלבע צונג!

ג אַ ר ס ק י (צו ראָבען'ען): ניט געזאָרגט, ברודער. אויב עס וועט אונז דאָרטן ווערן אַביסל לאַנגווייליק, וועלן מיר זיך אויסזוכן אַ פּאָר בלאָנדע מלאָכים'לאַך און . . .

ס י ל ו ו י א: אַ גאַנץ גוטער געדאַנק. איך וועל אויך זען קריגן עפּעס אַ שוואַרצן טייוול און וועל זיך, מן־הסתם, אויך ניט לאַנגווייליקן. אַ שאָד, אַננאַ וועט עס ניט קענען טאָן.

אַ נ נ אַ: זאָרג זיך, סילוויא, בלויז פאַר דיינעטוועגן.

ס י ל ו ו י א: איך טו עס שטענדיק.

אַ נ נ אַ (צום מאַן): מיר'ן שוין גיין. איך פיל מיד.

ג אַ ר ס ק י (שטעלט זיך אויף): איך בין פאַרטיק.

ר אָ ב ע ן: וואָס איילט איר זיך אַזוי? קומט, וועלן מיר זיך נאָך דורכגיין אַביסל.

ג אַ ר ס ק י (וואַרפט אַ פרעגנדיקן בליק אַף דער פרוי).

אַ נ נ אַ: ניין, כ'פיל זייער מיד.

(אַלע שטייען אויף, גיבן זיך די הענט. אַננאַ און סילוויא צוקושן זיך).

ג אַ ר ס ק י: איז אָפּגערעדט?

ר אָ ב ע ן: מאָרגן רוף איך אָפּ און מען וועט אונז פאַר־זאָרגן מיט צימערן.

אַ ל ע (דריקן זיך די הענט): אַ גוטע נאַכט, בלייב געזונט. צו ווידערזען. (זיי צוגייען זיך לאַנגזאַם: גאַרסקי און אַננאַ רעכטס, ראָבען און סילוויא — לינקס. גאַרסקי און סילוויא קוקן זיך שנעל אום.)

(די געדאַנקען ריידן צווישן זיך).

ראַבענ'ס ג—ק (הויבט זיך אויף צוזאַמען מיט אננאַ'ס ג—ק): אַ גוטע נאַכט, אננאַ. עס טוט מיר איצט באַנג אַף אַ סך, אַ סך זאַכן.

אננאַ'ס ג—ק: אַ גוטע נאַכט. מיר אויך. אָבער העלפן קענען מיר זיךביידע ניט. (ער גיט איר אַ קוש אין האַנט, זי אים אין שטערן, און ביידע צוגייען זיך לאַנגזאַם נאָך זייערע בעלי־בתים. אינמיטן וועג בלייבן ביידע שטיין, קוקן זיך אום טרויעריק און גייען ווייטער).

גארסקי'ס ג—ק (קושט סילוויא'ן): אַך, דו טייוול, ווי שאַרף־זים דו ביסט!

סילוויאַ'ס ג—ק: גענוג, מען דאַרף גיין. (ביידע הויבן זיך אויף.)

גארסקי'ס ג—ק: הייסט עס פרייטיק 9 אזייגער?

סילוויאַ'ס ג—ק: יאָ. קום אביסל פריער.

גארסקי'ס ג—ק (מיט פרייד): גיב מיר איין קוש. כ'בעט דיך.

סילוויאַ'ס ג—ק (לאַכט): ווילסט צו פיל, בחור. (גיט אים אַ שנעלן קוש אין די ליפּן, דרייט זיך געשיקט ארויס פון זיינע הענט און אַנטלויפט מיט אַ שטילן, רופנדיקן געלעכטער. פאַרביילויפנדיק אַננאַ'ן שרייט זי איר אריין אין פנים): ביסט אַ קו! (פאַרשווינדט לינקס.)

גארסקים ג—ק (שרייט איר פריילאַך נאָך): אַך, דער טייוול זאָל דיך נעמען! (רייבט אויפגעלעגט די הענט, גיט אַ שפרונג אונטער און לויפט רעכטס. פאַרביילויפנדיק, שרייט ער ראַבענ'ען אין פנים אריין): ביסט אַן אייזל, פריינט! (פאַר־שווינדט. אַננאַ'ס און ראַבענ'ס געדאַנקען בלייבן שטיין פון ביידע זייטן, קוקן זיך אום, גיבן אַ זיפץ, אַ טרויעריקן שאָקל מיט די קעפּ און גייען אָפּ. אַ פּאַוזע).

(פאָרהאַנג.)

אין זיך

(אַ פּסיכאָלאָגישער עטיוד)

פּ ע ר ז אָ נ ע ן:

ל י ו ו ע ן
ט י ל י, זיין פרוי.

אַ גרויסער, פּירעקיקער צימער. אין דער מיטלסטער וואַנט אַ טיר, צוויי פענסטער פון בײדע זייטן. דאָס דריטע פענסטער אין דער לינקער וואַנט. רעכטס אַ טיר אין קיך אַריין. לינקס, באַם פענסטער, אַ שרייב טיש; פאַר אים אַ וויג־שטול, באַ די זייטן צוויי אָרם־שטולן. אין רעכטן ווינקל אַ ווייכע סאָפע, אין לינקן אַ שאַפע מיט ביכער. באַ דער רעכטער וואַנט אַ וויקטראָלאַ. אַף די ווענט עטלאַכע בילדער. דורך דער טיר זעט זיך אַ באַלקאָן און פאַר אים לויפן פעלדער. דורך די פענסטער קוקט אַריין אַ גאָרטן.

7 אַזייגער פאַרנאַכט. דער טאָג גייט אַוועק אַ צופרידענער, אַ בלוטיק־רויטער. ליוועז זיצט באַם טיש און שרייבט אַ בריוו, טילי שטייט נעבן דער סאָפע און לעגט צוזאַמען וועש. בײדע טראָגן גאָר לייכטע קליידער. אַף די פיס סאַנדאַלן.

אַ פּאַוזע.

ל י ו ו ע ן (ניט אויפהערנדיק שרייבן): האָט בען געבראַכט היינט עסן פאַר די בהמות?

ט י ל י: יאָ. גאַנץ פרי. (אַ קליינע פּאַוזע) די עפּל פאַלן פון די ביימער. מען וועט זיי דאַרפן מאָרגן צונויפקלייבן.

ל י ו ו ע ן: כ׳ווייס. מיטאָק צייט וועל איך עס טאָן. אין דער פרי מוז מען דעם קאַרטאָפל אויסגראָבן. (אַ קליינע פּאַוזע).

ט י ל י: די הינער הערן זיך בּיסלאַכווייז אויף צו לייגן.

ל י ו ו ע ן: כ׳האָב זיך נאָכגעפרעגט: ס׳איז באַ אַלעמען אין דער צייט אַזוי.

ט י ל י: אין שייער דאַרף מען דעם דאַך צורעפּט מאַכן: עס רינט אַריין.

ל י ו ו ע ן: כ׳האָב עס באַמערקט. כ׳וועל מאָרגן באַשטעלן אַביסל שינדלען.

ט י ל י (דרייט אויס צו אים דעם קאָפּ): ווּעסט פאָרן אין שטאָט אריין?

ל י ו ו ע ן (שאָקלט מיט'ן קאָפּ אַף ניין): ניין. בען וועט פאָרן.

ט י ל י: וואָס פאר א מאָדנער מענטש דו ביסט: אָדער גאָר אָדער גאָרניט. אָדער ביסט דיין גאַנצן לעבן געלעגן א צוגעבונדענער אין ניו יאָרק און פאר קיין געלט ניט געוואָלט פון דאָרטן ארויסקריכן, אָדער, זינט דו ביסט א שטיקל פארמער געוואָרן, האָסטו אַף דער שטאָט אזא אומ'חן געוואָרפן, אז דו ווילסט אהין אפילו ניט אריינשמעקן.

ל י ו ו ע ן (לייגט אַוועק די פען, ציט זיך אויס אין שטול): יאָ... האָסט גאַנץ ריכטיק געזאָגט: כ'וויל אפילו ניט אריינשמעקן. כ'האָב זיך שוין צופיל אָנגעשמעקט. שיער ניט דערשטיקט געוואָרן. ווייסט, אָפּט, פארנאַכט נאָכ'ן עסן, זיץ איך אַפ'ן באַלקאָן, קוק אַף די ענדלאָזע פעלדער פוןביידע זייטן, אַפ'ן וואַלד, רעכטס, וועלכער צינדט זיך ווי אָן אונטער די שטראַלן פון דער פארגייענדיקער זון, אַף די בייטן פארשידענע ערד־פּירות, וועלכע מיר ביידע האָבן מיט אונזערע אייגענע הענט צום לעבן געבראַכט... איך ציִ טיף אין זיך די פרישע לופט, קוק אַפ'ן פארנאַכטיקן הימל, פיל ווי זיין לויטערקייט און רואיקייט פילט מיך אינגאַנצן איבער און כ'קען ניט פארשטיין, ווי אזוי איך האָב געקענט אזוי פיל יאָרן פארברענגען אין דעם שמוציקן, שטיינערנעם ניו יאָרק? ס'איז דאָך א שטאָט פון לעבעדיק־טויטע. ווי גייען זיי דאָרטן אַלע פון זינען ניט אראָפּ? ס'איז דאָך א שטאָט, וואו האַס און ניט־פארגינערשאַפט פילן אָן די מענטשנס הערצער, וואו מענטשלאַכע פּנימ'ער נעמען בּיסלאַכווייז איבער פון די ארומיקע שטיינער זייער פארב, אויסדרוק און קאַלטקייט. איך קען בשום אופן ניט באַגרייפן ווי איך האָב עס געקענט אזוי לאַנג אויסהאַלטן, אזוי לאַנג דולדן?

ט י ל י: איצט דאַכט זיך דיר אַלץ אויס אומגלויבלאַך,

און פריער האָט מען דיך פאַר די האָר פון דער שטאָט ניט געקענט אַרויסרייסן.

ליוועו: ווי נאַריש אַלץ איז געווען. צוערשט מיין שווערע אַרבעט אין פאַבריק, דערנאָך אין געשעפט... און אפילו מיין פריערדיקע שטרעבונג צו דער בינע, מיין וואונש צו ווערן אַ דראַמאַטורג, דאַכט זיך מיר איצט אויס לעכערלאַך.

טילי: נישקשה, דיינע דראַמען זיינען נאָך בעסער ווי די שמאַטעס וואָס זיי שפילן דאָרטן.

ליוועו: צוואַנציק דראַמען אָנגעשריבן אין די לעצטע זעקס יאָר און מיט קיין איינציקער דער שמוציקער באַנדע די־רעקטאָרן און סטאַר־אַקטיאָרן ניט צוגעטראָפן.

טילי: מן הסתם אַ צו־קליינער גוטער ברודער מיט זיי געווען.

ליוועו: דער טייוול ווייסט זיי! (אַ קליינע פּאַוזע) מילא, אַלץ איז שוין אוועק, כ׳האָב זיך שוין אויסגעהיילט פון דער דראַמען־משוגעת. כ׳האָב צו זיי אַלעמען גאָרניט. צוויי מענטשן זיינען אָבער פאַראַן, מיט וועמען כ׳וואָלט זיך געוואָלט אַמאָל אָפּרעכענען. דאָס איז שאַרעווסקי, דער טעאַטער דירעק־טאָר, און זיין סטאַר גאָלדמאַן. פון זיי מוז איך נאָך אַמאָל נקמה נעמען. די יאָרן פלעגן זיי מיר דערגיין. באַ יעדער באַגעגעניש פלעגן זיי מיך אויסלאַכן: „וואָס מאַכט איר עפּעס, דראַמען מאַנופעקטשורער? ווען ברענגט איר אונז אייער הונ־דערטסטע פּיעסע? מיר וועלן צוליב איר אַ שיינעם באַנקעט מאַכן.“ און נאָך זיי פלעגן שוין אויך אַנדערע נאָכטאַנצן און מיך מאַכן פאַר אַ ציל־ברעט פאַר זייערע פלאַכע וויצן.

טילי: אידיאָטן! און דיינע פריינט די פּאָעטן מיט די שרייבער, מיינסטו זיינען אפשר בעסער געווען? זיי פלעגן קומען צו אונז אין הויז, זיך אָנפרעסן, אָנטרינקען, אויסהערן דיינע דראַמען, זיי לויבן און שפּעטער אַליין זיי אויסלאַכן.

ליוועו (פאַרטראַכט): ניט אַלע האָבן אַזוי געהאַנדלט. איינִיקע פלעגן מיר אָפן זאָגן, אַז מיינע פּיעסן טויגן ניט, אַז...

כ׳זאָל זיך אַרויסשלאָגן פונ׳ם קאָפּ דעם געדאַנק צו ווערן אַ דראַמאַטורג.

טילי (בייזלאַך): אָבער לייען צענערלאַך פּלענן בא דיר אַלע?

ליוועץ (ציט זיך אויס, זאָגט צופרידן): מילא, ווי ס׳איז שוין ניט געווען, אבי כ׳האָב זיך באַפרייט פונ״ם קרענקלאַכן נעפּיל צו שרייבן פּיעסן און אַרומלויפן מיט זיי פון איין טעאַטער אין צווייטן. (שטייט אויף.) כ׳גיב צו. מעגלאַך, כ׳בין טאַקע געווען אַ שטיקל קרענק. אַף זיך אַליין איז יעדער איינער אַ קנאַפּער מבין. נאָך גוט וואָס ס׳איז מיר געבליבן גענוג שכל ניט אינגאַנצן צו פאַרנאַכלעסיקן דאָס געשעפט און פאַר׳ן געלט פון דעם קויפן אונזער פאַרם.

טילי: ווען ניט איך וואָלט אונזער געשעפט אויך צו גרונד געגאַנגען. מען האָט דאָך דיך דאָרטן קיין מאָל קיין זכיה ניט געהאַט צו זען: אין דער פרי פלעגסטו אַרומלויפן צווישן די טעאַטערע, בייטאָג אַרומגיין מיט די אַקטיאָרן און ביז שפּעט ביינאַכט זיצן אין קאַפע און שמועסן וועגן טעאַטער־געשעפטן. און איך בין ווי אַ הונט צום געשעפט געווען צו־געבונדן.

ליוועץ (גייט צו, נעמט אַרום דאָס ווייב): ביסט פאַלקאָם גערעכט, מיין טייערע. דו האָסט אָבער נאָך אַן אַנדער אור־זאַכע זיך צו פרייען וואָס מיר זיינען פּטור געוואָרן פון דער שטאָט. (קוקט איר אין פּנים אַריין) אין ניו יאָרק פלעגסטו אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק לויפן צו אַן אַנדער דאָקטאָר, דיין פּנים איז געווען געל, דער מאָגן האָט אינגאַנצן ניט געאַרבעט. פאַר די צען חדשים אָבער וואָס מיר געפינען זיך אַף אונזער פאַרם זיינען מיר ביידע גאָר נייע מענטשן געוואָרן. (ווייזט איר אַף זיינע מוסקולן) גיב אַ טאַפּ, ווי צוויי שטריק (גיט זיך אַ דריי און אַ צי פאַר איר) מיין יעדער גליד איז שטייף און קרעפטיק. (נעמט זי אַרום) און דו ביסט דאָך צען מאָל אַזוי שיין און יונג געוואָרן ווי פריער.

טילי (לאַכט צופרידן, שטויסט אים אָפּ פון זיך): גיי, מאַך זיך ניט נאַריש.

ליוועז (נעמט זי פעסטער אַרום): יאָ, מיין ליבע פאַר־מערקע, דיין הויט איז געוואָרן ריין און ברוין, דיין קערפּער דינער און בויגיקער און דיינע אויגן פינקלען ווי... ווי אַזוי זאָגן אונזערע פּאָעטן? זיי פינקלען ווי שטערן, ווי גלי־ווערים אָדער ווי... (קושט זי).

טילי (נעמט אים אַרום, לאַכט צופרידן): ווען דו פּאָלגסט מיך, טוסטו עס נאָך מיט דריי יאָר צוריק, און מיר וואָלטן שוין איצט געהאַט אַ גוט־אַרויפגעאַרבעטע פּאַרם.

ליוועז: מילא — פאַרפאַלן. מיר האָבן עס נאָך איצט אויך ניט פאַרשפּעטיקט.

טילי (וואַרפט אַ בליק אין דרויסן): שוין שפּעט. האָסט שוין געענדיקט דעם בריוו?

ליוועז: ניין. נאָך עטלאַכע שורות און כ'בין פאַרטיק.

טילי: אויב אַזוי, ענדיק שנעל און איך וועל דערווייל עפּעס מאַכן צום עסן. (גייט צו, קוקט אַרויס דורכ'ן פענסטער) בען איז שוין באַלד פאַרטיק מיט'ן מעלקן די בהמות. מען דאַרף אַרויסגיין אים צוהעלפן אַביסל. (גייט אין קיך).

ליוועז (גייט צו צום פענסטער, קוקט אַרויס, דרייט זיך אום אָפּ צוריק, שטייט פאַרטראַכט. אַ קליינע פּאַוזע. גייט לאַנגזאַם איבער דעם צימער, בלייבט שטיין באַם טיש, קוקט אָנגעשטרענגט פאַר זיך. אַ פּאַוזע. דערנאָך גיט ער מיט אַמאָל זיך אַ דריי אום צו דער אַריינ־גאַנגס־טיר און זאָגט: „קאַם־אין!"

(די גאַנצע נאָכפאָלגנדיקע סצענע ווערט געשפּילט פּונקט ווי אין צימער וואָלטן נאָך צוויי פּערזאָנען געווען, מיט וועלכע ער פירט אַ געשפּרעך. אַ קליינע פּאַוזע. זיין פּנים נעמט אָן אַ פאַרוואונדערטן איך עם? ווי קומט איר אַהער, הער שאַדעווסקי? און אויך אויסדרוק. ער פאַרנייגט זיך העפלאַך.) אַה, גאַט מיינער, וועמען זע איר, הער גאָלדמאַן? (ווייזט אָן אָף צוויי שטולן) זיצט! וואָס הערט זיך עפּעס אין שטאָט? ווי גייט עס עפּעס אין אייער

טעאַטער־וועלטל? (מיט אַ לייכטן שפּאָס צו שאַדעווסקי׳ן) איר זיינט נאָך אַלץ אונזער גרעסטער טעאַטער־דירעקטאָר, (צום צווייטן) און איר דער באַליבטסטער שוישפּילער? (לאַכט) נו, זיצט. דערציילט עפּעס נייס, איך בין דאָך אַן אמת׳ער פּאַרמער געוואָרן: לעז אפילו זעלטן זוען אַ צייטונג. ווער האָט עס צייט? דאָס פעלד, דער גאָרטן מיט׳ן סאָד נעמען אַוועק דעם גאַנצן טאָג. (הערט זיך צו, לאַכט) טאַקע, אין אמת׳ן, ווי קומט איר אהער? מיין פאַרם איז ווייט פונ׳ם וועג. (הערט זיך צו שמייכלענדיק. זיין פּנים נעמט אָן אַ פאַרוואונדערטן אויסדרוק) וואָס? איר זיינט געקומען ספּעציעל מיך זען? איר ווילט מיט מיר איבעררעדן וועגן קויפן אַ פּאָר פון מיינע דראַמען? (לאַכט ניט־גלויביק) האַ, הערט אויף צו שפּאַסן: מיך וועט איר שוין מער ניט נאַרן און פון זיך בלויז חוזק מאַכן. (קוקט ניט־גלויביק. הערט זיך צו. אַ קליינע פּאַוזע.) האַ, לאָזט צורו! עס האָט קיין געדאַנק ניט! וואָס עפּעס פּלוצלינג האָט זיך אייך פאַרוואָלט מיינע פּיעסן שפּילן? דאַכט זיך דאָ ערשט ניט לאַנג, איידער כ׳האָב זיך אַפּ מיין פאַרם באַזעצט, האָט איר ביידע גלייך געמאַכט פון מיר בלויז שפּאַס, מיך געהאַלטן פאַר אַ קרענק, פאַר אַ משוגענעם, און פּלוצלונג... (קוקט אַף זיי מיט פאַרוואונדערונג. הויבט אויף ביידע אַקסלען. הערט זיך צו. אַ קליינע פּאַוזע) אָבער אין גאָטעס ווילן, עס מוז דאָך זיין אַ גע־דאַנק דערביי. וואָס האָט איר זיך עס עפּעס פּלוצלינג דער־מאָנט אָן מיינע פּיעסן? (הערט זיך איין. שפּאַנט אויפגערעגט איבער׳ן צימער. בלייבט שטיין) דער טייוול ווייסט אייך. אפשר איז די גאַנצע געשיכטע אַ שפּאַס? ס׳איז אייך שוין צו אומעטיק געוואָרן אין קאָפּע צו זיצן, האָט איר באַשלאָסן זיך אביסל פריילאַך צו מאַכן? (הערט זיך איין אַ ווײַלע. גייט ווידער איבער׳ן צימער. בלייבט שטיין.) גוט, לאָמיר זיך פאַר־שטעלן, אַז אַלץ איז אַזוי ווי איר זאָגט, אַז ס׳איז פאַר אייך קיין נייע דראַמען אַפּ׳ן מאַרק ניט פאַראַן און איר האָט זיך אַרומגעקוקט, אַז מיינע זיינען גאַנץ גוטע פּיעסן. לאָמיר זיך

פאַרשטעלן, אַז אַלץ איז אַזוי. ווי־זשע קומט עס, וואָס איר, גוט ווימנדיק ווי טיף איר האָט מיך פריער באַליידיקט, זיינט דאָך פערזענלאַך געקומען מיר אייער אָנבאָט צו מאַכן און ניט געשיקט קיין קלענערן פון אייך? (הערט זיך איין.) אַזוי? איר האָט געוואָלט מיט דעם אייער שולד קעגן מיר און קעגן מיין אַרבעט אויסקויפן. (טראַכט אַ ווייל״ע) עס ליגט זיך אַפ׳ן געדאַנק. (גייט איבער דעם צימער. בלייבט שטיין.) וואָס פאַר אַ צוויי פּיעסן, אַשטייגער, וואָלט איר געוואָלט האָבן? (הערט זיך צו.) „די טרוימענדיקע פרויען“ און „די שוואַרצע פויגלען“? (לאַכט) ווי איך זע פאַרשטייט איר וואָס גוט איז. דאָס זיינען מיינע צוויי בעסטע פּיעסן. (גייט אויפגערעגט איבער׳ן צימער, מיט אַ ציטערנדיקן שמייכל אַף די ליפּן) אַזוי הייסט עס. ווען מען דאַרף דעם גנב — שניידט מען אים אָפּ פון דער תליה. ווען איך בין פריער צו אייך ווי אַ משוגענער אַלע וואָך פאַר יאָרן צייט געלאָפן און זיך געבעטן: „הערט מיך אויס“ — האָט איר מיך בלויז אויסגעלאַכט, און אַצינד, ווען כ׳בין אינגאַנצן אַוועק פון אייך, קומט איר צו מיר און בעט מיין אַרבעט. גייט איבער דאָס צימער, עפנט דעם ביכער־שראַנק, נעמט אַרויס צוויי העפטן, בלעטערט זיי דורך, טרויעריק שאָקלענדיק מיט׳ן קאָפּ. זעצט זיך אַוועק אין זיין שטול, לייגט אַוועק די העפטן אַפ׳ן טיש, זיפצט) גוט! איצט זאָגט מיר אייערע באַדינגונגען און ווען רעכנט איר די ערשטע פון זיי אויפצופירן? (אַ פּאַוזע. טראַכט אַ ווייל״ע) פיין! איך נעם אָן אַלע אייערע באַדינגונגען. נאָך שבת וועל איך קומען אין שטאָט און אייך ברענגען די פּיעסן. (צעלאַכט זיך אַפ׳ן קול. האַקט אָפּ דעם געלעכטער אין מיטן, קומט צו זיך, קוקט זיך דערשראָקן אַרום, גייט איבער דאָס צימער, בלייבט שטיין באַם טיש. נעמט די צוויי העפטן, לייגט זיי צוריק אין שראַנק, בלייבט שטיין אַ פאַרטראַכטער. אַ פּאַוזע. ער גלייכט זיך אויס, גיט אַ שמייכל, פאַרנייגט זיך לייכט, זאָגט): ווערטע פּובליקום! איך דאַנק אייך זייער פאַר דער גוטער אויפנאַמע, וואָס איר האָט געגעבן מיין ערשטער פּיעסע. פרייד און גליק זיינען, ווי

ס'ווייזט אויס, שטאַרקער פון ליידן, אַנדערש וואָלט איך געדאַפט אַצינד זיך אייך אַוועקשטעלן דערציילן פון אַלע צרות וואָס איך בין אויסגעשטאַנען ביז אונזער גרעסטער און בעסטער טעאַטער־דירעקטאָר האָט זיך אַרומגעקוקט און איז דאָ ניט לאַנג צוריק געקומען מיט גאָלדמאַנ''ען צו מיר אַפ'ן פאַרם און געקויפט צוויי פון מיינע פיעסן. ווי שווער ס'איז שוין אָבער דאָרטן ניט געווען, אייער איצטיקע באַגייסטערונג פאַרגיטיקט אַלע צרות און האַרץ־ווייטאָג, וואָס כ'בין ביז אַהער אויסגעשטאַנען און גיט מיר האָפענונגען אַף דער צוקונפט. איך דאַנק אייך נאָכאַמאָל, ווערטעס פובליקום! (דריקט וועמען די הענט פון ביידע זייטן. פאַרנייגט זיך, העפלאַך שמייכלענדיק. קומט צו זיך. גלייכט זיך שנעל און אומצופרידן אויס. גייט אַן אויפגערעגטער איבער'ן צימער).

טילי (רופט פון קיך): ליוועז, קום עסן. אַלץ שטייט שוין אַפ'ן טיש. שנעל!

ליוועז (בלייבט שטיין): כ'קום גלייך! (שטייט אַ ווײַלע פאַרטראַכט. גייט צו דער טיר. באַם שוועל בלייבט ער שטיין, קוקט זיך אום אַף צוריק, פאַרנייגט זיך לייכט אין ריכטונג צו די צוויי שטולן, זאָגט ליבלאַך): איצט, מיינע פריינט, ווען מיר אַף אַ שטונדע, צוויי, אויפגעבן אונזערע טעאַטער־געשעפטן און גיין עפּעס עסן. איך וועל אייך איבערצייגן, אַז ניט נאָר מיינע פיעסן האָבן די ווערט אויפגעפירט צו ווערן, נאָר אויך מיינע פרוכטן און גרינסן האָבן די ווערט געגעסן צו ווערן. הער שאַדעווסקי, גאָלדמאַן, קומט! (פאַרנייגט זיך העפלאַך, מאַכט אַ באַוועגונג, פונקט ווי ער וואָלט וועמען דורכגעלאָזן נעבן זיך. גייט אַרויס.)

דער פאָרהאַנג.

שאָד־מאַט

(אַ דראַמאַטישע סקיצע)

פּערזאָנען:

בערקמאַן
סאָפי, זיין פרוי
לעדער, זיין פריינט
אַ גוירם.

(סאָפּי׳ס שלאָפצימער. זי ליגט אין בעט, פינף טעג נאָכדעם ווי זי האָט געבוירן אַ קינד. בערקמאַן און לעדער זיצן נעבן אַ קליינעם טישל בײַ דער זייט און שפּילן שאַך.)

בערקמאַן (עטוואָס העכער פון מיטעלע יאָרן, טראָגט אַ שפּיציק בערדל מיט וואָנצעס, קוקט דורך גרויסע ברילן, באַוועגט זיך אומבאַהאָלפן, עטוואָס איינגעבויגן די פּלייצע): איך אַנטזאָג זיך היינט אַבסאָלוט צו פאַרשטיין דיינע גענג. אָדער דו ביסט צעטראָגן, דער קאָפּ ליגט דיר ניט בײַם שפּילן, אָדער... אָדער דו ווילסט, אפשר, גאָר נייע גענג אויסטראַכטן? (קוקט אױפ׳ן שאַך־ברעט, הויבט מיט די אַקסלען). איך קען, צום ביישפּיל, ניט באַגרייפן, צו וואָס האָסטו פּלוצלינג דאָס פערד אַרויסגעשטעלט? וואָס קען ער דיר געבן?

לעדער (רייִן ראַזירט, עלעגאַנט, מיט אַ יאָר זעקס אינגער פון בערקמאַנ׳ען): וואָס דאַרפסטו אַזוי פיל פילאָזאָפירן? גיי און אַן ענדע! (דרייט אוים דעם קאָפּ און קוקט אַף סאָפּי׳ן).

בערקמאַן (קוקט אױפ׳ן שאַך־ברעט): כ׳ווייס ניט. מילא וועלן מיר זען וואָס דו וועסט עפּעס אויפטאָן. (מאַכט אַ גאַנג).

לעדער (קערט שנעל אָפּ דעם קאָפּ פון סאָפּי׳ן, מאַכט זיין גאַנג ניט טראַכטנדיק. זיפצט שווער).

בערקמאַן (קוקט זיך איין, הויבט ווידער מיט די אַקסלען): איך הויב דיך ניט אָן צו פאַרשטיין. דיינע גענג האָבן מיר היינט איינפאַך צוטומלט. האָסט מיר איצט אונטערגעשטעלט אַן אָפּיציר צום שלאָגן און וואָס איז דער געדאַנק פון דעם? דו האָסט דאָך אים ניט מיט וואָס צו באַשיצן. (שפּאַרט אונטער דעם קאָפּ מיט ביידע הענט, טראַכט).

(לעדער קוקט אַף סאָפי'ן. זי הויבט אויף דעם קאָפּ.ביידע קוקן אַ ווײַלע איינער אַפ'ן צווייטן. זי גיט אַ קרומען שמייכל, ווישט אויס אַ טרער און לאָזט צוריק אַראָפּ דעם קאָפּ אַפ'ן קישן.)

בערקמאַן (ניט אויפהויבנדיק דעם קאָפּ פון ברעט): דער אָפּיציר איז אַבסאָלוט ניט באַשיצט און איך קען אים נעמען אומבאַשטראָפט.

לעדער (דרייט אויס דעם קאָפּ): בראַוואָ.

בערקמאַן (וואַרפט אַ בליק אַף לעדער'ן, דערנאָך צוריק אַפ'ן ברעט): בראַוואָ? בראַוואָ זאָל איך? (אַנטשלאָסן) גוט! (מאַכט אַ גאַנג און נעמט אַראָפּ דעם אָפּיציר.) איך בין אַ בעלן צו זען, וואָס דו וועסט מיר טאָן.

לעדער (קוקט אַ ווײַלע אַפ'ן ברעט, מאַכט אַ גאַנג).

בערקמאַן: גאָר ניט קיין שלעכטער גאַנג. אָבער וואַרט: האָסט זיך דאָך געשטעלט אונטער מיין פערד.

לעדער (קוקט זיך איין): ביזט גערעכט, כ'האָב געהאַט אַ טעות. (מאַכט אַ צווייטן גאַנג.) אַט אַזוי גיי איך.

בערקמאַן: אַט אַזוי... אַט אַזוי האָט געזאָגט דער דײַטש און איז... געשטאָרבן. אָבער וואָס דיין „אַט אַזוי" מיינט באַגרייף איך נאָך ניט.

לעדער (וואַרפט אַ בליק צו סאָפי'ן): מיין „אַט אַזוי" מיינט, אַז דו וועסט נאָך היינט קריגן אַ מאַט.

סאָפי (דרייט אויס דעם קאָפּ, זעצט זיך אומרואיק אויף.)

בערקמאַן: אַזוי גאָר? גוט, דאָס וועלן מיר נאָך זען.

(דאָס קינד פאַנגט אָן צו וויינען.)

לעדער (שפרינגט אויף): דאָס קינד וויינט!

בערקמאַן: האָסט מיך איבערגעשראָקן! נו און אַז דאָס קינד וויינט, איז וואָס? (שטייט אויף).

סאָפי (פאָרעט זיך באַם קינד).

בערקמאַן: ווילסט עפּעס, סאָפילע?

סאָפי: רוף אַריין די נוירס.

די נוירם (ערשיינט רעכטס, קוקט אויף איר האַנט־זייגער, לאַכט): פונקט צו דער מינוט זיך אויפגעכאַפּט! אָך, איז דאָס אַ קליינער פרעסער! (נעמט פון טיש אַ גלאָז מיט אַ פליסיקייט, גיט עס סאָפי'ן.) ווישט אָרום די בריסט.

סאָפי (ווישט מיט אַ שטיקל וואַטע די בריסט).

די נוירם: נו, שאַ, שאַ, קליינער פרעסער. באַלד קריגסטו דיינס.

לעדער (נערוועז): גאָט מיינער! פאַרוואָס לאָזט איר דאָס קינד זיך אַזוי לאַנג רייסן? עס קען דאָך פון די כחות אויסגיין שרייענדיק!

די נוירם (לאַכט): עס וועט אים גאָרניט שאַטן. ער וועט בלויז געזינטערע לונגען באַקומען.

סאָפי (גיט דעם קינד די ברוסט. עס ווערט אנטשוויגן).

בערקמאַן (צו לעדער'ן): ביזט געוואָרן אַביסל נערוועז די לעצטע צייט.

לעדער: אַ גאַנצע נאַכט היינט ניט געשלאָפן.

בערקמאַן: איז עפּעס געשען?

לעדער: גאָרניט... גלאַט אַזוי ניט געקענט שלאָפן.

די נוירם (צו סאָפי'ן): איך וועל אייך גיין אָנוואַרימען אַ ביסל זופּ. זעט, האַלט דאָס קינד בײַ דער ברוסט ניט מער ווי צוואַנציק מינוטן.

סאָפי: גוט. ווי שפּעט איז איצט?

די נוירם (קוקט אויפ'ן האַנט־זייגער): פונקט ניין. (גייט אַרויס).

בערקמאַן (גייט צו צום בעט, קוקט אויפ'ן קינד, זאָגט צופרידן): קוק נאָר אָן, לעדער, וואָס פאַר אַ יונג דאָס איז! ערשט פינף טעג און שוין אַ מענטש מיט לייטן גלייך. ניין און אַ האַלב פונט, ברודערקע, וועגט ער. ס'איז ניט קיין קלייניקייט. (לאַכט.) זע נאָר, ער האָט אָפּגעלאָזט די ברוסט און קוקט אויף מיר. אָך, ווי איך לעב — ער וועט זיין אַ חכם!

לעדער (קוקט זיך איין אין קינד. שווייגט.)

בערקמאַן: מיר דאַכט זיך אַלץ, אַז אין אַ פּאָר מאָ־נאַטן אַרום וועט ער שוין רעדן און אַרומלויפן. (לאַכט, קלאַפּט לעדער׳ן איבער׳ן אַקסל.) ס׳איז גוט, טשאַרט פּאָדערי, צו האָבן אַ זון. איצט באַגרייף איך ערשט ווי אינהאַלטסלאָז, נאַריש מיין גאַנצער לעבן איז פריער געווען. פאַרשטייסט, אַ קינד איז גע־קומען, אַ קליין בערקמאַנדל, אַ פּיצינקעלע אינגעלע, און אַ וואונ־דער איז געשען, גאָט׳ס וואונדער: דאָס הויז איז מיט אַמאָל לעבעדיק, פול, ווארים געוואָרן. מיר דאַכט זיך, איך וואָלט איצט אימשטאַנד געווען חדשים־לאַנג פון הויז ניט אַרויסצוטרעטן. עס האָט מיך לחלוטין אויפגעהערט ערגעץ וואו צו ציען, אָבער ווען איך בין ערגעץ־וואו אין דער פרעמד, איז מיין קאָפּ און האַרץ דאָ, נעבן מיין זון. קענסטו דאָס פאַרשטיין?

לעדער (זיפצט טיף): יאָ... איך פאַרשטיי עס שוין צו גוט.

בערקמאַן: ניין, ס׳איז אומעגלאַך: דו פאַרשטייסט עס אפשר מיט׳ן קאָפּ, אָבער אַזאַ זאַך דאַרף מען פילן מיט׳ן האַרצן. אום דאָס צו באַגרייפן, מוז מען זיין אַ פאָטער, ניט אַנדערש.

לעדער (וואַרפט אַ בליק אויף סאָפי׳ן): פון וואַנען ווייסטו, אַז איך בין עס ניט?

בערקמאַן (פאַרוואונדערט): דו? אַ פאָטער?

סאָפי (קוקט דערשראָקן אויף לעדער׳ן, לעגט אַוועק דאָס קינד אָן אַ זייט).

לעדער: איז עס דיר אַזוי שווער זיך פאָרצושטעלן? פּאַסט עס מיר ניט?

בערקמאַן (שמייכלט): עס פּאַסט דיר שוין גאָר, אָבער... כ׳האָב קיינמאָל וועגן אַזאַ זאַך פון דיר ניט געהערט.

ל ע ד ע ר: דאָס מיינט נאָך גאָרניט.

ב ע ר ק מ אַ ן (שמייכלט פאַרלעגן): יעדנפאַלס פּרייט עס מיך און... אויב ס'איז נאָר קיין שפּאַס ניט, גיב איך צו, אַז דאַן קענסטו מיך פאַרשטיין. (ווישט די ברילן).

ל ע ד ע ר (וואַרפט אַ בליק אַף סאָפי'ן).

ס אָ פ י (שטעקט אויס צו אים די ציטערנדיקע הענט, בעט אים עפּעס מיט'ן בליק, שאָקלענדיק מיט'ן קאָפּ אַף ניין).

ל ע ד ע ר (אנטשלאָסן): און נאָך מער וועסטו פאַרוואונדערט ווערן, ווען דו וועסט זיך דערוויסן, אַז...

ב ע ר ק מ אַ ן (ווישט די ברילן): אַז וואָס אַ שטייגער?

ס אָ פ י (צום מאַן): מאָריס, זיי אַזוי גוט, מאַך מיר צורעכט דאָס קישן. נו שנעלער, שנעלער. איך ליג אַזוי שלעכט!

ב ע ר ק מ אַ ן: מיט פאַרגעניגן! (גייט צו צום בעט, שלאָגט איבער דעם קישן).

ס אָ פ י (קוקט מיט געבעט צו לעדער'ן, רעדט צום מאַן): אַזוי, אַזוי... צושלאָג עס נאָך אַביסל.

(דער טעלעפאָן אין צווייטן צימער קלינגט).

ב ע ר ק מ אַ ן: אַט האָסטו דיר אַ טעלעפאָן אין מיטן העלן טאָג. לעג זיך, סאָפי'לע, איצט וועט דיך שוין ניט קוועטשן. (גייט אַפּ רעכטס).

(לעדער און סאָפי פאָלגן אים נאָך מיט די בליקן, ביז ער פאַרשווינדט).

ל ע ד ע ר (גייט האַסטיק צו, כאַפּט זי אָן פאַר די הענט): סאָפי, איך קען עס שוין ניט אויסהאַלטן מער! איך וועל פון זינען אַראָפּ!

ס אָ פ י (ציט צו זיין קאָפּ צו זיך): נו, בארואיק זיך, טייערער מיינער, איך בעט דיך... נעם זיך אין די הענט.

לעדער (דורך טרערן): אָבער באַגרייף... איך קען ניט הערן, ווען ער חזר'ט איבער יעדע מינוט: „מיין זון“, „מיין קדיש“, „מיין קינד“. נו, און איך? ס'איז דאָך מיינער, מיינער!

סאָפי (ווישט די טרערן): נו רואיק, רואיק, איך בעט דיך. זאָג איצט גאָרניט. וואַרט צו אַביסל: איך בין נאָך צו שוואַך. איך וועל עס ניט אויסהאַלטן!

(פון צווייטן צימער הערט זיך ווי בערקמאַן רעדט מיט וועמען דורכ'ן טעלעפאָן).

לעדער (נעמט דאָס קינד, קוקט זיך איין אין דעם): מיין קינד... מיין זון... מיינער, מיינער!! (דריקט עס צו זיך).

סאָפי: יאָ, דיינער. זע, דיין נאָז, דיין שטערן, אינ־גאַנצן דו!

לעדער (קוקט זיך ווידער איין אין קינד, דריקט עס צו זיך. אַ פּאַוזע).

סאָפי: ער גייט!

לעדער (קושט דאָס קינד, גיט עס איר אָפּ, זעצט זיך צום טישל, קוקט אָפּ'ן שאַך־ברעט).

בערקמאַן (קומט אַריין. זאָגט צו סאָפי'ן): מיר וועלן גאָר היינט האָבן געסט: די גערשמאַנס וועלן באַלד קומען. (גייט צום טישל.) וואָס טראַכסטו שוין דאָרטן אַזעלכעס? באַרויערסט די שוואַכע גענג, אָדער דו בויסט אפשר נייע פּלענער?

לעדער (ענטפערט ניט).

בערקמאַן (זעצט זיך): ס'איז מיין גאַנג. און גיין וועל איך... גיין וועל איך... אָט אַזוי. מיט דער קעניגין. (מאַכט אַ גאַנג) און אָט וועלן מיר זען וואָס דו וועסט מיר טאָן.

לעדער (מאַכט שנעל אַ גאַנג).

בערקמאַן (קוקט פאַרוואונדערט אַפ'ן ברעט, דערנאָך אַף לעדער'ן): אַזוי גאָר? גוט! (מאַכט אַ גאַנג).

(סאָפי פאַרעט זיך באַם קינד, ווישנדיק די טרערן.)

לעדער (מאַכט אַ צווייטן גאַנג).

בערקמאַן: הי־הי... אַזוי הייסט עס? זייער פיין. גוט! (מאַכט אַ גאַנג).

לעדער (מאַכט אַ גאַנג).

בערקמאַן (גיט זיך אַ הויב פון שטול, מאַכט אַ גאַנג): שאַך און מאַט! (לאַכט הויך.) שאַך און מאַט, ברודער! האָסט זיך ניט וואוהין אַ קער צו טאָן; פאַרפאַקט ווי אין אַ שטייגל!

לעדער (קוקט אַ ווײַלע אַפ'ן ברעט, קערט זיך אָפּ אָן אַנגע־כמורעטער, מיט פאַרבראָכענע הענט.)

סאָפי (קוקט אַף לעדער'ן, ווישט די טרערן.)

בערקמאַן (לאַכט): שאַך און מאַט! פאַרפאַקט, ברו־דער, ווי אין אַ שטייגל! כאַ־באַ־כאַ!!

(פאָרהאַנג)

ווייס און שווארץ

(א בילד)

פ ע ר ז א נ ע ן

ד ז ש י ם — א ווייסער. אַן אויפזעער איבער אייזנבאַן אַרבעטער.

ט א ם — אַ שווארצער. אַן אַרבעטער.

מ א ר ט א — אַ שווארצע.

דזשים׳ס צימער. אין מיטן אַ טיש מיט עטלאַכע ביינקלאַך אַרום. אַ בעט נעבן דער מיטלסטער וואַנט, רעכטס. נעבן פענסטער אַ קאַסטן. די טיר לינקס. נעבן איר אַ גאַז־הויוון. אַף די ווענט אויסגעשניטענע בילדער פון האַלב־נאַקעטע טענצעריגס פון די זונטיקדיקע ענגלישע צייטונגען. אַף׳ן טיש אַ פלאַש מיט בראנפן און צוויי גלעזלאַך. דאָס פענסטער איז אָפן, אָבער פאַרצויגן מיט אַ פאַרהאַנגל. דער רעכטער ווינקל איז פאַר־האַנגען און דינט אַלס קליידער־אַלמער.

דזשים, אַ געזונטער, ברייט־פּליוציקער מאַן, מיט אַ קאָפּ רויטע, גלאַט־פאַרקעמטע האָר, שפּאַנט אומרואיק איבער׳ן צימער. דאָס ווייסע העמד איז ברייט צעשפּילעט, די אַרבל פאַרקאַטשעט. ער קייט טאַבאַק און גיט אַפּט אַ וווייטן שפּיי אין אַ ווינקל. גייט אַ פּאָר מאָל צו און קוקט אַרויס דורכ׳ן פענסטער. בלייבט שטיין באַם טיש, גיסט אָן אַ גלעזל בראַנפן, טרינקט עס אויס, גייט ווידער צום פענסטער, קוקט אַרויס און דרייט אומצופרידן מיט׳ן קאָפּ. מיט אַמאָל גייט ער אַוועק פונ׳ם פענסטער, בלייבט שטיין אין מיט׳ן שטוב און וואַרט. אַ פּאַוזע. מאַרטאַ, אַ 18־יאַריקע, שוואַרצע מיידל, קומט שנעל אַריין, בלייבט שטיין ניט זיכער בײַ דער טיר. אָטעמט שווער. קוקט וואַרטנדיק אַף אים.

דזשים (שטרענג): וואָס אַזוי שפּעט?

מאַרטאַ: קוים דערלאָפן. די בעל־הבית׳טע האָט מיך פאַרהאַלטן.

דזשים: צום טייוול קענסטו גיין מיט דיין בעל־הבית׳־טע צוזאַמען!

מאַרטאַ (לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ).

דזשים: ווי לאַנג דענקסטו דאַרף איך עס וואַרטן אַף דיר? (נעמט אַרויס דעם זייגער, ווייזט איר אים פון ווייטנס.) האָסט געזאָגט וועסט קומען פינף, און איצט איז נאָך זעקס.

מאַרטאַ (בייז): זיי מיר מוחל, דזשים! ס׳איז ניט מיין שולד. פינף אַזייגער בין איך פאַרטיק געוואָרן מיט מיין

אַרבעט און געװאָלט אַװעקגײן, איז די בעל־הבית׳טע קראַנק געװאָרן און כ׳האָב געמוזט װאַרטן ביז דער בעל־הבית איז אַהײמגעקומען.

דזשים (נאָך אַ פּאַוזע): נו, גוט. זאָל שוין זײן. דאָס מאָל פאַרגיב איך דיר, אָבער אַ צװײטן מאָל װעל איך דיר די בײנער אָנברעכן. דו האָב זי אין דער ערד, די פּעטע שקאַפּע, די בעל־הבית׳טע דײנע. אַז דו מאַכסט אָפּ זיך צו טרעפן מיט מיר, מעג זי אַפילו צוזעצט װערן שרײענדיק, דאַרפסטו זי ניט הערן. דו מוזסט קומען צו דער מינוט. עס װעט דיר גאָרניט שאַטן דו זאָלסט אױף מיר װאַרטן, ניט איך אױף דיר! (גיסט אָן בײדע גלעזלאַך.) נו, קום אַהער! װאָס שטײסטו נעבן דער טיר?

מאַרטאַ (גײט צום טיש): זײ מיר מוחל, טײערער.

דזשים: איך בין װיכטיקער פון איר. זאָל זי פאַרברענט װערן. (גיט איר אַ גלעזל בראַנפן.) דײן גליק װאָס כ׳האָב דיך ליב אַביסל, אַניט . . . (טראָגט צו זײן פױסט צו איר פּנים, לאַכט).

מאַרטאַ (קושט זײן פױסט, גלעט אים דעם פּנים, נעמט דאָס גלעזל, לאַכט): װעסט ניט זײן אַזױ שלעכט צו מיר. איך װאָלט דאָך דאָס לעבן פאַר דיר אָפּגעגעבן!

דזשים (נעמט מיט אײן האַנט זײן גלעזל בראַנפן און מיט דער צװײטער נעמט ער זי אַרום): װאָלסטו, הײסט עס, דײן לעבן פאַר מיר אָפּגעגעבן?

מאַרטאַ (שאָקלט מיט׳ן קאָפּ אױף יאָ).

דזשים (צופרידן): גוט אַזױ! פּרוּװן דאַרפן שטענדיק פאַר אונז אָפּגעבן זײערע לעבנס. נו, טרינק! (בײדע טרינקען אױס דעם בראַנפן).

מאַרטאַ (שטעלט אַװעק דאָס גלעזל אױפ׳ן טיש): שטאַרקער בראַנפן!

דזשים: טײערער בראַנפן! (שטעלט אַװעק דאָס גלעזל, נעמט זי אױך אַרום מיט דער צװײטער האַנט, דריקט זי צו זיך.) דו פאַרשאָלטענע זאַך! װײסט גאָר ניט װאָס פאַר אַ טײערע

נקבה דו ביסט! ביסט נאָך יונג, ווייסט נאָך גאַנץ ווייניק, אָבער לאָז עס איבער צו מיר. איך וועל דיך שוין אויסלערנען. אַ גוטע נאַכט געהאַט לעצטע וואָך, ניט אמת? מיר וועלן היינט האָבן ניט קיין ערגערע. נו, גיב אַהער די חזיר'שע ליפּן דיינע! שנעל! (וויל זי קושן).

מ אַ ר ט אַ (דרייט לאַכנדיק אַוועק דעם קאָפּ): כאַפּ ניט, דזשים: וועסט זיך אָפּבריען!

ד ז ש י ם (לאַכט): אַך, דו פאַרשאָלטענע קלאַפּער־שלאַנג; די נאָז וועל איך דיר באַלד אָפּבייסן! (דריקט זי צו צום טיש, פאַרקלאַמערט איר דעם קאָפּ מיט איין האַנט און בייסט זיך איין מיט די ציין אין אירע ליפּן).

מ אַ ר ט אַ (קעמפּט מיט אים אַ ווײַלע, קרעכצט, פאַרוואַרפט די הענט אַרום זיין האַלז און קושט אים ליידנשאַפטלאַך. אַ פּאַוזע. זי רייסט זיך אויס פון זיינע הענט, אָטעמט שווער): דו נעמסט אַוועק פון מיר מיין אָטעם.

ד ז ש י ם: גוט אַזוי, דו שוואַרצער טייוול! (וויל זי ווידער אַרומנעמען).

מ אַ ר ט אַ (טרעט אָפּ צוריק, זאָגט באַליידיקט): נו, און אַז אַ שוואַרצע, איז וואָס? געפעל איך דיר ניט?

ד ז ש י ם: גיי צום טייוול! ווער זאָגט, דו געפעלסט מיר ניט?! איך פאַרשטיי ניט, וואָס האָסטו זיך צו באַליידיקן? ביסט דאָך פאָרט ניט קיין ווייסע!

מ אַ ר ט אַ (אָנגעצויגן): נו, איז וואָס? גיב איך דיר ניט דעם זעלבן פאַרגעניגן וואָס אַ ווייסע?

ד ז ש י ם (לאַכט): אָ, ביסט אַ פאַרשאָלטענער נאַר! זאָל מיך גאָט שטראָפן, אויב כ'וואָלט דיך פאַרביטן פאַר דיין פּעטער, ווייסער בעל־הבית'טע! אָט זאָג מיר, אַז איך בין אַ ווייסער אָדער אַ רויטער, וועסטו זען צי ס'וועט מיך אַרן. דער שוואַרצער יאָר ווייסט דיך פאַר וואָס דו באַליידיקסט זיך, ווען מען זאָגט, אַז דו ביסט אַ שוואַרצע!

מ א ר ט א : ווייל מען ווארפט עם אונז שוין צופיל אוים, ווייל מען האט אונז פיינט.

ד ז ש י ם (כאפט זי ארום) : א, צום טייוול! וואס גייען אונז אנדערע אן? איך האב דיך ליב, און דאס אלץ! (פירט זי צום טיש, גיסט אן די גלעזער מיט בראנפן.) נעם און טרינק. מיר וועלן היינט האבן א פראכטפולע נאכט! (ווייזט אפ'ן קאסטן.) כ'האב דארטן נאך דריי פלעשער שנאפס און צוויי פלעשער וויין.

מ א ר ט א : זע, דער פראהיבישן־אגענט זאל דיך ניט כאפן.

ד ז ש י ם (לאכט) : קיינמאל ניט!

מ א ר ט א : מיט וואס ביסטו עס אזוי זיכער?

ד ז ש י ם : ווייל ער אליין האט מיר דעם שנאפס פאר־קויפט. (ביידע לאכן.) נו, טרינק.

מ א ר ט א : גיב עפעס צום פארבייסן. דער בראנפן ברענט ווי דיינע חזיר'שע קושן.

ד ז ש י ם (לאכט) : דאס האב איך אנגעגרייט. (נעמט ארויס פון קאסטן א שאכטל מיט שאקאלאד, שטעלט עס אוועק אפ'ן טיש. גיט איר א קלאפ איבער'ן הינטן.) זעסט, מיידעלע, אלץ פון דיינעטוועגן אנגעגרייט. (גיט איר דאס גלעזל.) קומענדיקע וואך וועל איך זיין אין ניו יארק און דיר ברענגען פון דארטן א רינגל, אז אלע דיינע וועלן פלאצן קוקנדיק אף דעם. דו זיי נאר א גוט מיידל און פאלג וואס מען הייסט דיר. נו, טרינק!

(ביידע טרינקען אוים דעם בראנפן. זי פארבייסט מיט שאקא־לאד. ער גייט צו און פארשליסט די טיר).

מ א ר ט א : דו נארסט מיך ניט אפ?

ד ז ש י ם (גיט זיך א קלאפ אין ברוסט) : דזשים'ס ווארט איז הייליק! איך האב פאר־א־יארן צוגעזאגט מיינער א געווע־זענער געליבטער איר אנצוברעכן די ביינער. און מיינסטו, אפשר, כ'האב עס ניט דורכגעפירט? בא יעזוס'ן שווער איך דיר, אז כ'האב איר צוזעצט די מארדע ניט קוקנדיק וואס איר איטאליענישער געליבטער האט מיך געוואלט שטעכן! נישקשה, דזשים'ס ווארט האט נאך עפעס ווערט! (חויבט אן אנגיסן די

גלעזלאך, בלייבט מיט אַמאָל שטיין.) זאָג נאָר, מיידל, האָסטו אפשר אויסגעפּלאַפּלט דעם חתן דיינעם, אַז דו טרעפסט זיך מיט מיר?

מאַרטאַ (דערשראָקן): טאָמ'ען? זאָל מיך גאָט שטראָפן! ער וואָלט מיך דערשטיקט. (גייט צו.) וואָס איז געשען? האָט ער דיך עפּעס געפרעגט?

דזשים (דערגיסט די גלעזלאך): ער וואָלט מער ניט באַדאַרפט. די ציין וואָלט איך אים אויסגעזעצט, דעם שוואַרצ... (האַלט זיך צוריק.) דעם פערד, ווען ער וואָגט מיר נאָר עפּעס צו זאָגן! כ'האָב אָבער עטלאָכע מאָל באמערקט, אַז ער נעמט זיינע צוויי הינטישע אויגן פון מיר ניט אראָפּ. אויב דאָס וועט אויך מאָרגן פּאַסירן, צוקלאַפּ איך אים די מאָרדע און טרייב אים ארויס.

מאַרטאַ (פאַרזאָרגט): בעסער טו עס ניט, דזשים. איך בעט דיך. דאַן וועט ער שוין זיכער זיין, אַז מיר טרעפן זיך, און ס'וועט אונז ביידן פעלן אַ קרענק.

דזשים: ווער האָט עס מורא פאַר אים?!

מאַרטאַ: איך זאָג ניט, אַז דו האָסט מורא. אָבער דו ווייסט ניט ווי שטאַרק ער איז. פאַרגעס ניט, אַז איך בין זיין כלה, און אויב דו וועסט אים אָפּזאָגן, וועלן מיך מיינע עלטערן אָוועקנעמען פון דאַנען. דערצו איז טאַם אַזאַ גוטער, אַזאַ ווייכער און ליבט מיך זייער שטאַרק. זאָג אים ניט אָפּ. כ'בעט דיך.

דזשים: וואָס בעטסטו אַזוי פאַר אים? האָסט אים, אפשר, ליב? קענסט גיין צו אים!

מאַרטאַ: ניין, דזשים. בלויז דיך האָב איך ליב. דו קענסט מיט מיר טאָן וואָס דו ווילסט. דו ביסט מיין בעל־הבית. איך האָב אים פיינט.

דזשים: ווייסט ער, אַז דו האָסט פּרייטיק ניט גענעכטיקט אין דער היים?

מאַרטאַ: יאָ.

דזשים (בייז): דו פארשאָלטענע זאַך, פאַרוואָס האָסטו עס אים דערציילט?

מארטא (שאָקלט מיט'ן קאָפּ אַף ניין): איך בין נאָך פון זינען ניט אַראָפּ.

דזשים: ווי אַזוי זשע האָט ער זיך וועגן דעם דערוואוסט?

מארטא: ער איז באַנאַכט געקומען און געפרעגט אַף מיר. האָט די בעל־הבית'טע אים געזאָגט, אַז כ'בין אוועקגעגאַנגען. האָט ער זיך אוועקגעזעצט אַף די טרעפּ וואַרטן. און ווען כ'בין אין דער פרי אַהיימגעקומען, האָט ער נאָך אַלץ געוואַרט.

דזשים (גייט איבער'ן צימער, זאָגט שטיל): אַזאַ פּאַסקודנער הונט! (בלייבט שטיין.) אָבער וואָס האָט אים געמאַכט דענקען, אַז דו ביסט געווען בא מיר, און ניט בא אימיצן אַנדערש?

מארטא: כ'ווייס ניט. מעגלאַך, ווייל ער האָט אונז אייערנעכטן באַמערקט שטיין און ריידן? געדענקסט, ווי דו האָסט מיך אָפּגעשטעלט באַם אַריינגאַנג, ווען איך האָב אים געבראַכט עסן?

דזשים: איך געדענק. כ'האָב דיך ניט באַדאַרפט דאַן אָפּשטעלן. (גיט אַ מאַך מיט'ן האַנט.) צום טייוול, וועמען אַרט עס? זאָל ער נאָר וואַגן צו זאָגן אַ וואָרט, צוזעץ איך אים די מאָרדע און וואַרף אים אַרויס. (גייט צו, נעמט זי אַרום.) קום, זיס מיידל, און האָב אים אין דער ערד, פּונקט ווי איך. (פירט זי צום בעטל, זעצט זיך אַוועק און ציט זי אַרויף צו זיך אַף די קני).

מארטא (נעמט אים אַרום): אַך, דזשימי, ווען דו ווייסט ווי ליב איך האָב דיך!

דזשים (ציט אַראָפּ פון איר דאָס קאַפּטל): מיך האָבן שוין זייער אַ סך מיידלאַך ליב געהאַט! ווייסע און שוואַרצע און געלע. אַלערליי. אַזאַ מזל האָב איך שוין. נקבות פּגר'ן נאָך מיר!

מאַרטאַ (דריקט זיך צו אים שטאַרקער): טייערער מיי־נער, כ'האָב נעכטן אין חלום אַ גאַנצע נאַכט פאַרבראַכט מיט דיר.

דזשים (לאַכט): צו וואָס אין חלום? כאַפּט מען זיך אין מיטן נאַכט אריין צו מיר. איך בין פאַר דיר צו יעדער צייט גרייט.

מאַרטאַ (גיט זיך אַ כאַפּ): זע, דאָס פענסטער איז אָפן!

דזשים (גיט אַ קוק): אָ, צום טייוול! פאַרגעסן עס צו פאַרמאַכן. (הויבט זיך אויף, גייט צום פענסטער, קוקט ארויס דורכ'ן פאָרהאַנגל, קוקט זיך איין אַ ווײַלע, גיט אַ שטילן רוף.) מאַרטאַ, מאַרטאַ, קום אהער! שנעל! עס שטייט ווער איבער'ן וועג און קוקט אהער!

מאַרטאַ (דערשראָקן): ווער?

דזשים: כ'ווייס ניט. אפשר איז עס ער . . . טאָם?

מאַרטאַ (לויפט צום פענסטער, קוקט זיך איין אַ ווײַלע, זאָגט דערשראָקן): יאָ, דאָס איז ער! (טרעט אָפּ אין שרעק פונ'ם פענסטער).

דזשים: ביסטו זיכער?

מאַרטאַ (שאָקלט מיט'ן קאָפּ אַף יאָ).

דזשים (טראַכט אַ ווײַלע, זאָגט אנטשלאָסן): ער וועט ניט וואגן אריינצוקומען אהער. אָבער דו באהאַלט זיך אָט דאָרטן, אין ווינקל, צווישן מיינע זאַכן.

מאַרטאַ (ציטערט פאַר שרעק): כ'האָב מורא, ער וועט זיך אריינרייסן אהער און אונז ביידן הרג'ענען!

דזשים: ווי אַ הונט וועל איך אים מיט אַ בייטש פון דאַנען ארויסטרייבן!

מאַרטאַ: ער וועט אַ גאַנצע נאַכט שטיין און היטן!

דזשים: זאָל ער שטיין!

מאַרטאַ (גנב'עט זיך צו, קוקט ארויס דורכ'ן פענסטער. שרייט אויס דערשראָקן): ער גייט אהער!

ד ז ש י ם: באהאלט זיך! איך וועל שוין זען, וואָס כ'האָב צו טאָן.

מ אַ ר ט אַ (וויינט): אָ, יעזוס, וואָס וועט זיין?! וואָס וועט זיין?!

ד ז ש י ם (גיט אַף איר אַ טופּע מיט'ן פוס): שווייג, דו באָם! באהאלט זיך!

מ אַ ר ט אַ (פאַרשווינדט אין ווינקל צווישן די קליידער).

(אַ פּאַוזע. עס הערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר. דזשים לעגט זיך אפּ'ן בעטל, מאַכט זיך שלאָפנדיק. מען קלאַפּט שטאַרקער).

ד ז ש י ם (מיט אַ פאַרשלאָפענער שטימע): ווער קלאַפּט עס דאָרטן?

ט אָ ם (פון דרויסן): איך בין עס, טאָם.

ד ז ש י ם: טאָם? וואָס ווילסטו?

ט אָ ם: עפן די טיר, כ'וויל דיך זען.

ד ז ש י ם (גייט, עפנט די טיר, לאָזט אים אריין. געניצט): וואָס איז געשען?

ט אָ ם (אַ געזונטער, ברייט-פּלייציקער שוואַרצער. קוקט זיך שנעל ארום): ביסט אליין?

ד ז ש י ם: ווי דו זעסט.

(ביידע קוקן זיך שווייגנדיק אָן אַ ווייל).

ט אָ ם (ניט אנטשלאָסן): כ'האָב דיר געוואָלט פרעגן ... דיך בעטן ...

ד ז ש י ם (אומצופרידן): וואָס דרייסטו אַ קאָפּ? זאָג וואָס דו ווילסט, אָדער גיי! מיך אומזיסט פון שלאָף אויפגעוועקט.

ט אָ ם (וואַרפט אַ שנעלן בליק איבער'ן צימער): ביסטו טאַקע אין דער אמת'ן געשלאָפן? און (קוקט זיך ווידער ארום.) ביסטו טאַקע אליין?

ד ז ש י ם (בייז): הער, טאָם, דאַכט זיך, אַז דו ביסט שיכור! גיי שלאָף זיך איבער, אָדער איך וואַרף דיך באַלד ארויס.

טאָם (קוקט אויף אים): ווערסטו האָבן אַ שווערע אַרבעט, דזשים. איך וועג צוויי הונדערט פונט.

דזשים: דו ווייסט, אַז איך קען עס.

טאָם: מיט מיר האָסטו זיך נאָך ניט געפּרואווט.

דזשים: וועל איך עס דיר היינט באַווייזן.

טאָם (גיט מיט צווייפל אַ דריי מיט'ן קאָפּ).

דזשים: אָבער וואָס ווילסטו?

טאָם: הייסט עס, קיינער איז בא דיר ניטאָ?

דזשים: כ'האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז ניין.

טאָם (ווייזט אָן אויפ'ן טיש): דאָס טרינקסטו, הייסט עס, אַליין פון צוויי גלעזלאַך?

דזשים (וואַרפט אַ בליק אויפ'ן טיש, צולאַכט זיך): דאָס האָב איך מיט אַ פריינט פריער געטרונקען און פאַרגעסן צו־נעמען די גלעזלאַך.

טאָם (שאָקלט צו מיט'ן קאָפּ): אַזוי, אַזוי!... הער, דזשים. מיר'ן איצט אָפּלאָזן די פראַגע צי מאַרטאַ געפינט זיך איצט בא דיר צי ניט. איך בין דיך געקומען בעטן, זאָלסט מיר געבן דיין ערן־וואָרט, אַז פון היינט אָן זאָלסטו זיך מער ניט טרעפן מיט איר.

דזשים (בייז): דו ביסט שכור, טאָם!

טאָם: ניין, דזשים, ניכטער ווי קיינמאָל ניט אין מיין לעבן. איך ווייס אָבער, אַז דו טרעפסט זיך מיט איר, אַז לעצטן פרייטיק איז זי דאָ געשלאָפן בא דיר.

דזשים (שרייט): ס'איז אַ גאָט פאַרדאַמטער ליגן!

טאָם (פעסט): ס'איז אמת. איך האָב אַ גאַנצע נאַכט געוואַרט אויף איר נעבן אירע טרעפּ און אַנדערע האָבן זי געזען גאַנץ פרי זיך אַרויסכאַפּנדיק פון דיין צימער.

דזשים (בייז): ס'איז אַ גאָט פאַרדאַמטער ליגן, זאָג איך דיר נאָך אַמאָל! דער, וואָס האָט עס דיר געזאָגט, איז אַ לויזיקער הונט! זאָג מיר זיין נאָמען, און כ'וועל אים מאָרגן אין דער פרי מיט מיינע אייגענע הענט דערשטיקן!

טאם (טרויעריק): דער ווייסער גלח האלט פאר אונז אלע זונטיק דרשות אין קלויסטער און דערציילט אונז, אז מען דארף לעבן נאך גאט'ס געבאט, מען טאר ניט גנב'ענען, רויבן, זאגן ליגן. און אט דו, א ווייסער מענטש, שטייסט פאר מיר און חזר'סט א סך מאל איבער איינעם און דעם זעלבן ליגן! און דו שעמסט זיך ניט און האסט פאר גאט קיין מורא ניט.

דזשים (הויבט אויף זיין האנט): האלט מויל, דו שמוציקער ניגער! ווי וואגסטו אזויריידן צו מיר?

טאם (שאקלט טרויעריק מיט'ן קאפ): כ'וויים עס, דזשים. כ'פארגעס קיינמאל ניט, אז כ'בין בלויז א שמוציקער ניגער. אבער דער ניגער האט אויך א הארץ, וואס קען וויי טאן, האט א נשמה, וואס קען ליבן און ליידן. און אט בין איך איצט געקומען צו דיר און בעט דיך, (דורך טרערן.) וויין פאר דיר: גיב מיר צוריק מיין מיידל, מיין כלה! צו וואס דארפסטו זי? האסט וועניק אנדערע? מארטא איז נאך א קינד, קיין אכטצן יאר ניט אלט. דו האסט זי דאך ניט ליב, וועסט דאך זיכער ניט חתונה האבן מיט איר. וועסט זיך אפשפילן אביסל מיט איר און ווען זי וועט שוואנגער ווערן, וועסטו זי ארויסטרייבן פון דיין הויז, ווי מען טרייבט ארויס א קראנקן הונט. (ווישט די טרערן.) דזשים, ווי גאט איז וואר, איך בין דיינער א פריינט. איך וועל זיין דיינער א שקלאף, וועל אף די קני פאר דיר שטיין, אבער האב רחמנות אף מיר און אף מארטא'ן און הער זיך אויף מיט איר צו טרעפן. דו גלויבסט דאך אין יעזוס'ן, גלויבסט דאך אין גאט?! (ווישט די טרערן).

דזשים (אומצופרידן): גיי אהיים און שלאף זיך אויס. ברענג מיך מער ניט ארויס פון געדולד.

טאם: כ'וועל ניט אהיימגיין, דזשים, ביז דו וועסט מיר ניט צוזאגן.

דזשים: וועל איך דיך ארויסווארפן, ווי א גע'פגר'טן הונט!

טאם: כ׳וועל ניט גיין. גיב מיר דיין וואָרט, אַז דו וועסט זיך מער ניט טרעפן מיט מארטא׳ן.

דזשים (ווייזט אַף דער טיר): ארויס פון דאַנען!

טאם (דערזעט אַפ׳ן בעטל מאַרטאַ׳ס קאַפּטל, לויפט צו, כאַפּט עס אין די הענט, באטראכט עס): נו, דזשים, וואָס וועסטו איצט זאָגן?

דזשים (גיט אַ נעם אַ שטול אין האַנט): ארויס פון דאַנען, די שמוציקער ניגער! דו לויזיקער ממזר, דו פּאַסקודנע נבלה! ארויס פון דאַנען!

טאם (גלייכט זיך אויס): וואַרף אַוועק דעם שטול. שלאָג זיך ווי אַ מאַן!

דזשים: ארויס פון דאַנען! (וויל אים דערלאַנגען מיט׳ן שטול איבער׳ן קאָפּ. טאם רייסט ארויס דעם שטול פון זיינע הענט, וואַרפט אים אַוועק. ביידע הויבן אָן אַ ביטערן קאַמף. מאַרטאַ קוקט ארויס פון אונטער׳ן פאָרהאַנג, פאָלגט אָנגעשטרענגט נאָך דעם גע־שלעג. אַ פּאַוזע. די עמדער אַף ביידע מענער ווערן צוריסן אַף שטיקלאַך. ענדלאַך פאַלט דזשים צום פלאָר און בלייבט ליגן באַוועג־לאָז. בלויז דער קאָפּ באַוועגט זיך לייכט. טאם שטייט אָנגעשטרענגט איבער אים).

מאַרטאַ (גייט שטיל צו, לעגט ארויף איר האַנט אַף טאם׳ס אַקסל. ער ציטערט אויף, דרייט זיך שנעל אוים צו איר. זי זאָגט שטיל): קום פון דאַנען, טאם. קום, פריינט! מיר זיינען דאָך בלויז צוויי ניגערס. (דורך טרערן.) צוויי שמוציקע ניגערס! קום! (פאַרדעקט דאָס פּנים מיט די הענט. וויינט).

טאם (קוקט זיך איין אַ ווייַלע אין איר פּנים, הויבט שנעל אויף איר קאַפּטל, ווישט דערביי אוים די טרערן. זאָגט שטיל): אָרימע מיידל מיינע! (נעמט זי אָרום, פירט זי לאַנגזאַם ארויס).

פּאָרהאַנג.